STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05743

# ALE MESHOLIM FUN DUBNER MAGED

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אלע משלים
# פון דובנער מגיד

געזאַמעלט און איבערזעצט פון זיינע
ווערק „אהל יעקב", „קול יעקב", „כוכב
מיעקב", „אמת ליעקב" און „ספר המדות"

פון
**ת ש ר " ק**

אין צוויי טייל

**צווייטער טייל**

ניו יאָרק
**TASHRAK PUBLISHING CO.**
187 East Broadway, New York

תרפ"ה

# THE PARABLES OF THE PREACHER OF DOUBNO

Copyright 1925
By ISRAEL J. ZEVIN

Press Work and Binding by Montauk Bookbinding Corp.
194 Greene Street New York, U.S.A.

# אינהאַלט פערצייכנים

צווייטער טייל


| | | זייט |
|---|---|---|
| 1. | ער האָט א ברירה אָבער... | 13 |
| 2. | בעסער פערשוויגען | 15 |
| 3. | דער אָרימאַן מיט זיין פעקעל | 16 |
| 4. | דער מענש צאָהלט | 17 |
| 5. | דער רשע און דער חכם | 19 |
| 6. | אַ קבצן וויל ווערען א „מורינו" | 21 |
| 7. | שלעכטע מטבעות | 22 |
| 8. | דער סוף פון א בעל גאוה | 23 |
| 9. | א קלוגער ממה נפשך | 25 |
| 10. | אן אָרימאנס גליק | 27 |
| 11. | צוטריבען די געסט | 28 |
| 12. | דער פערשטעלטער אָרימאן | 29 |
| 13. | אַן אָרימאנס פערלאַנג | 30 |
| 14. | פון צדקה ווערט מען רייכער | 32 |
| 15. | אחדות | 34 |
| 16. | דער אָרימאַן קריגט חוצפה | 35 |
| 17. | צוויי בלינדע בעטלער | 36 |
| 18. | די משכנות האָט ער פערגעסען | 37 |
| 19. | זיך ניט געאיילט | 40 |
| 20. | פערגעסט ניט אייערע ברידער | 41 |
| 21. | אונדאַנקבאַרער מענש | 42 |
| 22. | אויף וועמען מען קלאָגט | 43 |
| 23. | דער מלך און די בת מלכה | 44 |
| 24. | אַ חכם קען אמאָל אריינפאלען | 48 |
| 25. | כבוד צו כבוד איז ניט גלייך | 49 |

| | | זייט |
|---|---|---|
| 26. | גרויס געלד און קליין געלד | 50 |
| 27. | דורכגעלאָזען די געלעגענהייט | 52 |
| 28. | ברויט מיט ברויט | 54 |
| 29. | מחותנים ווערען שונאים | 55 |
| 30. | דער מבין | 56 |
| 31. | די שטראף פון א בעריהמער | 59 |
| 32. | אַ קריוודע אויפ'ן רבוש"ע | 61 |
| 33. | אויסגעלאָזען זיין כעס | 61 |
| 34. | פערשפאַרט אן ארבייט | 63 |
| 35. | ער האָט אַנגעגרייט פאר אלעמען | 64 |
| 36. | א איד מיט בטחון | 65 |
| 37. | צוויי מלכים | 66 |
| 38. | ער איז קיין נצרך | 67 |
| 39. | ווען דיין שונא איז הונגעריג | 68 |
| 40. | די לעצטע מינוט | 69 |
| 41. | די הארץ איז דער עיקר | 70 |
| 42. | די טייערע בריליאנטען | 72 |
| 43. | פטור געוואָרען פון אַן אַנזעצער | 73 |
| 44. | די שטראָף פון פערברעכער | 75 |
| 45. | ווארום ער האָט געשוויגען | 77 |
| 46. | מיט יענעם איז ער זיכער | 78 |
| 47. | דער אָרימער יחסן | 79 |
| 48. | אפעלסינען און רעטיכער | 80 |
| 49. | די ריכטיגע רפואה וועט קומען | 82 |
| 50. | דער רבי האָט געטראָפען | 84 |
| 51. | דער שווער און דער איידים | 87 |
| 52. | די צוויי פאָרלעך | 89 |
| 53. | דער שיכור | 91 |
| 54. | אַ חכם און א מבין | 92 |
| 55. | וואו איז דער אויבען־אָן | 95 |

| | | |
|---|---|---|
| .56 | אבגעטאָהן דעם טאַטען | 96 |
| .57 | האָט פערדיענט זיין שטראָף | 97 |
| .58 | צוויי משולחים | 99 |
| .59 | אַ נס איז איהם געשעהן | 100 |
| .60 | דער גנב וויל בלייבען אַ צדיק | 101 |
| .61 | ווען עס העלפט שוין קיין זאַך ניט | 103 |
| .62 | די געבונדענע הינדעל | 104 |
| .63 | דער צולאָזענער אינגעל | 105 |
| .64 | אחטא ואשוב | 107 |
| .65 | דעם מלמד'ס וואונש | 108 |
| .66 | דער נאַרישער אינגעל | 109 |
| .67 | די צוויי תלמידים | 110 |
| .68 | דער וואָס לעבט אין טעות | 112 |
| .69 | דער רב און דער מלמד | 113 |
| .70 | די פיער קשות | 114 |
| .71 | די צוויי רבנים | 115 |
| .72 | צדקה און מעשר | 116 |
| .73 | ווען אַ מענש בעקומט פריינד | 118 |
| .74 | אַ חשד בדרך כבוד | 120 |
| .75 | ווער עס פערדיענט אַ בעלוינונג | 121 |
| .76 | צוויי שלעכטע חברים | 123 |
| .77 | דער שפיעגעל | 124 |
| .78 | איבערגעשריען אלעמען | 125 |
| .79 | געארבייט פאר'ן טייוועל | 127 |
| .80 | די צוויי שותפים | 128 |
| .81 | דער נאַרישער יעגער | 130 |
| .82 | די צוויי חזנים | 131 |
| .83 | אַ שטאָדט מיט קרובים | 132 |
| .84 | דער אלטער וועג | 134 |
| .85 | אַם נעהמט קינד'ס מעדיצין | 135 |

| | | זייט |
|---|---|---|
| .86 | אויסגעהונגערט דעם איידים | 136 |
| .87 | דאָס ערגסטע פון אלעם | 138 |
| .88 | צוויי ברידער מיט צוויי כונות | 139 |
| .89 | ניט אלעמען מאכען קליידער לייטיש | 141 |
| .90 | זיין אָרימקייט צייגט אויף עשירות | 142 |
| .91 | דריי ערליי חולאים | 144 |
| .92 | צוויי מאָל בעשטראפט | 146 |
| .93 | די צוויי ארענדארען | 147 |
| .94 | שוין ניט מעהר א קינד | 148 |
| .95 | ווען א קאָנטראַקט גילט | 150 |
| .96 | דער פויער און דער פראק | 152 |
| .97 | ווען איהם איז גוט וויינט ער | 154 |
| .98 | ווען א נאר שאָקעלט זיך | 155 |
| .99 | דער סארוועך | 156 |
| .100 | דער בעל טובה | 157 |
| .101 | א הונגעריגען דארף מען ניט בעטען | 159 |
| .102 | דער רייך געוואָרענער מחותן | 161 |
| .103 | לויט דעם טרויער אַזוי די פרייד | 162 |
| .104 | א שוואכער קאָלעקטאר | 163 |
| .105 | דער שטרענגער דאָקטאר | 164 |
| .106 | דער פערגלייך | 165 |
| .107 | ניט דעם שניידערס שולד | 167 |
| .108 | אַן אָרענטליכער שווינדעל | 168 |
| .109 | די דריי שותפים | 169 |
| .110 | די מאה און די דעה | 173 |
| .111 | געפונען אַן אויסוועג | 174 |
| .112 | דער שטרענגער אפטרופס | 176 |
| .113 | אויף א דאָקטאָר דארף מען זיך ניט פערלאָזען | 177 |
| .114 | זיך אָנגעמאכט אַן אומזיסטען גלות | 182 |

| | | |
|---|---|---|
| | | זייט |
| .115 | אלעם ליעגט אין דער צונג | 184 |
| .116 | דורך פרעמדע הענד | 186 |
| .117 | דער קלוגער פעטער | 187 |
| .118 | דער קוכער און דער דאָקטאָר | 189 |
| .119 | אַ קנאַפּער נחת | 190 |
| .120 | אַ פּוהר מיט גלעקלעך | 191 |
| .121 | מיר לעבען מיט נסים | 193 |
| .122 | דער מרה שחורה׳ניק | 195 |
| .123 | ביי וועמען עס איז גוט צו פרעגען | 197 |
| .124 | אַ שלאָפעדיגער גאַסט | 198 |
| .125 | העלפען און שענקען | 200 |
| .126 | א ריכטיגער סימן | 201 |
| .127 | דער פער׳משכונ׳טער פוטער | 202 |
| .128 | אן אשת חיל | 204 |
| .129 | די דריי גוטע פריינד | 205 |
| .130 | אַ אינגעל מאכט אַ חשבון | 207 |
| .131 | דער גבור | 208 |
| .132 | שטויב און בלאָטע | 210 |
| .133 | דער ציגיינער | 211 |
| .134 | זיך אליין גענאַרט | 213 |
| .135 | די גרויסע שיסעל | 214 |
| .136 | דעם זוהנ׳ס טענות | 215 |
| .137 | ער האָט אויסגעפיהרט | 216 |
| .138 | דעם פאָטער׳ס כתב | 217 |
| .139 | דער תלמיד און דער בעהעלפער | 218 |
| .140 | זיינע צוויי ווייבער | 219 |
| .141 | אז מ׳גיט אַ נאַר אַ מתנה | 220 |
| .142 | דער מענש און זיין מזל | 222 |
| .143 | שלעכט געלערנט | 223 |
| .144 | די קלוגע צוואה | 224 |

זייט

| | | |
|---|---|---|
| .145 | פערקויפט זיין קעסט | 227 |
| .146 | ווען דער זאטער גלויבט דעם הונגעריגען | 228 |
| .147 | די צוויי ברידער | 229 |
| .148 | דער אָרימער שותף | 230 |
| .149 | א קבצנ׳ישער גביר | 232 |
| .150 | אַן אומזיסטער געוויין | 233 |
| .151 | דער רייכער אביון | 234 |
| .152 | א גנב מאכט אַן אָנשטעל | 235 |
| .153 | ער האָט געוואָלט אַפעטיט | 237 |
| .154 | דעם אלטענס פאַלאַסט | 238 |
| .155 | ער דאַרף קיין פּאַספּאָרט | 240 |
| .156 | א נגיד צווישען גבירים | 241 |
| .157 | זיי האָבען געזוכט פרנסה | 242 |
| .158 | אויף פרעמדע איז ער ניט קאַרג | 243 |
| .159 | דער גרויסער טאָפּ | 245 |
| .160 | אַן אוצר אין חלום | 246 |
| .161 | פריינדשאַפט איז ניט האַנדעלשאַפט | 249 |
| .162 | די צוויי גנבים | 250 |
| .163 | א וועהטאָג איז א גוטער סימן | 252 |
| .164 | אַן אָרימאַנ׳ס גליק | 253 |
| .165 | אַ לעבען אָהן חשבון | 255 |
| .166 | דער בלינדער גנב | 256 |
| .167 | ווער האָט געצאָהלט מעהר | 258 |
| .168 | פאַר אַ גנב איז ניטאָ קיין שלאָס | 259 |
| .169 | די צוויי סוחרים | 260 |
| .170 | ניט געוועזן וואָס מקנא צו זיין | 262 |
| .171 | ווען עס פעהלט דער פינטעלע | 263 |
| .172 | דער פייפעל | 264 |
| .173 | די בעסטע אכסניא | 266 |
| .174 | אַ פעהיגער מענש | 267 |

| | | |
|---|---|---|
| .175 | ער וואקסט א דלפון | 268 |
| .176 | דעם איידים׳ס טענה | 270 |
| .177 | ניט דער ריכטיגער וואונש | 271 |
| .178 | ווען א פאָטער פרעהט זיך | 273 |
| .179 | ארייגעלייגט א תירוץ אין מויל | 274 |
| .180 | די פורים סעודה ביים רב | 276 |
| .181 | דער אָרימער בעל חוב | 278 |
| .182 | פערשידענע מענשען, פערשידענע צייטען | 279 |
| .183 | ווען קינדער מוזען העלפען | 281 |
| .184 | דער שליסעל | 282 |
| .185 | אַ געזינדעל קיין עין הרע | 284 |
| .186 | וואָס טויג דעם דאָקטאָר א געזונטער מענש ? | 285 |
| .187 | אַ דאָפעלטער לוין | 287 |
| .188 | ניט ריים און ניט פעררעכט | 288 |
| .189 | דער נאַרישער ישוב׳ניק | 289 |
| .190 | ווען די פערד לויפען | 290 |
| .191 | זיין אייגענע שמוץ | 291 |
| .192 | אַ גאנצע זאַך | 292 |
| .193 | בעקומען אַפעטיט | 293 |
| .194 | האָט אויגען, אָבער זעהט ניט | 294 |
| .195 | אַן אָרימאַן טאָר מען אויך ניט טרויען | 295 |
| .196 | גע׳גנב׳עט ביי א טאַטען | 296 |
| .197 | א קראָם מיט כל טוב | 297 |
| .198 | א דאָקטאר מיט א וויטער אויג | 298 |
| .199 | דער פוילער ארבייטער | 300 |
| .200 | א שטאָדט פון לויטער רייכע און געזונטע | 301 |
| .201 | ער וויים ניט וואָס צו בעטען | 302 |
| .202 | דער שטומער בעל-עגלה | 303 |
| .203 | דער דאָקטאר און זיינע פאַציענטען | 304 |
| .204 | אייגענע שונאים ערגער פון פרעמדע | 305 |

| | | |
|---|---|---|
| .205 | עס איז דאָ אויף וואָס צו קלאָגען. | 306 |
| .206 | די טייערע מתנה | 307 |
| .207 | דער זייטיגער פערדינסטעל | 308 |
| .208 | די מסירה | 309 |
| .209 | פאר א טאַטען שעהמט מען זיך ניט | 310 |
| 210 | ברוגז געמאכט דעם גנב | 311 |
| .211 | א שלעכטער צאָהלער | 312 |
| .212 | צוויי אָרימע-לייט | 313 |
| .213 | וואָס טויג איהם עטיקעטע? | 314 |
| .214 | אייגענע און פרעמדע | 316 |
| .215 | דער גוטער דאָקטאָר | 317 |

# דעם דובנער מגיד׳ס משלים

## צווייטער טייל

# 1

## ער האָט אַ ברירה, אָבער —

אַ סוחר איז געקומען מיט זיין וואָגען סחורה אין אַ שטאָדט און האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מאַרק. עס האָבען זיך אָנגעקליבען מענשען, וואָס זיינען געקומען זעהן די סחורה און קויפען. אָבער דער סוחר האָט קיינעם ניט געלאָזט אויסקלייבען די אַרטיקלען. וואָס איינער האָט געוואָלט האָט איהם דער סוחר אליין דערלאַנגט דעם אַרטיקעל און יענער האָט בעצאָהלט.

אַן אָרימאַן וואָס איז געגאַנגען אין מאַרק עפּעס קויפען האָט בעגעגענט צוויי מענשען וואָס האָבען געהאַלטען אין די הענד וואָלענע הענטשקעס. „וואו האָט איהר עס געקויפט אַזעלכע טייערע הענטשקעס?" האָט דער אָרימאַן געפרעגט. האָבען איהם די צוויי מענשען דערצעהלט וועגען דעם סוחר און זיי האָבען בעמערקט: „אַ מאָדנער סוחר! ער פערקויפט מאַקע ביליג, זעהר ביליג, אָבער ער גיט קיינעם ניט די ברירה אליין אויסצוקלייבען. מען מוז נעהמען וואָס ער גיט."

„איך וועל איך צייגען," האָט דער אָרימאַן געזאָגט, „אַז מיר וועט ער לאָזען אויסקלייבען וואָס איך וויל."

דער אָרימאַן איז צוגעגאַנגען צום וואָגען, ביי וועלכען עס איז געשטאַנען דער סוחר, און האָט געזאָגט, אַז ער וויל קויפען אַ פּאָר גוטע וואָלענע הענטשקעס, אָבער ער וויל אַליין אויסקלייבען. האָט דער סוחר געענטפערט:

„אויסקלייבען לאָז איך קיינעם נים. זאָגט מיר פיעל

געלד איהר ווילט אויסגעבען, וועל איך אייך אויסקלייבען א פּאָר הענטשקעס."

„ניין, איך וויל האָבען די ברירה אליין אויסצוקלייבען," האָט דער אָרימאַן זיך איינגעשפּארט. „ווילט איהר מיר געבען די ברירה איז גוט, אז ניט דאַרף איך ניט קיין הענטשקעס."

דער סוחר האָט געזעהן, אז ער האָט צו טאָהן מיט א פּערביסענעם מענשען, און עקשן, האָט ער איהם נאָכגעגעבען און געלאָזט קלייבען.

דער אָרימאַן האָט אויסגעקליבען די בעסטע פּאָר הענטשקעס, אָבער ער האָט געוואָלט בעצאָהלען דעם זעלבען פּרייז וואָס יענע האָבען בעצאָהלט פאר זייערע הענטשקעס. „ניין," האָט דער סוחר געענטפערט. „דו וועסט מוזען צאָהלען דאָפּעלט, ווייל יענע האָבען מיך געלאָזט אויסקלייבען, אָבער דו האסט געוואָלט אז דו אליין זאָלסט אויסקלייבען."

אָבער אזוי ווי דער אָרימאַן האָט ניט געהאט אזוי פיעל, האָט ער געמוזט נעהמען א פּאָר הענטשקעס פון באָוועל, וואָס האָבען געקאָסט א קלייניגקייט.

און דער אָרימאַן איז אוועק מיט א זיפץ, זאָגענדיג: „וואָס טויג מיר די ברירה, אז איך האָב ניט קיין געלד?"

## נ מ ש ל

**אז אָרימאַן קאָן קיין ברירה ניט האָבען. ער מוז נעהמען וואָס מען גיט איהם.**

## 2
# בעסער פערשוויגען

צוויי גוטע פריינד זיינען געגאנגען שפאציערען. אזוי ווי זיי געהען האבען זיי זיך בעגעגענט מיט אן עזות פנים און יענער האט זיי ביידען גענומען זידלען און זיי רופען מיאוס'ע נעמען. איינער פון די צוויי פריינד האט געשוויגען, א ווארט ניט געענטפערט, אבער דער צווייטער האט פרובירט זיך א ביסעל אויס'טענה'ן מיט דעם חצוף. האט דער חצוף אבגעלאזען דעם ערשטען און האט זיין גאנצע חוצפה אויסגעלאזען צום צווייטען.

ווען די צוויי פריינד זיינען געקומען אהיים, האט דער צווייטער געפרעגט דעם ערשטען: „איך פערשטעה ניט ווי אזוי האסטו זיך געקענט איינהאלטען און דעם עזות פנים אפילו מיט א ווארט ניט געענטפערט? ער האט דאך דיך געמאכט צוגלייך מיט דער בלאטע!"

„לאמיך דיר דאס ערקלערען מיט א משל," האט דער ערשטער געענטפערט.

„צוויי סוחרים זיינען ארויסגעפאהרען מיט צוויי וואגענס סחורה אויף א יריד. אויפ'ן וועג איז זיי אויסגעקומען אריבערצופאהרען א הילצערנעם בריקעל. האט זיך איינעמס וואגען איבערגעקעהרט און איז אריינגעפאלען אין וואסער מיט די סחורה צוזאמען, און דער סוחר האט פערלארען זיין גאנצע סחורה. האט ער גענומען און איז גלייך אוועק צוריק אהיים. דעם אנדערען האט זיך איינגעגעבען אריבערצוגעהן דעם בריק בשלום, אבער ער האט נאך געדארפט דורכגעהן א שווערען וועג, פול מיט גריבער און שטיינער, ביז ער האט זיך דערשלעפט אין שטאדט אריין, צום יריד. ער איז אהין

אנגעקומען ווען עס איז שוין געווען נאכט, און דורך דער נאכט האבען גנבים צוגע'גנב'עט זיין פערד און וואגען מיט זיין גאנצע סחורה און ער האט זיך געמוזט אומקעהרען אהיים מיט ליידיגען. יעצט, זעהסטו, מיין פריינד, אז דער צווייטער האט געהאט א גרעסערען שאדען פון דעם ערשטען, ווייל נאכהער ווי ער איז שוין אריבער דעם בריק האט ער זיך נאך געדארפט שלעפען דורך א שווערען וועג און זיך פערמאטערען, אומזיסט און אומנישט, כדי די גנבים אויפ'ן יריד זאלען האבען וואס צו גנב'ענען. אט דאס איז דער אונטערשיעד צווישען מיר און דיר. מיט דעם וואס איך האב געשוויגען האב איך פערשפארט אז דער חצוף זאל מיך זידלען נאך מעהר."

## נמשל

שווייגען איז גאלד.

## 3
## דער ארימאן מיט זיין פעקעל

א סוחר איז געפאהרען מיט א פוהר סחורה. אין וועג האט ער בעגעגענט אן ארימאן מיט א פעקעל. האט דער סוחר איהם ארויפגענומען אויף זיין פוהר. פאהרענדיג, זעהט דער סוחר ווי דער ארימאן זיצט אויפ'ן וואגען און האלט נאך דעם פעקעל אויף זיינע פלייצעס. פרעגט דער סוחר: „ר' איד! צו וואס האלט איהר נאך דעם פעקעל אויף די פלייצעס? לייגט עס אוועק אין וואגען!"

„זאלט איהר מיר געזונד זיין, בעל הבית," האט דער ארימאן געענטפערט, „ניט גענוג וואס איהר פיהרט מיך, זאלט איהר נאך אויך דארפען פיהרען מיין פעקעל?"

„נארישער מענש !" האט דער סוחר אויסגערופען. „און וועז אפילו איהר האלט דעם פעקעל אויף אייערע פלייצעס איז די משא ניט די זעלבע פאר'ן וואגען ? דער וואגען פיהרט דאך אייך און דעם פעקעל אויך. טא לייגט אוועק דעם פעקעל אין וואגען און מאכט זיך לייכטער!"

## נ מ ש ל

דאס איז א משל אויף דעם פסוק „השלך על ד' יהבך". דער גאנצער לעבען פון דעם מענשען ליגט אויף דעם אייבערשטען. נאר דעם פעקעל פון פרנסה, די דאגות וועגען פערדיענען אויפ'ן לעבען, טראגט דער מענש אויף זיינע פלייצעס. אבער ווי נאריש דאס איז פון דעם מענשען צו דענקען אז דעם פעקעל פון פרנסה טראגט ער טאקע אליין. דאס פיהרט אלץ דער זעלבער וואגען. און דערפאר זאגט דער פסוק „השלך על ד' יהבך", דעם פעקעל פון פרנסה ווארף אויך ארויף אויף דעם וואס פיהרט דיך מיט דיין גאנצען האק און פאק.

## 4
# דער מענש צאהלט

אמאל זיינען געווען צוויי טרעגער. יעדער איינער וויים, אז א טרעגער איז אן ארימאן. א גאנצען טאג ביז שפעט אין דער נאכט שלעפט ער אויף זיך שווערע פעק און האט פון דעם קוים אויף חיונה. איינער פון די טרעגער, אז עס פלעגט קומען שבת, פלעגט ער זיך אנטאהן אין שעהנע בגדים, אזוי ווי א בעל הבית. דער אנדערער פלעגט שבת ארומגעהן אין די זעלבע צוריסענע קליידער, וואס ער פלעגט טראגען אום דער וואכען. האט ער געפרעגט דעם אנדערען : „איך וואלט אויך געוואלט האבען שבת'דיגע קליידער, אבער

איך ווייס ניט ווי מען קריגט עס. עס קאָסט דאָך אַן אייגענס. זאָג מיר, וואו האָסטו דאָס געקראָגען?"

„גאַנץ פּשוט," האָט דער אַנדערער געענטפערט. „איך האָב גענומען די קליידער ביי א סוחר אויף אויסצאָהלען, און יעדע וואָך רייס איך אָב אַ ביסעל פון מיינע פערדיענסטען און צאָהל אויפ'ן חשבון."

„דאָס געפעלט מיר ניט," האָט יענער געזאָגט. „ווייל, ערשטענס, אַז מען קויפט אויף אויסצאָהלען קאָסט עס טייערער, דען דער קרעמער מוז רעכענען מעהר פאַר ריזיקע און פאַר דעם וואַרטען. און צווייטענס, אַז דו צאָהלסט ביסלעכווייז, וועט דיר אויסקומען צו צאָהלען און צאָהלען אפילו נאָכדעם ווען דיינע קליידער וועלען זיין אַלט און צוריסען. וועט עס אויסקומען, אַז אַז דו וועסט טראָגען שמאַטעס, אַז דו וועסט דאַרפען צאָהלען. איך וואָלט אַנדערש געטאָהן. איך וואָלט זיך אַנגעטאָהן אַ כח און בעצאָהלט מיט מזומן. עס וואָלט מיר אפילו געוועזן זעהר ביטער אָוועקצוגעבען אַזוי פיעל געלד מיט אַמאָל, אָבער עס וואָלט מיר פערשפּאָרט געווען דער הארצווייטאָג צו צאָהלען פאַר אַ בגד, נאָכדעם ווי ער איז שוין אַ שמאַטע."

## נ מ ש ל

„החנות פתוחה והחנוני מקיף," די קראָם איז אָפען און דער קרעמער באָרגט . . . דער מענש צאָהלט ניט זיין שטראָף גלייך ווי ער בעגעהט אַ זינד, נאָר עס ווערט אויף איהם פערשריבען אויף שפּעטער. ווען עס וואָלט געווען מעגליך פאַר דעם מענשען צו בעצאָהלען זיין שטראָף גלייך ביי דער זינד, וואָלט ער געקענט אויסרעכענען, אויב עס לוינט זיך איהם צו זינדיגען אָדער ניט. אָבער אַזוי ווי ער קריגט אַלעס אויף באָרג, קומט איהם אוים צו צאָהלען פאַר די זינד פון זיינע יונגע יאָהרען שוין דאַן, ווען ער איז אַלט

און שוואך, א צובראכענער שארבען, און קען שוין קיין הנאה ניט האבען פון עולם הזה.

## 5
## דער רשע און דער חכם

אז ארימאן איז געגאנגען אין מארק, האט ער דארט געזעהן איינעם פערקויפען שעהנע קליידער זעהר ביליג. אבער דאס געלד וואס ער האט ביי זיך געהאט איז געוועז קוים גענוג אויף צו מאכען פסח. האט זיך דער ארימאן געטראכט: איך געה דאך ארום פשוט נאקעט, איז גאר קיין עולה ניט, אז איך זאל זיך קויפען א בגד. האט ער געקויפט און געבראכט דעם בגד אהיים. ווען זיין פרוי האט איהם דערזעהן, האט זי אויף איהם געשריען: „וואו וועסטו יעצט נעהמען אויף פסח? לויף שוין צום סוחר, גיב איהם אב צוריק דעם בגד און זאל ער דיר צוריק געבען דאס געלד!"

„און וואס וועט זיין, אז ער וועט ניט וועלען צוריקנעהמען די סחורה?" האט דער מאן געפרעגט.

„האב שכל," האט די פרוי געענטפערט. „זוך עפעס אויס א חסרון אויף דעם בגד און ער וועט דיר מוזען אבגעבען דיין געלד."

איז דער ארימאן אוועק צום סוחר און האט דארט געפונען א סך מענשען שטעהן ארום איהם. האט ער א זאג געטאהן צום סוחר: „גיב מיר צוריק מיין געלד!" איך האב געפונען א פעהלער אין דעם בגד!" דער סוחר האט ניט געענטפערט קיין ווארט און האט איהם גלייך צוריקגעקעהרט דאס געלד.

ווען דער ארימאן איז שוין אוועק, האבען די מענשען

וואס זיינען געשטאנען דערביי געפרעגט דעם סוחר: „וואָרום האסטו איהם אזוי גיך צוריקגעגעבען זיין געלד? אויב ער האט געפונען א חסרון אין דעם בגד האסטו איהם דאך גע־קענט געבען אן אנדער בגד.“

„איך וועל עס אייך ערקלערען,“ האט דער סוחר געענט־פערט. „ווען ער וואלט צו מיר געקומען און געזאגט צוערשט אז ער האט געפונען א חסרון אין דעם בגד און נאכדעם וואלט ער געפאדערט דאס געלד, וואלט איך געזוכט מיט איהם צו מאכען א פשרה, אז ער זאל נעהמען אן אנדער בגד, אבער אז ער האט גלייך גענומען פאדערען זיין געלד, האב איך פער־שטאנען אז ער טשעפעט זיך אומזיסט. ער האט קיין חסרון ניט געפונען, נאר ער האט סתם חרטה אויפ'ן מסחר. מיט אזא מאן לוינט זיך מיר ניט האבען צו טאהן. האב איך איהם אבגעגעבען זיינע עטליכע רענדלעך — און אראב פון מארק!

## נמשל

דאס איז א משל געגען דעם חכם מיט דעם רשע פון די ארבעה בנים אין דער הגדה. דער חכם פרעגט אפילו כמעט די זעלבע פראגע וואס דער רשע, אבער פון דעם רשע'ס קשיא איז צו מערקען, אז ער מיינט ניט וואס ער פרעגט, נאר ער וויל סתם צונישט מאכען די תורה מיט די מצוות. לוינט זיך ניט מיט איהם צו טענה'ן. א האק אין די צייהן און אראב פון מארק!

## 6

# אַ קבצן וויל ווערען אַ „מורינו"

אַ קבצן וואָס איז ארומגעפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט קלייבען נדבות האָט איינמאָל, אז ער האָט אָנגעקליבען אַ ביסעל געלד, בעקומען אַ חשק זיך צו מאַכען אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע, אַזאַ ווי עס טראָגען די רבנים און שעהנע אידען. האָבען איהם מענשען געפרעגט: „דו קבצן, דו שלעפּער איי־נער! וואָס טויג דיר אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע?" האָט ער גע־ענטפערט: „איך האָב געזעהן ווי איינער אַ רב, וואָס פאָהרט ארום קלייבען אויף הכנסת כלה פאר זיינע טעכטער, טראָגט אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע, און אז ער קומט אריין אין אַ הויז און מען דערזעהט זיין אַטלעסענעם בגד, האָט מען פאר איהם דרך ארץ. מען רופט איהם אריין אינוועניג, מען בעט איהם זיצען און מען שענקט איהם עטליכע גילדען, און אמאָל אַ רענדעל אָדער צוויי. אָבער ווען איך קום אריין אין מיינע צוריסענע שמאַטעס לאָזט מען מיך לאַנג שטעהן ביים טיהר ביז איך קריג אַ גראָשען, און אמאָל דאָס אויך ניט. אַט דערפאר וויל איך אויך טראָגען אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע."

„זיי ניט קיין נאַר," האָבען איהם מענשען געוואָרענט. „דיר וועט קיין אַטלעסענע קאַפּאָטע ניט העלפען, עס וועט נאָך ערגער מאַכען. דעם רב גיט מען גרויסע נדבות, ווייל ער איז אַ בן תורה, אַ גרויסער למדן, און די אַטלעסענע קאַ־פּאָטע העלפט, אז מענשען זאָלען האָבען פאר איהם מעהר רעספּעקט. אָבער דיר העלפט מען, ווייל מען האָט רחמנות אויף דיר צוליעב דיינע אָרימע, צוריסענע קליידער, און ווען דו וועסט זיך פערפּוצען אין שעהנע קליידער וועסטו שוין אפילו קיין גראָשען אויך ניט קריגען."

נ מ ש ל

וואס עס איז גוט פאר איינעם, איז ניט אימער גוט פאר אן אנדערען.

# 7
# שלעכטע מטבעות

אן ארימאן האט געדארפט האבען א נייעם בגד, און אזוי ווי ער האט קיין געלד ניט געהאט, איז ער ארומגעגאנגען פון הויז צו הויז און געקליבען נדבות. ווען ער האט שוין געהאט נענוג געלד איז ער אוועק צו א קליידער־הענדלער און איהם געבעטען, אז ער זאל איהם שיינקען א בגד אומזיסט. ער האט געבעטען מיט אזא געבראכענעם געמיטה, דאס דער קרעמער האט זיך מרחם געווען און האט איהם געשיינקט א בגד. און ווי נאר דער ארימאן האט דעם בגד באקומען, האט ער ארויסגענומען א בייטעלע מיט געלד און האט עס דעם קליידער־הענדלער דערלאנגט, זאגענדיג: „דאס האט איהר פאר'ן בגד."

„איך פערשטעה ניט," האט דער קליידער־הענדלער זיך געוואונדערט. „פריהער האט איהר געבעטען אז איך זאל אייך שיינקען און יעצט בעצאהלט איהר?"

„איך וועל עס אייך ערקלעהרען," האט דער ארימאן געענטפערט. „דאס געלד וואס איך האב איז פון נדבות, וואס איך האב געקליבען ביי מענשען, און איהר ווייסט דאך וואס מען גיט אן ארימאן. איינער גיט א צוקלאפטע קאפיקע, אן אנדערער גיט א צובראכענעם דרייער, ווידער אן אנדערער גיט אן אויסגעבויגענעם גראשען, און נאך ווידער איינער גיט אן אבגעריבענעם האלבען גילדען וואס האט שוין פערלארען

זיין פּנים . . . און ווען איך וואָלט לכתחילה קומען צו אייך קויפען און איך וואָלט אייך דערלאַנגט אַזעלכע שלעכטע מטבעות, וואָלט איהר דאָס ביי מיר ניט געוואָלט נעהמען. אָבער יעצט, אז איהר האָט מיר דעם בגד געשענקט, ווערט אייך שוין ניט אַרען וואָס די מטבעות זיינען אַזוי שלעכט."

## נ מ ש ל

אַזוי איז מיט אונז אידען. אין די ערשטע ימי תשובה בעטען מיר ביים אייבערשטען, אַז ער זאָל אונז שענקען דעם לעבען, שענקען געזונד און פּרנסה, און מיר זאָגען צו איהם „כדלים וכרשים דפקנו דלתיך," מיר קלאַפּען אין דיינע טהי־רען אַזוי ווי אָרימע לייט. און ער שענקט אונז וואָס מיר בע־טען. ווייל וואָס פאַר א ווערטה האָבען ביי איהם אונזערע אָרימע מעשים, אונזער ביסעל לערנען און אונזער געכאַפּטער און געאיילטער דאַווענען ? אָבער נאָך די ימים נוראים, נאָכ־דעם ווי ער שענקט אונז וואָס מיר האָבען פערלאַנגט, בע־צאָהלען מיר איהם דאָך מיט אונזערע אָרימע מטבעות, מיט א קאַפּיטעל תהלים, מיט א פּרק משניות און נאָך אַזעלכע מצוות. הייסט עס, אז אי ער שענקט אונז, אי מיר בעצאָהלען.

## 8
## דער סוף פון אַ בעל גאוה

צוויי אָרימע לייט זיינען אַרומגעגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט. איינער איז געווען א געזונטער, א שטאַרקער וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיין קראַנקהייט און פון קיין וועהטאָג. דער אַנדערער איז געווען א קאַליקע, א צו־בראָכענער, האָט אין זיך ניט געהאַט קיין גאַנצען גליעד, פול מיט וואונדען און וועהטאָגען, און עס איז ניט געווען א

קראנקהייט וואס ער האט ניט געליטען פון דעם.

דער געזונטער, דער שטארקער, פלעגט אימער אבלאכען פון דעם קראנקען, דעם קאליקע. און דער קאליקע פלעגט פון דעם האבען גרויס פערדרוס, און ער פלעגט אימער בעטען: „רבונו של עולם! שיק שוין אמאל א בראך אויף דעם מענשען, וואס צאפט פון מיר מיין בלוט יעדען טאג, און שיק מיר צו א הילף, אז איך זאל זיין גלייך מיט אלע מענשען. מאך, אז טאקע דורך זיין שטארקייט זאל איהם טרעפען אן אונגליק און אז דורכדעם וואס איך בין א קאליקע זאל מיר געשעהן א גליק.“

און די תפלה פון דעם קראנקען בעטלער איז ערפילט געווארען אויף א מערקווירדיגען אופן.

די ביידע ארימע לייט זיינען אנגעקומען אין דער הויפט־שטאדט פון לאנד. און ־דארט האט צו יענער צייט דעם קעניג געטראפען א גרויסער אונגליק: עס איז געשטארבען זיין לייב־וועכטער, דער גרעסטער גבור פון דער מדינה. און עס איז אויך געשטארבען דעם קעניג׳ס דאקטאר, וועלכער איז געוועזן דער גרעסטער ארצט פון לאנד. האט דער קעניג גע־טרויערט נאך ביידען און געטראכט, וואו נעהמט מען אנ־דערע צו פערנעהמען זייערע עמטער? האט מען גענומען נאכפרעגען אין אלע שטעדט און עס האבען זיך באלד אב־גערופען א היבשע צאהל גבורים און דאקטוירים, וועלכע האבען געוואלט דעם גרויסען כבוד צו זיין אנגעשטעלט אין קעניגליכען הויף.

דער קעניג האט אויסגעקליבען איין גבור און איין דאקטאר פון די פיעלע וואס זיינען געקומען בעטען די שטעלע, און האט זיי געפרעגט מיט וואס ער קען זיי אויס־פרובירען, אויב זיי זיינען פעהיג פאר די עמטער. האט דער גבור געזאגט: „אדוני מלך! גיב מיר דעם שטארקסטען מאן פון דיין מדינה און איך וועל איהם טויטען מיט איין פינגער!“ און דער דאקטאר האט געזאגט: „גיב מיר דעם

גרעסטען קאליקע, דעם שוואכסטען חולה, און איך וועל איהם געזונד מאכען אין איין וואך צייט."

האט דער קעניג געשיקט שלוחים צו זוכען אויב עס איז דא אין לאנד נאך א שטארקערער פון די גבורים וואס האבען זיך פאר איהם געמעלדעט, און פאר איין וועג זאלען זיך די שלוחים אויפזוכען דעם גרעסטען קאליקע פון לאנד. און צו זייער מזל האבען די שלוחים געטראפען די צוויי ארימע לייט געהן צוזאמען אין גאס. איינער, דער גבור, איז געגאנגען גלייך ווי א העלד. דער אנדערער, דער קאליקע, איז געקראכען אויף אלע פיער. האט מען זיי ביידע גע־נומען צום קעניג, צו מאכען אויף זיי די פראבע.

דער גבור האט א ווײלע בעטראכט דעם שטארקען ארי־מאן און נאכדעם האט ער איהם דער'הרג'עט אויפ'ן ארט, טאקע בלויז מיט איין פינגער. דער דאקטאר האט עקזאמע־נירט דעם קאליקע און האט איהם נאכדעם געמאכט געזונד און גלייך אין ווייניגער ווי א וואך צייט.

נ מ ש ל

די שטארקייט פון די שטארקע איז אמאל זייער אונ־גליק, פונקט אזוי ווי די שוואכקייט פון די שוואכע איז אפט־מאל זייער גליק.

## 9

## א קלוגער „ממה נפשך"

אז ארימאן איז געקומען צוזאמען מיט א אינגעל איז א שטעדטעל ארייז קלייבען נדבות. האבען זיי זיך צווישען זיך אביסעל צואנטערטעלט און דער עלטערער האט דעם אינגעל געשלאגען מכות רצח. איז דער אינגעל אוועק צום

שטאדט־ריכטער און האט דעם שלעגער פערקלאגט. דער ריכטער האט דעם שלעגער געלאזט ברייגנען אין געריכט און האט איהם געפרעגט: „מיט וואס פאר א רעכט האסטו גע־שלאגען דעם אינגעל?" האט דער שלעגער געענטפערט: „איך האב א רעכט איהם צו שטראפען, ווייל איך בין זיין פעטער. ער איז א יתום, זיין פאטער איז שוין לאנג טויט און איך האב איהם ערצויגען, און ווען ער האט מיך ניט געפאלגט און האט ארויסגעוויזען גרויס חוצפה נעגען מיר, האב איך איהם אנגעשלאגען."

„עס איז א ליגען!" האט דער ארימער אינגעל אויס־גערופען. „ער איז מיר ניט קיין פעטער. ער איז מיר א ווילד פרעמדער. איך האב זיך ערשט דא ניט לאנג צוריק מיט איהם בעקאנט אויפ'ן וועג, אין א קרעטשמע, און ער האט מיך איינגערעדט, אז איך זאל ארומפאהרען מיט איהם."

„ער זאגט ליגען!" האט דער עלטערער געשריען. „איך בין יא זיינער א פעטער, א לייבליכער פעטער!"

„איך וועל מאהן אזוי," האט דער ריכטער געזאגט צום עלטערען. „איך וועל דיך שטראפירען מיט 20 רענדלעך און פאר דעם געלד זאלסטו אויסקליידען דעם ארימען אינגעל. דען ממה נפשך, ביזטו איהם א פרעמדער און דו האסט קיין רעכט ניט איהם צו שלאגען, האסטו דאך געוויס פער־דיענט א שטראף: ביזטו איהם יא א פעטער, מאכט דאך ניט אויס אז דו וועסט בעקליידען דיין פלימעניק, וועלכער געהט ארום כמעט נאקעט און בארוועס."

נ מ ש ל

אפשר דערפון נעהמט זיך דער ווערטעל „זיי מיר ניט קיין פעטער און געה מיר ניט קיין שיך."

## 10

# אַן אָרימאַנס גליק

אַן אָרימאַן איז נעקומען אין אַ שטעדטעל, האָט זיך קיינער ווענען איהם ניט נעקימערט. אין איין הויז פלעגט מען איהם געבען אַ גראָשען אָדער אַ שטיקעל ברויט און אין אַן אַנדער הויז האָט מען איהם דאָס אויך ניט געגעבען. נעהענדיג אין נאַס איז ער געפאַלען און האָט זיך צובראָכען אַ פוס. האָט מען איהם אַבגעפיהרט אין שפּיטאַל, און ווי מען האָט זיך אין שטעדטעל דערוואוסט, אַז אַן אָרימאַן האָט נעהענדיג אין נאַס זיך צובראָכען אַ פוס און ליגט אין שפּיטאַל, האָבען אַלע זיך גענומען זאָרגען ווענען איהם. מען האָט פאַר איהם געבראַכט גוטע זאַכען צום עסען. און ווען ער איז אַרויס פון שפּיטאַל האָט מען איהם בעזאָרגט מיט פיינע קליידער און איהם מיטגעגעבען אויפ'ן וועג אַ היבשע סומע געלד. און דער אָרימאַן האָט נאָכדעם געשריבען אַ בריעף צו זיין פרוי: „עס איז מיר געשעהן אַ גרויסער נס — איך האָב זיך צובראָכען אַ פוס."

### נמשל

דאָס רוב מענשען וועלען גיכער העלפען אַ געפאַלענעם, איידער איהם צו העלפען פריהער, אַז ער זאָל ניט פאַלען.

## 11
## צוטריבען די געסט

א רייכער בעל הבית האט געמאכט א סעודה פאר ארי־מע לייט, און האט פאר יעדען איינעם געגעבען א חלק אין א גרויסע שיסעל, אזוי דאס יעדער איינער האט געהאט גענוג. אבער די געסט זיינען געווען זעהר זשעדנע, און יעדער איי־נער האט גענומען ארייגקוקען אין דעם אנדערענס שיסעל, טאמער האט יענער א ביסעל מעהר. עס האט גיט גענומען לאנג און זיי האבען אנגעהויבען צו נעהמען איינער פון דעם אנדערענס שיסעל, און באלד האבען זיי זיך אנגעהויבען צו רייסען און כאפען איינער ביים אנדערען. און ווען דער בעל הבית האט דאס דערזעהן, האט ער געהייסען זיינע משרתים, אז מען זאל אין גאנצען צונעהמען די שיסלען פון טיש און די געסט ארויסטרייבען.

### נ מ ש ל

ווען דער אייבערשטער האט בעשאפען די וועלט האט ער איינגעארדענט אז עס זאל זיין גענוג פאר יעדען איינעם. אבער די מענשען פון דור המבול האבען זיך גיט צופריעדענ־געשטעלט יעדער מיט דעם וואס ער האט, און יעדער האט גענומען רויבען ביי די אנדערע. ותמלא הארץ חמס — די גאנצע וועלט איז פול געווארען מיט רויב, און דארום האט דער אייבערשטער אלעס חרוב געמאכט און פערטריבען די מענשען פון זיין שעהנער וועלט.

## 12
## דער פערשטעלטער אָרימאַן

אַמאָל איז געווען אַ איד אַן עושר, אַ גרויסער בעל צדקה. עס פלעגען צו איהם קומען מענשען פון דער גאַנצער וועלט און ער פלעגט יעדען איינעם העלפען און געבען עסען און טרינקען. זיין פרוי האָט אבער ניט געקענט פערטראָגען אַזוי פיעל פרעמדע מענשען אין הויז, האָט זי איינמאָל אָנגעזאָגט איהרע דיענער: „אויב איהר וועט זעהן איינעם אריינקומען און זיך שטעלען ביים טהיר און וואַרטען, זאָלט איהר איהם לאָזען שטעהן, ווייל מעהר ווי אַ שטיקעל ברויט אָדער אַ קאָפּיקע וועט ער ניט פאַרלאַנגען. אָבער אַז איהר וועט זעהן איינעם וואָס קומט אָנגעטאָהן ווי אַ רב, אין אַ קאַפּאָטע, און ער לאָזט זיך געהן גלייך צום בעל הבית, זאָלט איהר איהם גלייך הייסען זיך אָבטראָגען פון דאַנען און איהם צייגען די טהיר. ווייל אַזעלכע חברה קען מען ניט אָב׳פּטר׳ן מיט אַ שטיקעל ברויט, אָדער מיט אַ קאָפּיקע, זיי ווילען אַ געהויבענע נדבה.“

ויהי היום, איז געקומען אַן אָרימאַן מיט אַ טאָרבע און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים טהיר. די דיענער האָבען איהם ניט געטשעפּעט און געלאָזט שטעהן. אַ ווייל איז דער אָרימאַן געשטאַנען ביים טהיר, און ווי נאָר ער האָט בעמערקט, אַז מען היט איהם ניט, האָט ער זיך אַ רוק געטאָהן ווייטער אין די אינוועניגסטע צימערען. נאָכדעם האָט דער אָרימאַן ארויסגענומען פון זיין טאָרבע אַ זיידענע קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטעל און אַ שטריימעל, אַזוי ווי די רבנים טראָגען, און האָט זיך געלאָזט געהן גלייך צום בעל הבית אין זיין קאַבינעט. און ווי נאָר דער בעל הבית האָט דערזעהן

אריינקומען אזא שעהנעם אידען, האט ער איהם דערלאנגט א ברייטען שלום עליכם, האט איהם אוועקגעזעצט אויבען־אן און געהייסען דערלאנגען פאר איהם עסען און טרינקען. און די בעל הבית'טע האט געמוזט האלטען פערביסען דעם צונג און שוויינען.

נמשל

אזוי איז אויך מיט דעם יצר הרע. צוערשט שטעלט ער זיך אוועק ווי אן ארימאן ביים טהיר וואס בעט א קלייניג־קייט, נאכדעם שטופט ער זיך אריין גאנץ ווייט און ווערט א גאנצער מחותן מיט'ן מענשען.

## 13
## אן ארימאנס פערלאנג

צוויי ברידער האבען געוואוינט אין איין שטאדט. איי־נער איז געווען זעהר רייך, דער אנדערער זעהר ארים. און די צוויי ברידער האבען געהאט א דריטען ברודער, וועלכער איז געווען א רב אין א גרויסער שטאדט, גאנץ ווייט פון זיי. אז דער ברודער, דער רב, פלעגט אמאל קומען צוגאסט אין דער שטאדט וואו זיינע צוויי ברידער האבען געוואוינט, פלעגט ער געוועהנליך איינשטעהן אין דער הויז פון דעם רייכען ברודער. דער ארימער ברודער האט קיינמאל ניט גע־האט קיין טענות וועגען דעם, דען ער האט געוואוסט אז ער איז א גרויסער ארימאן און האט אפילו ניט אן איבעריגען מאהלצייט אוועקצוגעבען.

איינמאל איז דער רב געקומען צו זיינע ברידער אויף א בעזוך גראדע אין אזא צייט ווען די שטאדט האט זיך גע־נויטיגט אין א רב. האבען די בעלי־בתים פון דער שטאדט

איהם איינגערעדט, אז ער זאָל ביי זיי פערבלייבען אלס רב און דרשן, און דערפאַר האָט מען איהם גענעבען נאָך א גרע־סערע געהאלט ווי ער האָט בעקומען אין זיין שטאָדט. דער רב איז צופרידען געווען צו פערבלייבען, און כאָטש ער איז נאָך אלץ איינגעשטאַנען אין דער הויז פון זיין רייכען ברו־דער, אָבער עסען האָט ער ביי איהם מעהר ניט געדאַרפט, ווייל קהל האָט איהם אריינגעשיקט דריי פולע מאָהלצייטען יעדען טאָג, און אלעס פון דאָס בעסטע.

דאַן איז דער אָרימער ברודער געקומען צום רב און האָט איהם געבעטען אז ער זאָל זיך אריבערציהען צו איהם.

„וואָס איז דיר יעצט איינגעפאלען מיך צו בעטען, אז איך זאָל שטעהן ביי דיר?" האָט דער רב געפרעגט. „ביז יעצט האָסטו מיך קיינמאָל ניט געבעטען."

„ביז יעצט," האָט דער אָרימער ברודער ערקלעהרט, „האָב איך ניט געוואגט דיך צו בעטען צו שטעהן ביי מיר, ווייל איך ווייס, אז איך האָב ניט וואָס צו געבען דיר עסען. לויט דיין כבוד און לויט דעם ווי דו ביזט געוואוינט צו עסען. האָב איך זיך געטראַכט, אז עס איז דאַרום בעסער, אז דו זאָלסט שטעהן ביי אונזער רייכען ברודער. אָבער יעצט, אז עסען קריגסטו אלעס פערטיגעס פון קהל, קען איך דיך האַל־טען ביי מיר."

„אָבער," האָט דער רב גע'טענה'ט, „יעצט, אז איך שטעה שוין ביי אונזער ברודער, טאָ צו וואָס זאָל איך איהם פערלאָזען? און וואָס וועסטו האָבען פון דעם, אז איך וועל שטעהן ביי דיר און דיר ענג מאכען דיין קליינע אָרימע וואוינונג?"

„פערשטעהסטו מיך אזוי, מיין ברודער, איך וועל פון דעם יאָ האָבען א נוצען, און טאַקע א גרויסען נוצען. ווען קהל שיקט דיר עסען, שיקט מען דאָך דיר מיט א פולער מאָס, און וואָס טהוט מען ביי אונזער רייכען ברודער מיט דעם

וואס בלייבט איבער פון דיר? מען ווארפט עס ארויס, אבער אז דו וועסט זיין ביי מיר איז שוין אנדערש. מיט דעם וואס בלייבט פון דיר איבער, קענסטו מחיה זיין מיין ווייב, מיינע קינדער און מיך אויך.״

נ מ ש ל

אפילו אן אייגענער ברודער קען אמאל ניט פערשטעהן דעם ארימאנס לײדען און זיינע פערלאנגענס.

## 14
## פון צדקה ווערט מען רייכער

איינער איז געגאנגען אין גאס שפעט ביינאכט און האט פארלארען הונדערט גאלדענע רענדלער. אויף מארגען איז ער אויפגעשטאנען גלייך ווי עס איז געווארען ליכטיג און האט זיך געלאזט געהן אין גאס זוכען זיין פערלארענע געלד. אבער אנשטאט זיינע הונדערט רענדלער האט ער געפונען א ביימעל מיט צוויי הונדערט רענדלער וואס אן אנדערער האט פערלארען.

אנשטאט צו געהן צוריק אהיים און זיין צופרידען, איז דער מאן געגאנגען ווייטער זוכען זיין געלד. „וואס זוכסטו?״ האט איהם געפרעגט א פריינד וואס האט איהם בעגעגענט. דער מאן האט איהם דערצעהלט די גאנצע געשיכטע, ווי ער האט די פאריגע נאכט פערלארען הונדערט רענדלער, ווי ער איז יעצט ארויס זוכען און ווי ער האט געפונען צוויי הונ־דערט.

„דארפסטו דאך זיין צופרידען,״ האט דער פריינד גע־זאגט.

„ניין,“ האָט יענער געענטפערט. „איך בין ניט צופרידען. איך טראַכט מיר, ווען איך וואָלט ניט פערלאָרען מיינע הונדערט רענדלער, וואָלט איך דאָך יעצט געהאַט דריי הונדערט.“

„דאָס איז אַ פאַלשער רעכנונג,“ האָט דער פריינד געזאָגט. „שטעל זיך פאָר אַזאַ געשיכטע: דו פיהרסט אַ זאַק מיט תבואה פון איין אָרט צום אַנדערען. אויפ'ן וועג מאַכט זיך, אַז דיין זאַק פּלאַצט, די קערנער צושיטען זיך איבער'ן פעלד און דער ווינד צוטראָגט זיי אין אַלע זייטען. דו קעהרסט זיך אום צוריק אַהיים מיט ליידיגען. אויף דעם אַנדער יאָהר פאָהרסטו ווידער אין דעם וועג און דו זעהסט ווי יענער פעלד איז פול בעוואַקסען מיט תבואה פון די קערנער וואָס דו האָסט פערלאָרען. דו נעהמסט אַראָפּ די תבואה פון פעלד צוואַנציג מאָל אַזוי פיעל, און נאָך פיעלייכט מעהר. וואָלסטו דאָן אויך געזאָגט, אַז ווען דו וואָלסט ניט פערלאָרען יענע קערנער וואָלסטו געהאַט אי די, אי יענע?“

## נמשל

אַזוי איז אויך מיט צדקה. אַ מענשען דאַרף קיינמאָל ניט פערדריסען ווען ער גיט אַוועק געלד צו אַן אָרימאַן, ער דאַרף זיך ניט טראַכטען, אַז ווען ער וואָלט ניט געגעבען צו דעם אָרימאַן צדקה וואָלט ער געווען רייכער. ניין, צדקה איז אַזוי ווי קערנער וואָס מען פערזייהט אויף אַ פעלד. וואָס מעהר מען גיט, אַלץ מעהר האָט מען.

## 15
# אחדות

איינער א משוגע'נער איז בייז געווארען אויף א שטאדט, האט ער איינמאל, שפעט ביינאכט, ווען אלע זיינען געשלאפען, אונטערגעצונדען א הויז. פון דער הויז האט זיך אנגעכאפט נאך א הויז און נאך א הויז. די שטאדט־לייט זיינען ארומגעלאפען צושראקענע, און יעדער איינער האט געזוכט צו ראטעווען די זאכען פון זיין הויז און זיי ארויס־טראגען אין פרייעם פעלד. האט זיך געפונען איינער א קלו־גער און האט צו זיי געזאגט:

„נארישע מענשען! אנשטאט וואס יעדער איינער איז פאר זיך און זוכט צו ראטעווען זיין איינענע ביסעלווירט־שאפט פון פייער, וואלט איהר זיך געדארפט צוזאמענגעמען אלע אין איינעם און געהן צו דעם ארט וואו דער פייער ברענט און דעם פייער פערלעשען, אז ער זאל ניט קענען געהן ווייטער!"

### נמשל

ווען יעדער מענש איז בלויז פאר זיך קען די וועלט קיין קיום ניט האבען.

## 16
# דער אָרימאַן קריגט חוצפּה

אַז אַרימאַן איז איינמאָל אַריינגעקומען אין אַ הויז און זיך געשטעלט ביים טיהר. ער איז געווען אַזוי אַבגעשוואַכט פון הונגער, דאַס ער האָט ניט געקענט ריידען אַ וואָרט, אָבער פון זיין שעפּטשען מיט די ליפּען האָט מען פערשטאַנען, אַז ער וויל אַ שטיקעל ברויט. האָט מען איהם דאָס געגעבען. דער אָרימאַן האָט געוואַשען די הענד און האָט זיך געזעצט עסען דעם ברויט. נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעגעסען עטליכע ביסענס, האָט ער שוין בעקומען אַ ביסעל מעהר קרעפטען, האָט ער אַ זאָג געטאָהן: „אפשר קענט איהר מיר געבען אַ שטיקעל פּוטער? ווי עסט מען דאָס אַזוי ברויט מיט זאַלץ?" האָט מען איהם געגעבען אַ שטיקעל פּוטער. און ווען ער האָט זיך זאַט אָנגעגעסען, האָט דער אָרימאַן געזאָגט שוין גאַנץ הויך: „נאָך אַזאַ מאָהלצייט איז גוט צו טרינקען אַ גלעזעלע טהעע, אָבער טאָקע אַ זיסע."

נ מ ש ל

מיט ברכת כהנים איז אויך אַזוי. די כהנים בענשען די אידען מיט איין ברכה נאָך דער אַנדערער און לסוף זאָגען זיי אויך „וישם לך שלום!" ער הייסט, נאָך אַזעלכע ברכות פּאַסט זיך אויך אַזאַ גוטע ברכה ווי שלום.

## 17
## צוויי בלינדע בעטלער

צוויי בלינדע ארימע־לייט זיינען ארומגעגאנגען פון שטאדט צו שטאדט און פון הויז צו הויז קלייבען נדבות. איינער איז געווען אן עהרליכער מענש, א שטילער. וויפיעל מען האט איהם געגעבען איז ער געווען צופריעדען און האט געדאנקט און געבענשט דעם געבער. דער אנדערער איז געווען א רשע און א חצוף, און אויב איינער האט איהם ניט געגעבען גענוג וויפיעל ער האט גערעכענט אז ער דארף קריגען, האט ער יענעם געשאלטען. דער גוטער, דער עהרליכער, פלעגט זיך אימער שטארק נעהמען צום הארצען, וואס ער איז געצוואונגען זיך צו האלטען ביי א ניעדריגער פרנסה, אבער דער אנדערער האט גראדע ליעב געהאט ארומצופאהרען און בעטלען.

איינמאל זיינען דיביידע בלינדע געקומען אין א שטאדט, וואו עס האט געוואוינט א גרויסער אויגען־דאקטאר, א ספעציאליסט, וועלכער פלעגט מאכען פון בלינד זעהענדיג. האבען די מענשען פון דער שטאדט געראטהען די צוויי בלינדע, אז זיי זאלען געהן צו דעם דאקטאר, אום ער זאל זיי היילען. דער עהרליכער, דער שטילער, וועלכער האט פיינד געהאט דעם ארומגעהן איבער די הייזער, איז אוועק צום דאקטאר מיט גרויס פרייד, און ער האט זיך נאך מעהר געפרעהט ווען דער דאקטאר האט איהם געזאגט, אז ער קען איהם מאכען זעהענדיג. אבער דער אנדער ארימאן האט געענטפערט: „אז ער וועט מיך מאכען זעהענדיג, וועל איך דאך פערלירען מייז פרנסה! טא לוינט עס זיך מיר ניט. איך וועל בעסער בלייבען א בלינדער.“

די צוויי ארימע־לייט זיינען נאכדעם אוועק פון דער שטאדט, איינער א זעהענדיגער און דער אנדערער א בלינ־דער. דעם זעהענדיגען האבען די שטאדט־לייט געוואונשען, אז דער אייבערשטער זאל איהם צושיקען א גוטע און אנשטענ־דיגע פרנסה, און ער זאל מעהר ניט דארפען אנקומען צו מענשען, און דעם בלינדען האבען זיי געוואונשען, דאס ער זאל בלייבען ביי זיין בעטלעריי און זאל פון קיין בעסערעם ניט וויסען זיין גאנצען לעבען.

נמשל

דער רשע איז בלינד און וויל קיינמאל ניט עפענען זיינע אויגען און זעהן.

## 18
## די משכנות האט ער פערגעסען

אמאל איז געווען א גרויסער סוחר, וועלכער איז געווען זעהר רייך. ער האט געהאט א שעהנעם מויער און טייערע כלים פון זילבער און גאלד. איינמאל האט זיך געמאכט, אז דער סוחר האט פערלארען זיין גאנצע געלד און ער האט ניט געהאט מיט וואס צו מאכען געשעפטען. האט ער פער־קויפט זיין שעהנע הויז מיט אלע זיינע אנטיקען, און מיט דעם געלד איז ער געפאהרען קיין לייפציג האנדלען. ער האט אבער דארט אויך געמאכט שלעכטע געשעפטען, און ער האט זיך שטארק גענומען צום הארצען.

האט צו איהם זיין פרוי געזאגט: „אויב דו ווילסט פאלגען מיין עצה, זאלסטו מעהר ניט פאהרען קיין לייפציג. וואס דארפסטו אוועקגעבען דיין געלד צו פרעמדע? בעסער זיץ אין דער היים און לאמיר אליין עסען אונזער געלד.“

דער סוחר האט געפאלגט זיין ווייב און איז מעהר ניט געפאהרען.

עס איז אוועק א היבשע צייט, און אזוי ווי ער האט די גאנצע צייט גארנישט געטאהן, האט ער אויפגעגעסען אלעס וואס עס איז איהם פערבליבען פון זיין אמאליגע עשירות. דא האט די ווייב אנגעהויבען צו שרייען: „פערשלאפענער מענש, דו! ווי לאנג נאך וועסטו ארומגעהן מיט די הענד אין די קעשענעס און גארנישט טאהן? נעהם און פאהר אריבער קיין לייפציג. פרוביר, אפשר וועט דיר נאך אב־גליקען."

„איך האב דאך אבער ניט מיט וואס צו פאהרען," האט ער גע'טענה'ט.

„הער צו, מיין מאן," האט די פרוי געזאגט, „איך האב נאך מיינע פערל, כ'האב נאך מיינע אוירינגלעך, מיינע בראס־לעטען און אנדערע ציערונג, וואס מיר איז נאך פערבליבען פון אונזער אמאליגער גדולה. מיר וועלען די ציערונג פער־משכונ'ען און מיט דעם געלד וועסטו ווידער קענען האנדלען."

די פרוי האט אזוי געטאהן, פער'משכונ'ט איהר ציער־רונג, און האט אבגעגעבען איהר מאן דאס געלד. ווען ער האט זיך גענומען קלייבען אין וועג אריין און דער וואגען האט אנגעהויבען זיך צו ריהרען, זיינען איהם נאכגעגאנגען זיין פרוי און קינדער און זיי האבען געוויינט און געבעטען: „זעה, מיין מאן! היט זיך, פאטערל! ווייל אויב דו פער־לירסט אויך דיזע געלד, בלייבען מיר מיט גארנישט."

דער סוחר האט זיך זייערע רייד אריינגענומען אין קאפ. און ווען ער איז געקומען אין לייפציג, איז ער געווען זעהר פארזיכטיג, האט געקויפט נאר די בעסטע און די זיכערסטע סחורה. נאכדעם, אז ער איז געקומען אהיים, האט ער די סחורות פערקויפט מיט גוטען פערדיענסט. און אזוי האט ער געטאהן נאך עטליכע מאל. און איינמאל, ענדע יאהר, אז ער האט געמאכט א חשבון פון זיינע געשעפטען, האט ער

געזעהן אז זיין קרן איז נאך גאנץ און אז די גאנצע צייט האט ער מפרנס געווען זיך און זיין פאמיליע פון פראפיט, האט ער זיך שטארק געפרעהט. פאר גרויס שמחה האט ער זיך צוזונגען.

עס קומט אריין זיין פרוי און הערט איהם זינגען און זעהט ווי ער פרעהט זיך. פרעגט זי: „וואס איז אויף דיר פאר א שמחה?" דערצעהלט ער איהר: „זעה, מיר ווערען ווידער רייך. די גאנצע צייט האבען מיר געגעסען און געטרונקען און מיר האבען נאך א היבשען קאפיטאל!"

„דו נארישער מענש!" האט די פרוי אויסגערופען. „דאס געלד איז דאך ניט דיינע. דאס איז דאך וואס מיר זיינען שולדיג אויף די משכנות, וואס איך האב געגעבען. מיינע חתונה־מתנות און מיין מאמע'ס ירושה האב איך פון זיך אראבגענומען און פער'משכונ'ט פאר א דריטעל פון זייער ווערטה, און דו רעכענסט אז דו האסט נאך געלד!"

## נ מ ש ל

אמאל זיינען מיר, אידען, געווען זעהר רייך. מיר האבען געהאט אן אייגענע לאנד, א בית המקדש, כהנים, לוים, נביאים און סנהדרין. אבער מיר האבען דאס אלעס פערלארען. האט דער אייבערשטער געטאהן מיט אונז א חסד; ער האט אונז געגעבען קרעדיט און ער לאזט אונז ווייטער לעבען. און עס טרעפט אמאל, אז ווען אידען ווערט א ביסעל בעסער אין גלות, מיינען זיי אז זיי זיינען ווידער רייך ווי אמאל. אבער עס איז א טעות. דאס וואס מיר פערמאגען איז ניט אונזערע. מיר זיינען אויף דעם שולדיג..

## 19
# זיי ניט געאײַלט

איינער איז געקומען אין אן אכסניא און האט זיך בע־שטעלט א מאהלצייט, אבער ער האט אבגערעדט אז פאר איהם זאל מען קאכען יעדע זאך אהן פעפער: די פיש אהן פעפער, די פלייש אהן פעפער, אלעס אהן פעפער. איידער מען האט צייט געהאט אבצוקאכען דעם מאהלצייט, האט זיך געמאכט אז ער איז פערבייגעגאנגען די קיך און האט דארט אריינגעקוקט. האט ער געזעהן אז עס שטעהט דארט א מאן און שטויסט פעפער. „וואס איז דאס?" האט דער גאסט זיך צושריען. „איך האב דאך אבגערעדט אז אלעס זאל זיין אהן פעפער, טא וואס שטויסט איהר פעפער?" האט איהם דער קוכער געענטפערט: „עס זיינען דא אנדערע געסט, וואס האבען יא ליעב פעפער, און דאס שטויס איך פאר זיי. איהר דארפט ניט זיין אזוי געאיילט און שרייען אומזיסט און אומנישט."

### נמשל

אויף דער וועלט זיינען דא א סך זאכען, וואס מיר האבען ניט ליעב, און עס וואונדערט אונז ווארום דער איי־בערשטער האט זיי בעשאפען. אבער דאס וואס ביי אונז שיינט צו זיין איבעריג קען זיין זעהר נויטווענדיג פאר אנ־דערע צוועקען.

## 20
# פערגעסט ניט אייערע ברידער!

עטליכע מענשען זיינען געפאהרען צוזאמען אין וועג, א גאנצער קאראוואן, מיט פערד און וואגענס. אין מיטען וועג זיינען זיי אריינגעפאהרען אין א זומפ. א פאר פון די רייזענדע זיינען קוים מיט צרות ארויסגעקראכען און די אנדערע זיינען געבליבען שטעקען אין זומפ. האבען די וואס האבען זיך געראטעוועט געזאגט צו די וואס זיינען געווען אין זומפ: „ווארט דא אויס, ברידער, מיר וועלען צופאהרען אין שטאדט און ברייננגען פון דארט מענשען מיט וואגענס, וואס וועלען אייך פון דאנען ארויסשלעפען."

ווען די געראטעוועטע זיינען געקומען אין שטאדט זיינען זיי אריין אין אן אכסניא און האבען קודם כל זיך געהייסען געבען א גוטען מאהלצייט מיט וויין. זיי זיינען אזוי גע־זעסען און געגעסען און געטרונקען, און האבען אן זייערע מיטרייזענדע אינגאנצען פערגעסען. האט זיך אבגערופען איינער פון די שטאדטיגע מענשען צו זיי און האט געזאגט: „ווי קענט איהר דא זיצען און פרעסען און זויפען און זיך וואוילטאגען, בעת אייערע אונגליקליכע ברידער שטעקען אין א זומפ?..."

נמשל

דאס איז א משל געגען די אידען וואס וואוינען אין פרייע לענדער, וואו זיי זיינען געזיכערט מיט זייער לעבען און זיי פעהלט קיין זאך נים, אבער זיי פערגעסען אן זייערע ברידער, וואס טרינקען זיך אין זייער אייגען בלוט, אין די פינסטערע גלות־לענדער.

## 21
# אונדאנקבארער מענש

אז ארימאן איז געקומען אין א קראם קויפען א בגד. האט איהם דער סוחר געציינט א בגד און געזאגט, אז דאס קאסט צוואנציג גילדען. דער ארימאן האט געזאגט, אז דאס איז צופיעל געלד, און אז מעהר ווי צעהן גילדען וועט ער ניט געבען.

„צעהן גילדען איז דאס וואס איך אליין האב בע־צאהלט פאר דעם בגד," האט דער סוחר ערקלערט, „און וואו זיינען מיינע הוצאות?"

„אבער מעהר ווי צעהן גילדען האב איך ניט," האט דער ארימאן גע'טענה'ט.

דער סוחר האט בעטראכט דעם ארימאן, און וויל ער האט בעקומען רחמנות אויף איהם, האט ער איהם דעם בגד אבגעגעבען פאר צעהן גילדען.

אז דער ארימאן איז ארויס פון דער קראם, האט ער געזאגט צו מענשען: „וואס פאר א ליגנער, וואס פאר א שווינדלער דער קליידער־הענדלער איז! פון אנפאנג האט ער געוואלט גאנצע צוואנציג גילדען, און אז איך האב איהם געבאטען צעהן גילדען, האט ער געזאגט אז עס וועט איהם אויסקומען צו פערלירען געלד, און לסוף האט ער מיר דעם בגד אבגעגעבען פאר צעהן גילדען — קען מען טרויען אזא מענשען'ם א ווארט?"

נ מ ש ל

דער מענש איז אונדאנקבאר. אמאל, אז דער אייבער־שטער העלפט איהם און איהם געהט אוועק גוט, מיינט ער אז ער האט דאס פערדיענט און איהם קומט ארויס נאך מעהר.

## 22
# אויף וועמען מען קלאָגט

אין אַ שטאָדט איז געשטאָרבען איינער אַ רייכער מאַן, וואָס איז געווען זעהר אויסגעלאַסען, אַ גרויסער שכור און אַ גרויסער פרעסער, און איז געווען שטאַרק פערקאָכט אין אַלע תענוגים פון עולם הזה. די גאַנצע שטאָדט האָט גע־וויינט און געקלאָגט נאָך איהם, און ער האָט געהאַט אַ לויה, וואָס קיין רב און קיין צדיק האָט נאָך ניט געהאַט.

אויף דעם אַנדערען טאָג איז געשטאָרבען אַן אַנדער גביר. יענער איז געווען כל ימיו זעהר פרום, איז אָבגע־קומען מיט אַ שטיקעל ברויט מיט רעטאָך און אַ גלאַז וואַסער צום פערטרינקען. גאַנצע טעג איז ער געזעסען און געלערנט. אָבער איהם האָט קיינער ניט בעוויינט, אויסער זיין אייגענע פאַמיליע, קיינער האָט איהם ניט בעדויערט, און אַ לויה האָט ער געהאַט אַ שטילע. עס זיינען נאָכגעגאַנגען בלויז עטליכע מנינים בית־מדרש־אידען.

איינער, וועלכער איז געווען אַ גאַסט אין שטעדטעל, האָט געפרעגט: „וואָרום האָט מען איין גביר אַזוי בעוויינט און איהם געגעבען אַזאַ שעהנע לויה, און דעם אַנדערען האָט מען במעט ווי פערשוויגען און געמאַכט אַ לויה, אַזאַ שטילע?“

„פערשטעהט איהר מיך אַזוי, ר׳ אורח,“ האָט אַ שטאָד־טישער איד איהם ערקלערט. „יענער גביר, וואָס איז גע־שטאָרבען צוערשט, האָט די גאַנצע שטאָדט געלעבט פון איהם. ביי איינעם פלעגט ער קויפען וויין, ביי אַן אַנדערען היהנער, ביי אַ דריטען גענזלעך, אָדער קאָטשקעס, ביי אַ פערטען קעזלעך און גאָמעלקעס. איין קרעמער האָט ער געגעבען צו לייזען פאַר פאַפּיראָסען, אַ צווייטען פאַר צו־

קערוואַרג, אַ דריטען פאַר אַנדערע גוטע זאַכען. אַלע האָבען פון איהם גענעבט. דאַרום ווייַנען אַלע נאָך איהם. אָבער וואָס האָבען זיי געהאַט פון צדיק, וועלכער האָט געלעבט אויף ברויט מיט רעטאָך? . . ."

## נ מ ש ל

דאָס איז אַ משל אויף דעם פסוק „הצדיק אבד ואין איש שם אל לב" — דער צדיק איז געשטאָרבען און קיינער נעהמט זיך ניט צום האַרצען . . .

# 23

# דער מלך און די בת מלכה

אַ מלך האָט געהאַט אַ טאָכטער, וועלכע ער האָט זעהר ליעב געהאַט. ווען עס איז געקומען די צייט צו טאָהן מיט איהר אַ שידוך, האָט דער מלך איהר פאָרגעשלאָגען שדוכים, אַזעלכע וואָס פּאַסען זיך פאַר אַ בת־מלכה. אָבער זי האָט זיי אַלע אויסבראַקירט. אין יעדען חתן האָט זי געפונען אַן אַנדער פעהלער. אויף איינעם האָט זי געזאָגט, אַז ער איז אַ פּרעסער, אויף אַן אַנדערען, אַז ער איז אַ שכור, אויף אַ דריטען, אַז ער איז אַ קאַרטענשפּיעלער, און דאָס גלייכען. אַזוי לאַנג האָט זי בראַקירט מיט די חתנים, ביז איינמאָל, ווען דער מלך איז אַרויס פון געדולד, האָט ער געשוואָרען אַז ער וועט איהר חתונה מאַכען מיט דעם ערשטען מאַן, וואָס וועט קומען אין פּאַלאַסט. און עס האָט אַזוי געטראָפען, אַז דער ערשטער וואָס איז געקומען אין קעניג'ס פּאַלאַסט איז געווען אַ דאָרפס־יונג. דער קעניג האָט געהאַלטען זיין שבועה און האָט דעם דאָרפס־יונג געגעבען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב.

ווען דער דארפס־יונג האט געבראכט זיין פרוי אהיים, האט זיין מוטער ניט געוואלט וויסען פון דעם וואס איהר שנור איז א פרינצעסין, און די שוויגער האט איהם געצוואונגען צו טאהן אלע שווערע ארבייט, וואס א דארפס־פרוי טוהט. די פרינצעסין, זעהענדיג אז עס איז איהר זעהר ביטער, האט זי אוועקגעשריבען א בריעף צו איהר פאטער וועגען די צרות, וואס זי האט אויסצושטעהן ביי איהרע שוויגער־עלטערען. דער פאטער האט איהר געענטפערט, אז אין פערציג טעג ארום וועט ער קומען און זעהן וואס מיט איהר טוהט זיך.

אז די דארפס־לייט האבען זיך דערוואוסט דאס דער מלך דארף קומען, האבען זיי גענומען רייניגען די הויז און מאכען אלעס אין ארדנונג. און די שנור האבען זיי צוגעפוצט און איהר אנגעהויבען צו געבען וואוילטאג און כבוד, געקארמעט און געקעכעלט, און די שוויגער איז צו איהר געווארען אזוי זיס ווי האניג.

עטליכע טעג איידער דער קעניג האט געדארפט אנקומען, זיינען געקומען דעם קעניג'ס קוריערען און אנגעזאגט, אז דער קעניג איז שוין אויף דער רייזע. די דארפס־לייט האבען די קוריערען זעהר פיין אויפגענומען, געמאכט פאר זיי פלאץ אין הויז און זיי געגעבען עסען און טרינקען פון דאס בעסטע, וואס זיי האבען געהאט. נאכדעם, אז דער קעניג אליין איז אנגעקומען מיט זיין סוויטע, זיינען אלע מענשען פון דעם דארף און פון די ארומיגע דערפער ארויס איהם מקבל פנים זיין און איהם אבגעבען גרויס כבוד.

דער מלך האט פערבראכט א פאר טעג מיט זיינע דארפישע מחותנים און ער האט זיך שטארק געפרעהט מיט וואס פאר א כבוד זיי בעהאנדלען זיין טאכטער. אבער ווען ער האט שוין געוואלט פאהרען צוריק אהיים, איז זיין טאכטער איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און גענומען וויינען און קלאגען: „פאטער! טייערער פאטער! ווי קענסטו מיך

פערלאזען? ווי קענסטו איבערלאזען דיין טייער קינד אט דא, אין דיזען ארט?"

„וואס רעדסטו, מיין טאכטער?" האט דער מלך גע־פרעגט. „איך זעה דאך אז די מענשען האלטען דיך דא מיט דעם גרעסטען כבוד."

„זאלסט וויסען, מיין פאטער," האט די פרינצעסין מיט טרעהרען געזאגט, „אז דעם כבוד וואס מען גיט מיר אב, איז דאס בלויז פאר א קורצער צייט, צוליעב דיין בעזוך, ווייל זיי האבען מורא פאר דיר. אבער איך ווייס ווי מיין שוויגער האט מיך פריהער געהאלטען און ווי זי וועט מיך האלטען נאכדעם, אז דו וועסט שוין זיין אוועק פון דאנען. אט ווי נאר דו פאהרסט אוועק, וועט זי מיר ווידער הייסען מעלקען די קיה, ארבייטען אין פעלד און וואשען וועש פאר דער גאנצער הויז־געזינד."

דאן האט דער מלך זיך געווענדעט צו איהר מאן און האט איהם געפרעגט: „ווי פערשטעהסטו ניט דעם ווערטה פון מיין טאכטער? ווייסטו דען ניט אז זי איז א בת־מלכה?" האט דער איידים איהם געענטפערט: „איך ווייס אויך וואס פאר א כבוד עס קומט איהר און ווי מען דארף זי האלטען. אבער ווען דו האסט זי מיר געגעבען פאר א ווייב, האב איך זיך געטראכט אז דו מוזט דאך געווים וויסען אז איך בין אן ארימער דארפס־יונג, און מסתמא וועסטו מיר געבען עפעס א נחלה, א פערמעגען, אז איך זאל האבען מיט וואס זי מפרנס צו זיין לויט איהר הויכען שטאנד, און אז זי זאל ניט דארפען ארבייטען צו פערדיענען איהר ברויט. דו, אזא גרויסער מלך, האסט דאך פיעל און דו קענסט געבען אזוי פיעל!"

## נ מ ש ל

דער אייבערשטער האט די תורה געוואלט געבען צו אדם הראשון. האט די תורה איהם ניט געוואלט, ווייל ער

איז געווען א פרעסער און האט געגעסען פון דעם עץ הדעת. נאכדעם האט ער די תורה געוואלט געבען צו נח'ן, האט די תורה איהם ניט געוואלט, ווייל ער איז געווען א שכור. און אזוי האט זיך דער שידוך געצויגען, ביז דער אייבערשטער האט זי אוועקגעגעבען צו פראסטע קנעכט, וואס זיינען ארויס פון מצרים. און זייט דאן שרייבט די תורה יעדען טאג בריעף צו איהר פאטער אין הימעל, אז די, צו וועמען ער האט זי אוועקגעגעבען, בעגעהען זיך מיט איהר זעהר שלעכט. וואס טוהט דער אייבערשטער? ער קומט אראב איין מאל אין יאהר, ימים נוראים, צו זעהן ווי די אידען האלטען די טאכ־טער. וואס טוהען די אידען? ווערען זיי אויף דער קורצער צייט פרום, זיצען אין די שוהלען, לערנען תורה און דאווענען כלומר'שט מיט חשק. דער אייבערשטער פרעהט זיך און זאגט צו דער תורה, זיין טאכטער: „וואס ווילסטו? מיינע אידעלעך זייענען דאך גוט און פרום און זיי האלטען דיך זעהר טייער?“ אבער די תורה ענטפערט: „ליעבער פאטער! דאס איז אלץ אום ימים נוראים, ווען דו ביזט מיט זיי און נעהמסט פון זיי חשבון, אבער ווי באלד די ימים נוראים וועלען אוועק, וועלן זיי זיך מיט מיר ווידער בעגעהן גראב.“ און אז דער אייבערשטער פרעגט די אידען: „ווי קומט עס אז איהר בעהאנדעלט ניט מיין טאכטער ווי עס דארף צו זיין? ווי קומט עס אז איהר פערשטעהט ניט איהר ווערטה?“ דארויף ענטפערען די אידען: „ווען דו האסט אונז געגעבען די תורה האבען מיר געמיינט אז דו וועסט אונז אויך געבען א סך פרנסה, מיר זאלען קענען לערנען די תורה מיט רוהיגע קעפ און אבהיטען אלע מצוות. רבונו של עולם! דו האסט דאך אזוי פיעל — אזוי פיעל!“

## 24
# אַ חכם קען אַמאָל אַריינפאַלען

דריי מענשען זיינען געלעגען אין שפיטאָל, אַלע מיט דערזעלבער קראַנקהייט. און דער דאָקטאָר האָט זיי געגעבען די זעלבע מעדיצין. איינער האָט ניט געפרעגט קיין קשיות, האָט איינגענומען די מעדיצין אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט איהם געהייסען און ער איז געזונד געוואָרען. דער צווייטער האָט זיך אַליין געהאַלטען פאַר אַ שטיקעל קענער אין מע־דיצין, אַזוי ווי עס זיינען דאָ וויבער וואָס האַלטען זיך פאַר גאַנצע רופא'טעס, און ער האָט גענומען זיך חקרנ'ען מיט זיין אייגענעם שכל, און וועלכע מעדיצין עס איז איהם גע־פעלען, צוליעב דעם טעם אָדער דעם קאָליר, האָט ער גע־נומען, און וועלכע עס איז איהם ניט געפעלען, האָט ער ניט גענומען. דער סוף איז געווען אַז טאַקע צוליעב זיין גרוי־סער „חכמה" איז ער אוועקגעשטאָרבען.

דער דריטער איז אויך געווען אַ שטיקעל חקרן, ווי דער צווייטער, אָבער ער האָט געזאָגט: „דער דאָקטאָר איז דאָך אַ דאָקטאָר און ער ווייס מעהר פון מיר, דאַרף איך זיך אויף איהם פערלאָזען."

אַט דעם האָט שוין זיין ביסעל חכמה ניט געשאַדט.

### נ מ ש ל

אַזוי איז אויך מיט אידען. דער פשוט'ער איד איז מקיים אַלע מצוות און פרעגט ניט קיין קשיות. איהם איז גוט און וואויל. אָבער דער וואָס האַלט זיך פאַר אַ גרויסען חכם אונ ער האָט ליעב זיך צו חקרנ'ען און פרעגען קשיות, דער מוז אַריינפאַלען. און עס איז דאָ נאָר אַ מין איד, וואָס

האט אויך ליעב א ביסעל זיך צו חקרנ'ען, ווי דער צווייטער, אבער ער טראכט זיך דערביי: משה רבינו און די תנאים און אמוראים זיינען געווען גרעסערע חכמים פון מיר, קען איך זיך אויף זיי פערלאזען. אט דעם קען זיין ביסעל חקירה ניט שאדען.

## 25
## כבוד צו כבוד איז ניט גלייך

אין א שטאדט האבען געלעבט צוויי בעלי־בתים, וואס האבען דארט געשפיעלט די גרעסטע ראלע.ביידען פלעגט מען אבגעבען א סך כבוד,ביידע זיינען געזעסען אין שוהל, אין רעכטען מזרח, און ביידע פלעגען קריגען די שעהנסטע עליות. איינעם האט מען אבגעגעבען כבוד, ווייל ער איז געווען א זעהר גוטער מענש, א גרויסער בעל־צדקה און א זעהר ארענטליכער מענש. דער אנדערער איז געווען א שלעכטער מענש, א שווינדלער, אן אנזעצער און א מסור און מען האט איהם אבגעגעבען כבוד, ווייל מען האט געהאט פאר איהם מורא.

אין א צייט ארום, אז ביידע זיינען געשטארבען, האט איינער איבערגעלאזען א זוהן און דער אנדערער א טאכ־טער. האט זיך געפונען א שדכן וואס האט געטראכט אז דאס וואלט געווען א גלייכער שידוך, ווען די קינדער פון די צוויי פערשטארבענע בעלי־בתים זאלען זיך נעהמען. איז ער פריהער געקומען צו דער אלמנה פון דעם שלעכטען מענשען, דעם מסור, און האט מיט איהר א רעד געטאהן. האט זי גלייך מסכים געווען. נאכדעם איז ער אוועק צו דער אלמנה פון דעם גוטען מענשען, דעם בעל־צדקה, און האט איהר פארגעשטעלט ווי שעהן דאס וואלט געווען, אז

די קינדער פון אזעלכע צוויי נכבדים, די שעהנסטע צוויי בעלי־בתים פון שטאדט, וואלטען זיך פעראייניגט. האט די אלמנה איהם אויסגעלאכט: „וואס פאר א נארישער שדכן איהר זייט! דעם כבוד פון יענעם מסור קען מען ניט פער־גלייכען צו דעם כבוד פון מיין מאן. וואס מעהר כבוד מיין מאן האט בעקומען, איז אלץ געווען מעהר בעוויז אויף זיין גוטסקייט און עהרליכקייט; אבער וואס מעהר כבוד מען האט יענעם געגעבען, איז אלץ געווען מעהר בעוויז אז מען האט מורא געהאט פאר זיין רשעות און פאר זיינע מסירות. בכן, איז דאס ניט קיין גלייכער שידוך."

נ מ ש ל

דער כבוד, וואס א מענש בעקומט, איז ניט אימער א בעוויז אז עס קומט איהם כבוד.

## 26
## גרוים געלד און קליין געלד

אמאל איז געווען א גרויסער גביר, וואס כמעט די גאנצע שטעדטעל, אין וועלכער ער האט געוואוינט, האט געלעבט פון זיינע חסדים, און כמעט יעדער איינער פלעגט ביי איהם לייהען געלד און פלעגט עס אויסצאהלען אין ראטען, יעדע צוויי אדער דריי חדשים א טייל פון דעם חוב. איינמאל האט געטראפען אן אונגליק און די גאנצע שטעדטעל האט אבגעברענט, און עס פערשטעהט זיך, אז אלע איינוואוינער זיינען געבליבען ארימע לייט. אז עס איז געקומען די צייט פון צאהלען דעם חוב, האט יעדער בעל־חוב אבגעשפארט פון דאס לעצטע אום כאטש צו געבען עפעס א קלייניגקייט אויפ'ן חוב. אבער זיי האבען זיך געשראקען, דאס אויב זיי וועלען

ברייננען דעם גביר אזוי וויניג, וועט ער פעראיבעל האבען און וועט זיי מעהר קיין קרעדיט ניט געבען.

אין שטעדטעל איז געווען איינער, א חכם, האט ער געזאגט צו זיינע שטאדט־לייט: „הערט צו, רבותי: אמת, מיר ווייסען אלע אז אונזער גביר איז א פיינער מענש און א גוטער מענש, א בעל־טובה און א בעל־צדקה, דאך אז יעדער איינער וועט איהם ברייננען א קלייניגקייט, דער א טאלער, יענער צוויי טאלער, און אז אנדערער בלויז עטליכע גילדען, און בעטען אז ער זאל אונז די איבעריגע ווארטען, וועט ער טאקע פעראיבעל האבען. דען וואס פאר א ווערטה האבען עס ביי א גביר אזעלכע קליינע סומען? איז מיין עצה, אז איהר זאלט די אלע קליינע געלדער צוזאמענלייגען אין איין גרויסען פעקעל, און מיר וועלען דאס אלע צוזאמען דערלאנגען איהם אויף אמאל, און מיר וועלען איהם זאגען: „נא, הארינקע, אט דאס איז אלעס וואס מיר פערמאגען!" און אז ער וועט זעהן אזוי פיעל געלד, וועט ער שוין ווייבער ווערען און וועט אונז די איבעריגע איינגאנצען מוחל זיין."

און אזוי איז דאס טאקע געווען.

## נ מ ש ל

א גאנץ יאהר צאהלען מיר אויס אונזערע חובות צום רבונו של עולם, ביסלעכווייז, ראטען־ווייז: א קדושה, א קאַפּיטעל תהלים, א פרק משניות, און דער איבערשטער נעהמט עס אן פון אונז. אבער אז עס קומען די ימים נוראים זעהען מיר זיך ארום אז מיר זיינען זעהר ארים אין מעשים און מיר זיינען גרויסע בעלי־חובות. און ווען יעדער איינער פון אונז זאל ברייננען בלויז די ביסעלע וואס ער האט, וואלט עס אפשר אויסגעזעהן זעהר קליין. דארום קומען מיר צו־זאמען, כל ישראל פון דער גאנצער וועלט, אין איין צייט, אין די עשרת ימי תשובה, אלע אויף אמאל, מיט א סך

תפלה, תשובה און צדקה, און ווען דער אייבערשטער זעהט אזוי פיעל, אזא גרויסע סומע, איז ער אונז שוין מוחל דאס איבעריגע, וואס מיר בלייבען איהם שולדיג . . .

## 27
## דורכגעלאָזען די געלעגענהייט

אמאל איז געווען אן אנגעזעהענער רייכער מאן, וועלכער איז געווען זעהר געאכטעט ביים מלך און האט זיך גערעכענט פאר זיין הויז־פריינד. האבען מענשען וואס האבען איהם מקנא געווען, אויף איהם געמאכט א בלבול, אז ער האט גע־וואלט טויטען דעם מלך. דער מלך האט זיי געגלויבט און האט געשיקט זיינע סאלדאטען צו דעם פריינד אהיים. די סאלדאטען זיינען אנגעקומען פלוצלונג, שפעט ביינאכט, ווען יענער איז שוין געלעגען אין בעט, און זיי האבען איהם אוועקגעשלעפט צום געפענגעניס, און דארט האבען זיי איהם אריינגעווארפען אין א פינסטערען קעלער. אומזיסט האט זיך דער אונגליקליכער ביי זיי געבעטען, אז זיי זאלען איהם זאגען וואס זיין פערברעכען איז און אין וואס ער ווערט בעשולדיגט. די סאלדאטען האבען איהם גארנישט געוואלט זאגען.

גלייך ווי מען האט איהם אריינגעווארפען אין קעלער, איז אויף דעם אונגליקליכען געפאלען א טיעפער שלאף און ער איז אזוי אבגעשלאפען א היבשע צייט. ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, האט ער פערגעסען אויף דער גאנצער גע־שיכטע, אז ער איז ארעסטירט געווארען און אז ער זיצט אין א פינסטערער תפיסה. ער האט געמיינט אז ער ליגט אין דער היים, און פינסטער איז עס, ווייל עס איז נאך נאכט. האט ער זיך איבערגעקעהרט אויף דעם אנדער זייט

און איז ווייטער געשלאפען. אז ער האט זיך אויפגעכאפט א צווייטען מאל, האט ער ווידער געמיינט אז ער ליגט נאך אלץ ביי זיך אין דער היים און אז עס איז נאך אלץ נאכט. האט ער ווידער צוגעמאכט די אויגען און איז איינגעשלאפען. אזוי האט ער זיך אויפגעכאפט עטליכע מאל, און זעהענדיג אז עס איז נאך אלץ פינסטער, האט ער אויסגערופען: „אוי, ווי שרעקליך לאנג עס ציהט זיך די נאכט! ווען וועט שוין אמאל קומען דער ליכטיגער טאג?“ און ער האט זיך אזש צאוויינט.

דער מלך האט זיך בעדענקט וועגען זיין פריינד און וועגען דעם אין וואס מען בעשולדיגט איהם. האט דער מלך זיך געטראכט: איך וועל צוגעהן אין דער תפיסה און ריידען מיט איהם אליין, ווען קיינער וועט דערביי ניט זיין, וועל איך אפשר דערגעהן דעם אמת פון איהם. איז דער מלך גאנץ שטיל, אין געהיים, אוועק צו דער תפיסה, איז ארונטער אין קעלער, און ער איז גראדע אנגעקומען אין דעם מאמענט ווען דער געפאנגענער האט זיך בעקלאגט וואס די נאכט ציהט זיך אזוי לאנג.

„דו, נאר איינער!“ האט דער מלך אויסגערופען. „דו מיינסט אז דו ליגסט עס ביי זיך אין דער היים? דו ביזט א געפאנגענער אין א תפיסה, און עס איז שוין אין דער צייט עטליכע מאל געווארען טאג. דא, אין דער פינסטער, וועסטו קיין טאג קיינמאל ניט זעהן. אט דא בין איך, זאג מיר דעם אמת וועגען דיר, לייג פאר דיינע טענות, און איך וועל דיך מאכען פריי!“

## נמשל

מיר, אידען, זיצען אין דער פינסטער און ווארטען ביז עס וועט ווערען טאג, עס הייסט ביז עס וועט קומען א גע־לעגענהייט און מיר וועלען זיך בעפרייען פון גלות. אבער

דער אמת איז, אַז עס איז שווין מעהר ווי איין מאָל געוואָרען טאָג, מעהר ווי איין געלעגענהייט האָבען מיר געהאַט זיך צו בעפרייען פון גלות. אָבער מיר האָבען די געלעגענהייטען פערזעהן, אָדער פערנאַכלעסיגט.

## 28

## ברויט מיט ברויט

ביי אַ גרויסען עושר איז די צייט אוועק שלעכט און ער איז געוואָרען אַן אָרימאַן. מעהר ווי טרוקען ברויט האָט ער זיין פאַמיליע ניט געקענט געבען. און ברויט פלעגט ער זיי געבען גאַנץ ווייניג, אַ פּאָר קליינע פּעניצלעך פאַר יעדען איינעם. האָבען די קינדער צו איהם געזאָגט: „טאַטע, אַמאָל, אַז מיר פלעגען האָבען צום טיש פיש און פלייש, קאַרטאָפּעל און צימעס, טייגעכץ און פלאָדען, האָבען מיר קיין סך ברויט ניט געדאַרפט עסען. עס איז געווען גענוג אַ פּאָר פּעניצלעך פאַר אַ מענשען; אָבער יעצט, אַז ברויט איז דער איינציגער מאכל אונזערער, און מיר עסען נאָר ברויט מיט ברויט, האָסטו אונז געדאַרפט געבען גענוג ברויט, אַז מיר זאָלען זיך קענען מיט דעם אָנעסען.“

נמשל

ווען דער בית־המקדש איז געשטאַנען און מיר פלעגען מקריב זיין קרבנות, איז געווען גענוג אַז מיר פלעגען ווייניגער דאַווענען; אָבער יעצט, אַז מיר האָבען מעהר קיין קרבנות ניט, דאַרפען מיר אַ סך תפלות זאָגען, פיוטים און יוצרות — עס הייסט ברויט און ברויט . . .

# 29
# מחותנים ווערן שונאים

אמאל זיינען געווען צוויי גוטע פריינד און זיי האבען געוואוינט אין צוויי בעזונדערע שטעדט, אבער ניט זעהר ווייט איינער פון אנדערען. אום אנצוהאלטען די פריינד־שאפט, פלעגען זיי שרייבען בריעף איינער צום אנדערען. און גאנץ אפט פלעגט מיט דעם בריעף קומען אויך א קליינע אדער א גרויסע מתנה.

די גוטע פריינד האבען זיך קיינמאל ניט אויסגערעכענט ווער פון זיי עס גיט א גרעסערע מתנה און ווער א קלענערע, דען די מתנה איז דאך ניט געווען דער עיקר, נאר דער צייכען פון פריינדשאפט. אזוי איז דאס געגאנגען פאר א לאנגע צייט.

שפעטער האבען די פריינד געטאהן א שידוך צווישען זיך מיט זייערע קינדער. דאס האט נאך געדארפט שטאר־קער מאכען די פריינדשאפט. אבער באלד ווי מען האט אנגעשריבען די תנאים, האבען די פריינד אנגעהויבען זיך צו קריגען. און צוליעב וואס? טאקע צוליעב די מתנות. דעם חתן׳ס פאטער האט זיך געראכט אז דער כלה׳ס פאטער האט א ביסעל נעקארגט מיט די מתנות צום חתן, און דער כלה׳ס פאטער איז געווען אונצופריעדען מיט די כלה־מתנות, וואס זיין מאכטער האט בעקומען — פון יענעם צד.

האט איינער געפרעגט: „ווי אזוי קומט עס, דאס איידער זיי זיינען געווארען מחותנים זיינען זיי געווען צו־פריעדען פון זייערע מתנות און יעצט קריגען זיי זיך?"

„וואס פערשטעהסטו נישט?" האט דער אנדערער ערקלערט. „פריהער זיינען זיי געווען בלויז פריינד און זיי

זיינען נים געווען מחויב צו געבען מתנות. יעדער איינער האט געגעבען ווען ער האט געוואלט און וואס ער האט גע־וואלט. אבער יעצט, זייענדיג מחותנים, ליגט שוין אויף זיי א חוב צו געבען מתנות, זיי מוזען געבען, און אויף דעם וואס מען מוז געבען איז מען שוין שטארק פריטיקלע.

נמשל

אונזערע אבות האבען אבגעהיט אלע מצוות נאך פאר מתן תורה, איז ביי דעם איבערשטען דאס געווען זעהר אנ־גענומען, און ער האט מיט זיי נים מקפיד געווען אפילו ווען זיי האבען אמאל פערפעהלט צו טאהן זיין געבאט. ווייל דאס איז די אבות פעררעכענט געווארען אלס א מתנה פון לויטער פריינדשאפט, וואס זיי זיינען גארניט מחויב צו געבען. אבער שפעטער, אז דער איבערשטער האט אונז געגעבען די תורה און איז געווארען א מחותן מיט'ן פאלק ישראל, איז ער שוין געווארען א מקפיד און פאדערט אז די מתנות זאלען זיין ריכטיגע און גוטע, ווי עס פאסט זיך פאר א שעהנעם מחותן.

## 30

# דער מבין

א מלך האט געהאט ביי זיך א מענשען וואס איז גע־ווען א גרויסער מבין אויף טייערע שטיינער, דימענטען און בריליאנטען. אהן איהם פלעגט דער מלך גארנישט קויפען. האט זיך געטראפען אן אונגליק: דער מבין איז געשטארבען, און דער מלך האט געדארפט האבען אן אנדער מבין אויף זיין ארט. אבער אויף אויסצוקלייבען א ריכטיגען מבין דארף מען דאך אליין אויך זיין א מבין, און דאס איז גראדע דער

מלך ניט געווען. האט ער געגעבען א בעפעהל צו איינעם פון זיינע נאהענטע בעדיענער, אז ער זאל פאהרען אויסזוכען א נייעם מבין.

צו דעם צוועק האט דער מלך ארויסגענומען פון זיינע אוצרות א זעהר טייערען שטיין, וואס זיין גלייכען איז כמעט ניט צו געפינען אין דער גאנצער וועלט. און דער מלך האט געזאגט צו זיין דיענער: „נעהם דיזען שטיין און פאר אין דער שטאדט וואו עס קומען זיך צונויף אלע דימענטען-הענדלער פון גאנצען לאנד. ווען דו וועסט אהין קומען, זאלסטו ארויס אין מארק און אויסרופען אז דו האסט א טייערען שטיין צו פערקויפען, און אזוי וועסטו קענען אויסגעפינען דעם מבין, דען צו פערשטעהן דעם ריכטיגען ווערטה פון אזא שטיין דארף מען זיין א גרויסער מבין.“

דער דיענער האט געטאהן אלעס ווי דער מלך האט איהם געהייסען. אז ער איז געקומען אין יענער שטאדט, איז ער ארויס אין מארק און אויסגערופען, אז ער האט א טייערען שטיין צו פערקויפען. עס האבען זיך באלד ארום איהם צוזאמענגעקליבען דימענטען-הענדלער און צווישען זיי אויך איינער א רייכער מאן, וואס האט געהאט א סך געלד און ווייניג שכל, און ער איז געקומען איינקויפען דימענטען פאר זיך אליין. און אזוי ווי ער האט ניט געוואוסט דעם אונטערשיעד פון א ריכטיגען דימענט ביז א בליאסקעדיגען שטיקעל גלאז, האבען איהם די סוחרים פערקויפט א סך איינפאכע גלעזלעך פאר גוטע געלד.

ווען די סוחרים האבען אנגעהויבען צו באטען א מקח פאר דעם טייערען שטיין, האט דער נארישער נגיד גענומען באטען א סך מעהר. אזוי ווי קיין מבין איז ער ניט געווען, האט ער געוואוסט נאר איין זאך, אז ווען איינער באט הונדערט רענדלעך, קען ער באטען הונדערט מיט צעהן, ווייל מסתמא האט עס אזוי פיעל די ווערטה. יענע סוחרים העכערען דעם מקח, העכערט ער נאך מעהר. און אזוי האט

זיך דער מקח געהויבען און געהויבען, ביז דער רייכער נאר האט אנגעבאטען אזוי פיעל, פונקט וואס עס איז געווען די ריכטיגע ווערטה פון דעם שטיין.

טראכט זיך דעם מלך'ס דיענער: יעצט זעה איך אז ער איז טאקע א מבין, דען ער האט צוגעטראפען דעם ריכ־טיגען ווערטה פון דעם טייערען שטיין. אה, ווי דער מלך וועט זיך דאס פרעהען ווען ער וועט קריגען אזא גוטען מבין!

אבער אזוי ווי דער דיענער קוקט אן דעם מענשען גוט אין פנים, הויבט ער אן צו צווייפלען דאס א מענש מיט אזא נארישען פנים זאל טאקע זיין א מבין. טראכט זיך דער דיענער, לאמיךווארטען און זעהן. ווען עס איז גע־קומען צו בעצאהלען, האט דער קויפער ארויסגענומען פון זיינע קעשענעס א הויפען מיט גלעזלעך און האט געזאגט:

„אנשטאט מזומן געלד וועל איך אייך בעצאהלען מיט דיזע טייערע דימענטען און בריליאנטען, וואס קאסטען מיר א סך געלד. אט די אלע דימענטען גיב איך אייך פאר אייער שטיינדעל.“

יעצט, ווען דער דיענער האט געזעהן וואס יענער רופט דימענטען און בריליאנטען, האט ער שוין, צו זיין בעדויערען, געוואוסט מיט וואס פאר א מבין ער האנדעלט . . .

## נ מ ש ל

עס געלינגט אמאל א בעריהמער צו פערטומלען מענשען א מוח, מען זאל מיינען אז ער איז טאקע א גרויסער מענש. אבער סוף כל סוף מוז ער זיך ארויסצייגען אין זיין ריכ־טיגער מאס.

## 31
# די שטראָף פון אַ בעריהמער

ביי אַ מלך איז געווען אַ מיניסטער, וועלכער איז ביי איהם געווען ליעבער און חשוב'ער פון אַלע אַנדערע מי־ניסטאָרען. אהן איהם האָט דער מלך קיין זאַך ניט געטאָהן. דער מלך האָט אויך געהאַט אַ זוהן, אַ בן־יחיד, אַ שוואַכער און אַן איידעלער, און יעדען מאָל וואָס דער מלך האָט גע־דאַרפט האַלטען אַ בעראַטונג מיט זיין מיניסטער, פלעגט ער הייסען דעם בן־יחיד אַרויסגעהן פון צימער.

דער מיניסטער האָט זיך אָנגעהויבען צו גאוה'נען און ער האָט זיך בעריהמט פאַר די אַנדערע מיניסטאָרען: „איהר זעהט ווי דער מלך האָט מיך ליעב? אַז ער דאַרף מיט מיר רעדען, שיקט ער אַרויס זיין בן־יחיד פון צימער. דאָס צייגט אַז איך בין ביי איהם נאָך טייערער ווי דער בן־מלך."

ווען דער בן־מלך האָט דערהערט פון דיזע בעריהמעריי, האָט עס איהם שטאַרק פערדראָסען און ער האָט זיך די זאַך אַזוי גענומען צום האַרצען, דאָס ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ טיעפער מרה־שחורה און איז געוואָרען אַזוי קראַנק, דאָס ער האָט געמוזט ליגען אין בעט. דאָקטוירים האָבען איהם אונטערזוכט און ערקלערט, אַז ער איז מעלאַנכאָליש און די איינציגע רפואה איז איהם צו מאַכען פרעהליך און פער־טרייבען די מעלאַנכאָליע.

דער מלך האָט געלאָזט ברייגגען מוזיקער און קאָמע־דיאַנטען, אָבער זיי האָבען דעם בן־מלך ניט געקענט מאַכען פרעהליכער, ווייל ער איז שוין געווען געוואָרינט צו זיי. האָט דער מלך צוזאַמענגערופען אַלע זיינע מיניסטאָרען, אום

זיך צו בעראטהען ווי דעם בן־מלך צו היילען פון זיין מע־לאנכאליע, דורך וואס פאר א מיטעל איהם פרעהליך צו מאכען. האט איינער פון די מיניסטארען פארגעשלאגען, אז יעדער איינער פון די מיניסטארען זאל זיך פערשטעלען אויף א טאג פאר א ווילדע חיה, א לייב, א בער, א לעמפערט, אן עלעפאנט, און זאל שפיעלען און טאנצען פאר דעם בן־מלך, און אזוי ווי דער בן־מלך וועט דאך וויסען ווער די פערשטעלטע פערזאן איז, וועט עס ביי איהם פארקומען זעהר קאמיש און ער וועט מוזען לאכען.

די עצה איז דעם מלך זעהר געפעלען געווארען און ער האט בעפוילען די אנדערע מיניסטארען, אז זיי זאלען אזוי טאהן, און יענעם מיניסטער, מיט וועלכען ער פלעגט אימער האלטען עצות, האט ער אנגעזאגט אז ער זאל זיך פער־שטעלען פאר א מאלפע, ווייל פון א מאלפע לאזט זיך זעהר פיעל לאכען. דער מיניסטער האט געמוזט פאלגען. און ווען דער בן־מלך האט דערקענט ווער די מאלפע איז, האט ער אזוי פיעל געלאכט, דאס ער איז אינגאנצען געזונד גע־ווארען. נאכדעם האבען די אנדערע מיניסטארען זיך גע־רייצט מיט דעם בעריהמער און געזאגט: „אזוי פיעל האלט פון דיר אונזער מלך, אז ער האט פון דיר געמאכט א מאלפע צו אמוזירען זיין קינד! . . .“

נ מ ש ל

א בעריהמער איז גוט צו שלאגען.

## 32
# אַ קריוודע אויף רבונו של עולם

אַז אָרימער בעל־מלאכה האָט געבעטען אַז דער איי־בערשטער זאָל איהם צושיקען פּרנסה, עס הייסט אַ מענשען וואָס זאָל איהם געבען אַרבייט. דער אייבערשטער האָט געהערט זיין געבעט און האָט איהם צוגעשיקט אַ מענשען וואָס האָט געדאַרפט האָבען אַרבייטער, און ער האָט דעם בעל־מלאכה צוגענומען צו דער אַרבייט.

נאָכדעם ווי דער בעל־מלאכה האָט אָבגעאַרבייט עט־ליכע טעג, האָט דער בעל־הבית איהם געהייסען געהן און האָט איהם ניט בעצאָהלט. צו וועמען האָט דער אָרימער בעל־מלאכה אַ קריוודע? טאַקע צום רבונו של עולם אַליין!

נ מ ש ל

דער וואָס בערויבט אַז אַרבייטער בעגעהט אַ דאָפּעלטע זינד, אַ זינד געגען מענשען און אַ זינד געגען גאָט.

## 33
# אויסגעלאָזען זיין כעס

איינער האָט געהאַט אַ גוטען און טרייען פריינד, און יעדען מאָל, ווען ער פלעגט זיך מיט איהם טרעפען אין גאַס, פלעגט ער איהם בעגריסען מיט אַ פריינדליכען „גוט מאָרגען“ און זיך נאָכפרעגען אויף זיין געזונד. איינמאָל בעגעגענט ער דעם פריינד, און אַנשטאָט איהם צו בעגריסען אויף זיין

פריינדליכע אופן, האָט ער אויף איהם געגומען שרייען און זידלען: דו אַזוינער און אַזוינער! דער אַנדערער האָט ניט פערשטאַנען פון וואַנען דער כעס קומט און וואָרום יענער האָט איהם אַזוי בעליידיגט, אָבער ווי אַן אמת'ער גוטער פריינד האָט ער פערשוויגען און איהם גאָרנישט געענטפערט.

אויף מאָרגען האָבען זיך די צוויי פריינד ווידער בע־געגענט אין גאַס. און דער וואָס האָט דעם פריהערדיגען טאָג זיין פריינד געזידעלט, איז איהם יעצט אַרויפגעפאַלען אויפ'ן האַלז און איהם געקושט. האָט דער אַנדערער געפרעגט: „ערקלער מיר, מיין פריינד, וואָרום האָסטו מיך נעכטען גע־זידעלט און היינט קושסטו מיך?“ האָט איהם יענער גע־ענטפערט: „ענטשולדיג מיר. וואָס איך האָב דיך נעכטען אַזוי בעליידיגט. איך האָב עס גאָרניט געמיינט. די מעשה איז אַזוי: איך האָב נעכטען געהאַט גרויס ערגערניש. מיין הארץ האָט אין מיר געזאָדען אויף שלעכטע מענשען, וואָס האָבען מיר געטאָהן רשעות. האָט זיך מיר געוואָלט אויס־לאָזען מיין כעס צו אימיצען. טאָ צו וועמען האָב איך גע־קענט אויסלאָזען מיין כעס? צו יענע רשעים? ווען איך וואָלט זיי געזאָגט איין וואָרט, וואָלטען זיי מיך נאָך צעהן מאָל אַזוי פיעל צוריק געזידעלט. אָבער אַז איך האָב דיך בעגעגענט, האָב זיך בעדענקט וואָס פאַר אַ טייערער פריינד דו ביזט מיינער, און אַז דו וועסט מיר, צוליעב אונזער אַלטער פריינדשאַפט, פערשווייגען, האָב איך מיין גאַנצען כעס אויסגעלאָזען צו דיר . . .“

## נ מ ש ל

אַזוי איז אויך מיט דעם אייבערשטען. ווען ער ווערט אין כעס אויף די מענשען, ווייס ער, אַז אויב ער וועט אויס־לאָזען זיין כעס צו די אפיקורסים, צו די ליידאַקעס, וועלען זיי נאָך מעהר טאָהן צו להכעים און נאָך מעהר לעסטערען זיין הייליגען נאָמען: אָבער די צדיקים, די טרייע פריינד

פון דעם אייבערשטען, זיי נעהמען אן מיט ליעבשאפט די שטראף וואס ער גיט זיי, ווייל זיי ווייסען אז ניט זיי מיינט ער.

## 34
## פערשפּאָרט אָן אַרבייט

איינער האט זיך פערזינדיגט געגען א גרויסען שררה און ער האט זיך געריכט אויף א הארבער שטראף. האט ער זיך בערעבענט אז ער וועט בעסער געהן דעם שררה איבער־בעטען און ער וועט איהם זיכער מוחל זיין. דער שררה האט זיך דערוואוסט אז יענער קלייבט זיך צו קומען וויינען און קלאגען אויף זיין קאפ, האט ער געהייסען זיינע דיענער, אז זיי זאלען צושליסען די טיהר. אבער אזוי ווי זיין פּאַ־לאסט האט געהאט א סך טיהרען, האט דער שררה געמוזט אלע טיהרען פערשליסען און אוועקשטעלען א שומר ביי יעדער טיהר.

האט זיך דארט געפונען איינער א קלוגער יונג, און ער האט געזאגט צו דעם שררה: „וואס טויג דיר צו פער־שליסען אזוי פיעל טיהרען און אוועקשטעלען אזוי פיעל שומרים? נעהם און שליס צו די טיהר פון יענעמס הויז, דען אז ארימאן האט ניט מעהר ווי איין טיהר, און מעהר ווי איין משרת צו היטען אז ער זאל ניט ארויסגעהן, וועסטו ניט דארפען.

### נ מ ש ל

אזוי טוהט דער שטן. ער ווייס אז פאר דעם מענ־שען'ס געבעט זיינען דא א סך טיהרען אין הימעל, און עס איז צו שווער פאר'ן שטן צו פערשטעלען אלע טיהרען,

שטעלט ער זיך אוועק ביי דער טיהר פון דעם מענשען, ער לאזט ניט צו זיין געבעט זאל ארוים מיט א קלארען קאפּ, מיט כונה — עס הייסט: ער פערשטעלט די איינציגע טיהר וואס דער ארימער מענש האט!

## 35
## ער האָט אָנגעגרייט פאַר אַלעמען

איינער האָט געמאַכט א סעודה פאַר צעהן מענשען און ער האָט צום טיש דערלאַנגט צעהן פּאַרציעס. איינער פון די געסט איז געווען א גרויסער פרעסער האָט ער צו זיך צו־גערוקט צוויי טעלער מיט צוויי פּאַרציעס, און עס פער־שטעהט זיך, אז איינעם פון די געסט האָט שוין אויסגע־פעלט זיין חלק. האבען די אנדערע געסט געזאָגט צום בעל־הבית: „זעה, יענער האָט דאָך גאַרנישט צו עסען.“ האָט דער בעל הבית זיי געענטפערט: „זאָל יעדער איינער פון אייך געבען א ביסעל פון זיין חלק.“

האבען די געסט געלאַכט: „ווי קומט עס? דו לאַדסט אונז איין צום טיש און הייסט אז מיר זאָלען געבען דיינעם א גאַסט פון אונזערע?“

„איך האָב געגעבען גענוג פאַר אייך אלעמען,“ האָט דער בעל הבית געענטפערט. „און פאַר דעם איינעם וואָס איהם פעהלט אוים האָב איך אויך געגעבען גענוג. אבער וואָס בין איך שולדיג אז איהר האָט צוגענומען אי אייערע חלקים, אי אויך זיין חלק? דערפאַר זאָג איך אז איהר זאָלט איהם געבען פון אייערע.“

### נ מ ש ל

דער אייבערשטער האָט די מענשען געגעבען א וועלט

מיט כל טוב, גענוג פאר אלעמען, אז יעדער איינער זאל האַ־
בען גענוג צו עסען און אויף אלע הצטרכות. נאָר עס זיינען
דאָ מענשען וואס זיינען ניט צופרידען מיט זייער אייגענעם
חלק אליין און זיי כאפען אריין אויך א פרעמדען חלק, און
יענער בלייבט נעבעך מיט גארנישט. אט דארום זאגט דער
אייבערשטער צו די מענשען: „איהר האט צופיעל, ווייל איהר
האט אריינגעכאפט דעם חלק וואס איך האב אויך אנגע־
גרייט פאר יענעם, טא דארפט איהר איהם געבען פון אייערע.“

## 36

# אַ איד מיט בטחון

צוויי אידען זיינען געשטאנען אין גאס און האבען גע־
רעדט. איז צו זיי צוגעקומען אן אגענט פון דער רעגירונגס־
לאטעריי און האט זיי אנגעזאגט אז זיי האבען געוואונען
גרויסע סומען געלד. איינער האט זיך שטארק געפרעהט,
אבער דער אנדערער וואס האט גראדע געוואונען א גרעסערע
סומע פון דעם איינעם, איז געשטאנען גאנץ רוהיג, אזוי
ווי דאס וואלט גאר קיין נייעס ניט געווען פאר איהם.

„ווארום זייט איהר אזוי קאלט? ווארום פרעהט איהר
זיך ניט?“ האט מען איהם געפרעגט.

„איך ווער ניט נתפעל,“ האט ער געענטפערט. „איך
האב אימער געהאט בטחון אין דעם אייבערשטען, אז ער
וועט מיר געבען. נו, האט ער געגעבען. א נייעס איז דאס?“

נמשל

דאס איז דער כח פון בטחון.

## 37
## צוויי מלכים

אין א ווייטען געגענד האבען געקיניגט צוויי מלכים אויף צוויי בעזונדערע קעניגרייכען. איינער האט זיין מלוכה און זיינע פיעלע אוצרות בעקומען בירושה פון זיין פאטער, וועלכער איז געווען א גרויסער העלד און א מוטהי־גער קעמפפער, און ער האט זיין קעניגרייך געמאכט רייך און גרויס. דער אנדערער מלך איז געבוירען געווארען ביי ארימע עלטערען, אבער דורך זיין גרויסע גבורה און העל־דענשאפט האט ער זיך ארויפגעארבייט צו א מלוכה מיט גרויסע אוצרות פון גאלד, זילבער און טייערע שטיינער.

דער מלך וואס האט אלעס בעקומען בירושה, האט אי־מער געלעבט אין גרויס שרעק, טאמער וועט ער אמאל פער־לירען זיין קרוין מיט זיין פערמעגען, ווייל ער האט אימער געלעבט שטיל און רוהיג, און ווען עס וואלט פארגעקומען אן אויפשטאנד אין זיין לאנד, וואלט ער ניט געוואוסט ווי צו קעמפפען געגען די בונטאוושציקעס. אבער דער וואס איז אליין, מיט זיין אייגענער גבורה, געווארען א מלך, האט ניט קיין מורא פאר קיין אויפשטאנד, ווייל ער איז געווען גע־וואוינט צו קעמפפען.

### נמשל

דער צדיק וואס האט זיין גאנצען לעבען ניט געוואוסט פון זינד איז ניט זיכער מיט זיך, ווען עס קומט אים ביי־צושטעהן א נסיון פון דעם יצר הרע. אבער דער בעל תשובה וואס האט שוין בעקעמפפט דעם יצר הרע, דער איז זיכערער

אז ער וועט בלייבען ביי זיין פרומקייט, און דערפאר שטעהט דער בעל תשובה העכער פון דעם צדיק.

## 38
## ער איז קיין נצרך

איינער האט גערארפט האבען געלד. האט ער זיך גע־טראכט, אז ער וועט אריבערגעהן צו א פריינד און ביי איהם בעטען, אז ער זאל איהם לייהען א גמילת חסד אויף א קורצער צייט. דער פריינד האט געוואוינט ווייט, האט ער אלץ אבגעלייגט און אבגעלייגט דעם גאנג אויף א שפעטערע צייט.

איינמאל געהט ער אין גאס און בעגעגענט זיך מיט דעם פריינד פנים אל פנים. טראכט ער זיך: אט איז אויף מיין מזל געקומען די געלעגענהייט צו קריגען דעם גמילת חסד, גאר אהן מיה. געהט ער צו צום פריינד און זאגט צו איהם: „גוט, וואס איך האב דיך געטראפען. איך בין אביסעל פער־איינגט אין געלד און איך וויל, אז דו זאלסט מיר לייהען א הונדערטער". דער פריינד טראכט זיך: ער איז גאר ניט אזוי פעראיינגט און איז גאר ניט אזא נצרך. ווען ער וואלט טאקע געדארפט האבען נויטיג דאס געלד, וואלט ער שוין געקומען צו מיר אהיים און ניטווארטען ביז ער וועט מיך טרעפען אין גאס. ער דארף דאס גאר ניט אזוי נויטיג, נאר גראדע ווייל ער האט מיך געטראפען אין גאס, בעט ער א גמילת חסד.

און מיט דעם רעכנונג אין קאפ האט איהם דער פריינד ענטזאגט.

### נמשל

עס זיינען דא אידען וואס פוילען זיך צו געהן אין שוהל דאווענען. נאר ווען עס דאווענט א גרויסער חזן לויפען זיי אין שוהל און דאווענען אויך. אבער דער אייבערשטער הערט ניט זייער תפלה. ער, כביכול, טראכט זיך: זיי בעטען ביי מיר, ווייל עס האט זיך געמאכט אז זיי זיינען געקומען אין שוהל צוליעב דעם חזן. ווען זיי וואלטען באמת געדארפט האבען עפעס פון מיר, וואלטען זיי דאך אליין געקומען אהער, און ניט געווארט ביז עס וועט דאווענען א חזן מיט משוררים.

## 39

## ווען דיין שונא איז הונגעריג

איינער האט געמאכט א גרויסען מאהלצייט פאר זיינע פריינד. ער האט אבער צו דער שמחה אויך איינגעלאדען איינעם וואס איז געווען זיינער א בלוטיגער שונא. און ווען דער שונא איז געקומען, האט דער בעל שמחה איהם אוועק־געזעצט אויבען־אן און פערזאגט די סארוועה, אז מען זאל איהם געבען די פעטסטע און דאס בעסטע. דער שונא, וועל־כער איז געווען א גרויסער פרעסער האט געפאקט אין זיך פיעל עס איז אין איהם אריין. די גוטע פריינד האבען זיך ניט געקענט אבוואונדערען צוליעב וואס דער בעל שמחה האט איינגעלאדען דעם שונא און איהם נאך אזוי גוט אויפ־גענומען. אבער א טאג שפעטער איז זיי די זאך קלאר גע־ווארען. דער שונא וועלכער האט געהאט א שוואכען מאגען איז פון דעם גרויסען מאהלצייט גוט קראנק געווארען, און דאן האבען די פריינד פערשטאנען וואס שלמה המלך האט גע־

מיינט ווען ער האט געזאגט, „אם רעב שונאך האכילהו לחם" — ווען דיין שונא איז הונגעריג, גיב איהם א מאהל־צייט..."

## נמשל

אזוי טוהט דער איבערשטער מיט'ן רשע. ער לאזט איהם געניסען אלע תענוגים פון דער וועלט, פרעסען און זויפען, פיעל דעם רשע'ס הארץ געלוסט. אבער לסוף האט דער רשע פון דעם צרות . . .

# 40

# די לעצטע מינוט

איינער א מאן האט זיך פערזינדיגט געגען דעם מלך און דער מלך האט אויף איהם ארויפגעלייגט א גרויסע שטראף. איינמאל איז דער מלך געקומען אין דער שטאדט וואו דער פערזינדיגטער האט געוואוינט. האבען די פריינד פון דעם פערזינדיגטען געזאגט צו איהם: „דער מלך איז דא יעצט אין שטאדט, און ער הערט אויס אלע קלאגען, און נעהמט אן פעטיציעס פון זיינע בירגער. געה דו אויך צום מלך און בעט איהם, אז ער זאל דיר מוחל זיין." אבער דער פערזינדיגטער האט זיי ניט געוואלט הערען. ער איז געווען שטאלץ און איינגעשפארט. האבען די פריינד צו איהם ווידער גענומען רעדען: „געדענק! דער מלך קומט דא בלויז איין מאל אין יאהר. פאהרען צו איהם קענסטו ניט, ווייל ער וואוינט זעהר ווייט. געה צו איהם יעצט ווען ער איז דא דערביי." אבער דער פערזינדיגטער איז נאך אלץ געווען איינגעשפארט און האט ניט געוואלט געהן צום מלך בעטען מחילה.

ווען דער מלך האט שוין געהאלטען אין אוועקפאהרען, זיינען די פריינד ווידער געקומען מענה'ן מיט'ן פערזינדיג־טען: „געה, לויף איהם נאך, איידער עס ווערט שפעט". דאן האט דער פערזינדיגטער גענומען לויפען און איז נאכגעלאפען דעם קעניגס קארעטע וועלכע איז שוין געווען באלד אויסען שטאדט.

## נמשל

אז עס קומט אלול איז דער גרויסער מלך אין הימעל גרייט צו הערען די תשובה און די תפילות פון אלע פער־זינדיגטע. נאר א סך לייגען אב זייער תשובה פון חודש אלול אויף ראש השנה און פון ראש השנה אויף יום כפור — ביז נעילה צייט, וואס איז שוין די לעצטע מינוט.

# 41
# די הארץ איז דער עיקר

א גרויסער סוחר האט געהאט זיינע אגענטען וואס פלעגען ארומפאהרען איבער'ן לאנד מיט זיין סחורה און פערקויפען. איינמאל האט זיך געמאכט, אז ווען די אגענ־טען זיינען געווען אין מיטען וועג, האבען זיי ניט גוט אכטונג געגעבען און גנבים האבען צוגענומען זייערע וואגענס מיט די גאנצע סחורה און זיינען מיט דעם אנטלאפען. די אגענ־טען זיינען געקומען צוריק צום סוחר מיט ליידיגע הענד און מיט א געבראכענעם געמיטה. זיי האבען פאר איהם גע־וויינט און זיך געבעטען אז ער זאל מיט זיי דורכקומען פאר דעם גרויסען שאדען וואס ער האט דורך זיי געהאט און זיי וועלען איהם ווייטער דיענען געטריי.

דער סוחר האט די זאך גוט בעקלעהרט, און נאכדעם

האט ער זיי פארגעשלאגען, אז זיי זאלען איהם בעצאהלען א קליינעם פראצענט פון דעם ווערטה פון די סחורה, און דיזען פראצענט דארפען זיי אויך ניט אויסצאהלען מיט אמאל, נאר אין קליינע ראטען יעדע וואך, אדער יעדען חודש. און אזוי האבען זיי געטאהן.

איין טאג האט זיך געמאכט, אז ווען די אגענטען זיי־נען געקומען איינצאהלען זייערע ראטען, האט איינער פון זיי בעצאהלט דאפעלט ווי ער האט געדארפט איינצאהלען, און אן אנדערער וועלכער איז געווען דער ארימסטער פון זיי אלע־מען, האט מעהר ניט געהאט ווי די העלפט וואס ער האט גע־דארפט געבען. ער האט אויסגעזעהן צובראכען און פער־שעהמט, און ער האט געזאגט: „גלויבט מיר, מיין הער, אז די ביסעל איז מיר אויך זעהר שווער אנגעקומען צו שאפען פאר אייך.“

די וואס זיינען דערביי געשטאנען האבען געזעהן, אז דער סוחר איז געווען מעהר צופרידען פון דעם וואס האט איהם געבראכט בלויז די העלפט ווי פון דעם וואס האט איהם געבראכט דאפעלט. צו דעם ארימען האט דער סוחר גערעדט זעהר פריינדליך און האט איהם געטרייסט, און יע־נעם וואס האט איהם געבראכט דאפעלט האט ער אפילו קיין דאנק ניט געזאגט. און אז מען האט דעם סוחר וועגען דעם געפרעגט, האט ער די זאך אזוי ערקלעהרט:

„איהר זאלט וויסען זיין, אז דאס געלד וואס איך האב מיט אייך אבגעמאכט, אז איהר זאלט מיר צאהלען, איז א קלייניגקייט געגען דעם גרויסען שאדען וואס איך האב גע־האט דורך אייך. דער עיקר פון דער שטראף וואס איך האב אויף אייך ארויפגעלייגט איז אייך צו מאכען פיהלען, אז איהר זייט געגען מיר שולדיג, און אז יעדער איינער פון אייך זאל זיך בעמיהען צו פערקויפען וואס מעהר סחורה און איינ־קאסירען וואס פריהער דאס געלד, אום מיט דער צייט זאל מיין שאדען פערריכט ווערען. און איך האב בעמערקט אז

דער אנגענט וואס האט מיר בעצאהלט דאפעלט ווי זיין ראטע איז, האט דערביי זיך געהאלטען אזוי גרויס און שטאלץ, אזוי ווי ער וואלט מיר שוין אין גאנצען אויסגעצאהלט מיין שאדען. האב איך מורא, אז יעצט וועט ער שוין אויפ־הערען זיך צו פלייסען. אבער דער ארימער מאן ווייס און פיהלט אז ער בלייבט מיר פיעל שולדיג, וועט ער זיכער זיך פלייסען און זיך בעמיהען פאר מיין געשעפט, פיעל בעסער ווי די אנדערע.״

## נמשל

דער נגיד וואס גיט א גרויסע נדבה גיט עס מיט גאוה, אבער דער ארימער גיט א קליינע נדבה און פיהלט אז ער גיט ניט גענוג. דארום איז דעם ארימאנס צדקה מעהר אנ־גענומען ווי דעם רייכענס, ווייל דער עיקר איז ניט ווי גרויס די צדקה איז, נאר די הארץ וואס איז ביי דעם.

## 42
# די טייערע בריליאנטען

א סוחר האט געפיהרט טייערע בריליאנטען פון איין לאנד אין אן אנדער לאנד, און ווייל דער וועג איז געווען א ווייטער, און די בריליאנטען זיינען געווען זעהר קליינע שטיינדלעך, האט ער מורא געהאט, טאמער וועלען זיי פער־לארען געהן. וואס־זשע האט ער געטאהן? ער האט די טיי־ערע בריליאנטען איינגעפאסט אין בליי און אין האלץ אום זיי זאלען זיך האלטען פעסט. און ווען ער איז שוין געקומען צו זיין בעשטימטען ארט האט ער די בריליאנטען ארויסגע־נומען פון זייערע ביליגע איינפאסונגען און האט זיי געלאזט איינפאסען אין גאלד.

### נמשל

די גוטע זיטען פון א מענשען דאס זיינען די טייערע בריליאנטען. אמאל קומען זיי אין איינפאסונגען פון תורה און בילדונג, און אמאל זעהט מען זיי אויך ביי דעם איינפאכסטען מענשען. און ביי דעם איינפאכען מענשען האלטען זיי זיך אמאל נאך שטארקער.

## 43
## פטור געווארען פון אן אנזעצער

צו א קרעמער איז אריינגעקומען איינער קויפען סחורה. דער קרעמער האט איהם גענומען צייגען די ערגסטע סחורה וואס ער האט געהאט, איינע ערגער פון די אנדערע, און מקחים האט ער ביי איהם געבעטען געהויבענע, דריי מאל אזוי פיעל ווי עס האט דעם ווערטה. דער סוף איז געווען, אז יענער איז אוועק און האט גארנישט געקויפט.

נאכדעם איז אריינגעקומען אן אנדער סוחר. איהם האט שוין דער קרעמער אנדערש בעהאנדעלט. פאר איהם האט ער ארויסגענומען די בעסטע סחורה און מקחים האט ער געבעטען די לעצטע און די ביליגסטע. דיזען סוחר איז די סחורה גלייך געפעלען געווארען, ער איז איינגעגאנגען אויפ׳ן פרייז, און דער עסק איז געשלאסען געווארען.

ביי דעם קרעמער איז געווען א נייער משרת, וועלכער האט נים פערשטאנען וואס דא טוהט זיך, האט ער געפרעגט זיין בעל הבית: „ערקלערט מיר, איך בעט אייך, ווארום האט איהר יענעם סוחר געצייגט די ערגסטע ווארע און דעם דוקא די בעסטע?"

האט דער קרעמער דאס אזוי ערקלערט:

„פערשטעהסטו מיך, די מעשה איז אזוי: דיביידע סוחרים האבען געוואלט קויפען סחורה אויף בארג, ניט פאר מזומן. איך וויים אבער אז דער ערשטער איז א שווינדלער, אן אנזועצער, האב איך איהם מיט א כיון געצייגט די ערגסטע סחורה און געבעטען די גרעסטע מקחים, כדי ער זאל מיט מיר ניט וועלען האנדלען. דאגעגען, דער אנדער סוחר, וויים איך אז ער איז א גוטער בטוח און ער וועט מיר בעצאהלען וואס מיר קומט, דארום האב איך איהם געצייגט די בעסטע סחורה און איהם געזאגט אזעלכע פרייזען אז עס זאל זיך איהם לוינען צו האנדלען.

## נמשל

ווען דער אייבערשטער האט געוואלט געבען די תורה, וואס איז די בעסטע סחורה, איז ער ארומגעגאנגען צו אלע פעלקער און זיי אנגעבאטען אז זיי זאלען זי אננעהמען. האבען יענע פעלקער געפרעגט: „וואס שטעהט אין דער תורה?“ האט זיי דער אייבערשטער אויסגערעכענט די הארבסטע זאכען, דאס טאהר מען נים, יענעס טאהר מען ניט, און אז מען זינדיגט קומט די שווערסטע שטראף. דער אייבערשטער האט די תורה אזוי שווער געמאכט אין די אויגען פון די אומות העולם, אז זיי האבען זיך גלייך אבגעזאגט זי אנצונעהמען. און דעם אייבערשטענס כונה איז טאקע געווען, אז די גוים זאלען זיך פון דעם אבזאגען, ווייל ער האט געוואוסט אז מען קען זיי ניט טרויען דאס זיי וועלען די תורה אבהיטען. אבער ווען ער איז געקומען צו די אידען, האט ער זיי געצייגט ווי ניצליך און ווי שעהן עס זיינען די געבאט פון דער תורה און וואס פאר א טייערער אוצר עס ליגט אין איהר בעהאלטען, אויך דעם גוטען שכר וואס קומט ארוים א אידען פאר היטען די מצוות. דאס האט דער אייבערשטער געטאהן, ווייל ער האט געוואוסט אז די אידען קען ער טרויען, און אז זיי וועלען נים אנזועצען.

## 44
# די שטראָף פון פערברעכער

א יונגער מאַן, באַלד נאָך דער חתונה, האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען פון טאָהן עפּעס א געשעפט. ער האָט געוואוסט אַז זיין קעסט וועט אַמאָל אויסגעהן און דאַן וועט ער מוזען עסען דעם נדן. האָט ער בעצייטענס גענומען זוכען א רעכטען מסחר. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגען פערשיעדענע געשעפטען, אָבער קיינער איז איהם ניט געווען צום הארצען, ווייל עס האָט זיך איהם געוואָלט מיט אַמאָל רייך ווערען.

אזוי ווי שנעל רייך ווערען אויף אַן עהרליכען אופן איז זעהר שווער, האָט ער געוואָרפען אַן אויג אויף דעם „פעקעל האנדעל", עס הייסט קאָנטרעבאנד. ער האָט געזעהן ווי אייגער, א מצליח אין דיזען טריפה'ן האנדעל, איז רייך געווארען. אָבער ווען דער יונגער מאַן האָט פון דעם דערצעהלט זיין שווער, האָט דער שווער, וועלכער איז געווען א קלוגער און אַן ערפאהרענער מענש, צו איהם געזאָגט:

„זיי וויסען, אַז דער פעקעל־האנדעל איז זעהר א מיאוס'ע זאַך, ווייל עס איז געגען מענשליכקייט, געגען דער תורה, געגען די געזעצען פון לאַנד. און דער סוף פון די מענשען וואָס האנדלען מיט דעם איז זעהר א ביטערער. סוף כל סוף ווערען זיי געכאַפּט, מען נעהמט ביי זיי צו אַלעס וואָס זיי פערמאָגען און מען זעצט זיי נאָך אריין אין תפיסה".

דער יונגער מאַן האָט אַלץ ניט געוואָלט צוגעבען אַז זיין שווער איז גערעכט. ער איז געבליבען ביי דאָס זייניגע. האָט דער שווער איהם כלומרשט נאָכגעגעבען און געזאָגט: „נו, מיין איידים, נעהם א ביסעל געלד און לאָמיר פּאָהרען האנדלען. אפשר וועט אונז אָבגליקען".

זיינען זיי געפאהרען צוזאמען. אין א קרעטשמע וואס איז געשטאנען נאהנט ביים גרעניץ האבען זיי זיך אבגעשטעלט. דארט האבען זיי געזעהן א חברה קאנטערבאנדשציקעס שיכור'ן און הוליען אהן א שיעור. „נו", זאגט דער אידים צום שווער: „איהר זעהט ווי זיי לעבען א טאג? עס מוז זיי געהן זעהר גוט!"

„האסט א טעות, מיין קינד", ענטפערט דער שווער. „זיי טרינקען ניט ווייל זיי איז פרעהליך אויפ'ן הארצען, נאר ווייל זיי ווילען זיך פערטומלען די קעפ אום זיי זאלען זיך ניט שרעקען ביים אריבערטראנספארטירען די טריפה סחורה. מיט די משקה פערגיסען זיי די צרות און דעם גרויסען פחד וואס זיי פיהלען".

דעם יונגען מאן נעהמט עס אבער אלץ ניט. ער קוקט זיך צו ווי די חברה לייט עסען און טרינקען, און איהם דאכט זיך אלץ אז זיי איז פרעהליך אויפ'ן הארצען.

א טאג שפעטער זאגט דער שווער צום אידים: „יעצט לאמיר צופאהרען צום צאלל־הויז, וואו מען צאהלט איין די צינזען פאר טראנספארטירטע סחורה".

ווען זיי זיינען אהין געקומען האבען זיי געזעהן די זעלבע חברה לייט, אלע געשמיט אין קייטען. מען האט זיי פערנומען צוזאמען מיט זייערע וואגענס סחורה. דער יונגער מאן האט זיך דערשראקען און האט גענומען שרייען: „שווער! לאמיר פאהרען אהיים, אהיים, אבער שנעל!" . . .

## נמשל

עס זיינען דא אויף דער וועלט אזעלכע נארען וואס פערשטעהען ניט וואס איז אונרעכט, סיידען זיי זעהען דעם גיהנום פאר די אויגען.

## 45
# ווארום ער האָט געשוויגען

אין א שטעדטעל האָט זיך געמאַכט א געשיכטע, אז א גביר האָט אַנגעזעצט. ווי דער שטייגער איז ביי אַזאַ פאַל, איז א האלבע שטעדטעל אַנגעלאָפען צו דעם גביר׳ס הויז. אַלמנות און יתומים וואָס האָבען ביי איהם געהאַלטען זייער ביסעל ירושה, יונגע פאַרלעך וואָס האָבען ביי איהם גע־האַלטען זייער נדן, און אויך בעלי מלאכות און קליינע סוחרים וועלכע האָבען געהאַלטען דעם גביר פאַר א גרויסען בטוח און האָבען איהם געגעבען צו האַלטען זייער ביסעל מזומן. און די אַלע מענשען האָבען געמאַכט גוואַלדען און געשרייען, און געליאַרעמט און געפילדערט געגען דעם אַנזעצער. א זייטיגער מענש, א פרעמדער, פון אַן אַנדער שטאָדט וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו דעם עולם האָט בעמערקט, אז איינער פון זיי שטעהט זיך גאַנץ רוהיג און רעדט זיך גאָלאַסען. פרעגט דער גאַסט אויף איהם: „ער האָט אויך פערלאָרען געלד?“ האָט מען איהם געענטפערט, אז יאָ. „טאָ ווארום שרייט ער ניט אַזוי ווי די אַנדערע?“ האָט דער גאַסט געפרעגט. האָט מען איהם געענטפערט: „ער שרייט ניט, ווייל מיט עטליכע יאהר צוריק האָט ער אויך געמאַכט דעם זעלבען קונץ — ער האָט אַליין אַנגעזעצט...“

## נ מ ש ל

אַז עהרליכער מענש קען ניט צוזעהן אַן עולה. אַז אונ־עהרליכער וועט אַמאָל פערשווייגען אַן עולה וואָס מען טוהט איהם אַליין. די אנשי סדום זיינען אַלע געווען רויבער און זיינען געווען געוואוינט צו רויבען איינער ביים׳ אַנדערען.

אבער ווען זיי האבען שוין אנגעהויבען צו שרייען און צו מאכען גוואלדען, האט דער אייבערשטער געזאגט: „צעקת סדום ועמורה כי רבה" — אז די אנשי סדום שרייען שוין, מוזען זיי שוין זיין גוט זינדיג!...

## 46

## מיט יענעם איז ער זיכער

צוויי גבירים, איינער א גרויסער בעל־צדקה, מיט א גוט הארץ, און דער אנדערער א שלעכטער און א קארגער, זיינען געגאנגען צוזאמען אין גאס. איז זיי אנקעגען געקומען אן ארימאן, וואס איז געגאנגען פון וואלד מיט א בינטעל בלומען. ווען די צוויי גבירים האבען דערזעהן די בלומען, האט יעדערער פון זיי געבעטען אז דער ארימאן זאל זיי געבען א בלום. האט דער ארימאן געגעבען צו דעם שלעכטען, דעם קארגען. דעם אנדערען גביר, דעם גוטהערציגען, האט ער ניט געגעבען.

א טאג שפעטער איז דער ארימאן אריין צום גוטען גביר בעטען א נדבה. פרעגט איהם דער בעל־צדקה: „זאג מיר, מיין פריינד, ווארום האסטו מיר ניט געוואלט געבען קיין בלום און יענעם האסטו יא געגעבען?"

„יענעם האב איך געגעבען, ווייל איך האב זיך גערעכענט אז ווען איך וועל טאהן זיין פערלאנג, וועט ער אמאל טאהן מיין פערלאנג און מיר געבען א נדבה; אבער דו, ווייס איך, אז דו ביזט זעהר א גוטער און אז דו ערוואַרטעסט גארניט פאר דיין גוטסקייט, ביז איך זיכער אז דו וועסט מיר סאי־ווי געבען א נדבה ווען איך וועל ביי דיר בעטען."

נ מ ש ל

טאמער קומט דער יצר הרע און זאגט דיר, אז די נדבה וואס דו האסט געגעבען דעם ארימאן איז אומזיסט און ארויס־געווארפען, און דאס וואס דער אייבערשטער שיקט דיר צו הצלחה איז בלויז דערפאר ווייל ער איז א זעהר גוטער און ערוואַרט פון דיר גארנישט. דארום זאגט די תורה: „רק בגלל הדבר הזה יברכך —" טאקע פאר דעם וואס דו גיבסט צדקה צום ארימאן וועט דיך דער אייבערשטער בענשען.

## 47

# דער אָרימער יחסן

א רייזענדער איז איינמאל געקומען אין א שטאדט, האט ער דארט געזעהן א שעהנעם שטארקען מויער, נאר די שויבען זיינען געווען אויסגעבראכען און פערשטאפט מיט שמאטעס. האט ער זיך ניט געקענט אבוואונדערען און ער האט געפרעגט איינעם פון די פערבייגעהער אין גאס: „זאגט מיר, איך בעט אייך, ווי קומט עס דאס אזא גביר, וואס האט אזא שעהנעם מויער, זאל ניט קענען ארייגשטעלען שויבען אין די פענסטער?"

„וואס וואונדערט איהר זיך?" האט דער שטאדטישער ערקלערט. „דא וואוינט אן ארימער יחסן. ער האט די הויז בעקומען בירושה, אבער ער איז א גרויסער ארימאן און האט ניט פארוואס ארייגצושטעלען א שויב. קומט מיט מיר אריין אינעווייניג, וועט איהר זעהן ווי ער געהט אנגעטאהן. ער טראגט אן אטלעסענעם ראק ארומגעבונדען מיט א פראסטער שטריק אנשטאט א גארטעל. ער טראגט זיידענע זאקען, אבער ער האט ניט קיין העמד אויפ'ן לייב."

נמשל

די ארימע יחסנים זיינען מיר, אידען. מיר האבען פון אונזערע עלטערען גע׳ירשנ׳ט די תורה און א שעהנעם נאמען, אבער מיר אליין זיינען זעהר ארים אין מעשים טובים. אלעס וואס מיר האבען פון אונזערע עלטערען איז שעהן און פיין, אבער וואס מיר אליין האבען געשאפען איז ווי א שטריק אויף אן אטלאסענער קאפאטע.

## 48
## אפעלסינען און רעטיכער

ביי א מלך זיינען געווען צוויי גערטנער. איינער איז געווען א באטאניקער, א גרויסער קינסטלער צו פלאנצען פער־שיעדענע שעהנע און זיסע פרוכטען, און דער אנדערער איז געווען א געוועהנליכער פארמער, וועלכער איז געווען געניט אין פלאנצען אלערליי גארטען־געוויקסען און גרינסען. איינ־מאל, ווען דער זומער האט זיך ערשט אנגעפאנגען, זיינען ביידע געקומען צום מלך און יעדער איינער האט מיטגע־בראכט פאר׳ן מלך א מתנה. איינער האט געבראכט א קארב מיט די ערשטע צייטיגע פרוכטען, וועלכע זיינען גע־ווען א גענוס פאר דער אויג זיי צו זעהן, פאר׳ן נאז זיי צו שמעקען און פאר׳ן גומען זיי צו עסען. דער אנדערער האט געבראכט די ערשטע בולבעס, די ערשטע רעטעכלער, די ערשטע גרינע ציבעלעס, וועלכע מען האט נאך אין מארק ניט געזעהן. דער מלך האט זיך זעהר געפרעהט מיט די מתנות און ער האט ביידען ארויסגעוויזען פריינדשאפט און האט זיי געשענקט מתנות פון גאלד און זילבער.

ווען זיי זיינען ארויס פון מלך׳ס פאלאסט האט דער

באטאניקער זיך געלאזט געהן אין א וויינשענק. דער פאר־מער איז איהם נאכגעגאנגען און געזאגט: „לאמיר געהן טרינקען צוזאמען און זיך פרעהען מיט דעם וואס דער מלך האט אונז היינט אזוי פיעל כבוד פערטיילט.“

„וואס ביזטו פאר א מחותן מיט מיר?“ האט דער באטאניקער אויסגערופען מיט א בעליידיגטען טאן. „דו ביזט דיין גאנצען לעבען געווען א פויער און דיין טאטע איז אויך געווען א פויער. אבער איך בין א געלערנטער מענש, מיט גרויס בילדונג, וואס קען אזא שעהנע קונסט!“

„אבער,“ האט דער פארמער גע'טענה'ט, „דו האסט דאך געזעהן ווי דער מלך האט זיך מיט מיין מתנה געפרעהט אזוי ווי מיט דיינער און ער האט מיר ארויסגעצייגט דעם זעלבען כבוד ווי צו דיר.“

„ווארט אויף עטליכע וואכען,“ האט דער באטאניקער געענטפערט, „דאן וועסטו זעהן דעם אונטערשיעד צווישען מיין פראפעסיאן און דיינער.“

אין פינף וואכען ארום קומט דער באטאניקער צום פאר־מער און זאגט צו איהם: „איך געה יעצט צום מלך איהם ברייגגען א מתנה פון פרוכטען. קום דו אויך און בריינג פון די גרינסען פון דיין גארטען.“

„וואס קען איך דעם מלך יעצט בריינגען?“ האט דער פארמער געזאגט, „גרינע ציבעלעס, רעטעכלער און אלע מינים גארטען־גרינס געפינט מען יעצט אין מארק פאר שפאט בי־ליג, און יעדער ארימאן קען זיי יעצט קריגען. טא ווי פאסט עס זיך דאס צו בריינגען א מתנה פאר'ן מלך?“

„יעצט זעהסטו דעם אונטערשיעד צווישען מיין ארבייט און דיינער,“ האט דער באטאניקער געענטפערט. „דיין אר־בייט ווערט געאכטעט בלויז אין א געוויסען סעזאן פון יאהר, אבער מיין ארבייט ווערט אימער געשעצט און אימער גע־האלטען טייער.“

נ מ ש ל

עס איז דא גרויסקייט וואס האלט אז נאר אויף א ווײלע.

## 49
## די ריכטיגע רפואה וועט קומען

איינער איז געווען זעהר קראנק, און דערצו איז ער געווען א נערוועזער מענש. איז ער געקומען צו א גרויסען דאקטאר, ער זאל איהם קורירען. דאס איז געווען איז הערבסט, אין א צייט ווען אזא קראנקהייט ווי דער מענש האט געהאט איז שווער צו קורירען. דער דאקטאר האט בעטראכט ווי דער מענש שרעקט זיך און איז זעהר נערוועז. האט דער דאקטאר געקלערט אזוי: אויב איך וועל איהם הייסען ווארטען ביז דעם קומענדען פריהלינג, וועט ער דאך דערווייל אוועקשטארבען פאר אונגעדולד און שרעק. איז פיעלייכט בעסער אז איך זאל איהם דערווייל אזוי עפעס טאהן צו פערלייכטערען זיינע שמערצען.

„הער צו," האט דער דאקטאר געזאגט צום חולה, „איך וועל דיך געזונד מאכען, אבער בתנאי אז דו זאלסט נעהמען די מעדיצין וואס איך וועל דיר געבען און זאלסט זיך אינגאנצען איבערגעבען אין מיינע הענד."

דער דאקטאר האט צוזאמענגעמישט א ביסעל וואסער מיט צוקער און האט אין דעם אריינגעטאהן א קאפעלע פארב, אום עס זאל האבען דעם אויסזעהן פון א מעדיצין. „עפען דיין מויל און שלינג איין די לעפעל מעדיצין מיט איין מאל!" האט ער א געשריי געטאהן. דער חולה האט זיך געמאכט א הארץ און האט איינגעשלונגען די מעדיצין מיט איין מאל, און צוליעב זיין איינבילדונג האט זיך איהם געדאכט אז די

מעדיצין איז זעהר א שארפע און א ביטערע, און אז דער־פאר האט איהם דער דאקטאר געהייסען דאס איינשלינגען אויף אמאל.

אזוי פלעגט דער חולה געהן צום דאקטאר א פאר מאל און וואר, ביז די איינבילדונג האט געווירקט אויף איהם אזוי, דאס ער האט טאקע אנגעהויבען צו פיהלען בעסער. אזא כח האט די איינבילדונג אויפ'ן מענשען.

דער חולה האט שוין געמיינט אז ער איז געזונד, אבער ווען עס איז געקומען דער פריהלינג האט דער דאקטאר גע־שיקט נאך איהם און האט צו איהם געזאגט: „זאלסט וויסען אז דו ביזט נאך א געפעהרליכער חולה, און ערשט יעצט דארפסטו אנפאנגען צו נעהמען רפואות. ביז יעצט האב איך דיך אלץ גענארט, אבער קיין ריכטיגע מעדיצין האב איך דיר ניט געגעבען."

„אבער איך האב דאך איינגענומען אזעלכע ביטערע און שארפע מעדיצין!" האט דער חולה גע'טענה'ט.

„דאס איז אלץ געווען בלויז אן איינבילדונג," האט דער דאקטאר ערקלערט. „ערשט יעצט וועסטו דערפיהלען דעם אמת'ן טעם פון מיינע רפואות, און דו וועסט זעהן דעם אונטערשיעד צווישען יענער מעדיצין און די וואס איך וועל דיר געבען."

## נ מ ש ל

מיר, אידען, אז מיר זיינען אויסגעלייזט געווארען פון מצרים, האבען מיר געמיינט אז דאס איז שוין אונזער אייבי־גע גאולה, אז די יסורים וואס מיר האבען געליטען אין מדבר זיינען די ריכטיגע מעדיצין, און אז ווען מיר זיינען שוין געקומען אין ארץ ישראל זיינען מיר שוין אינגאנצען געהיילט געווארען. אבער נאכדעם אז מיר זיינען פערטריבען געווארען פון אונזער לאנד און מיר ליידען יעצט גלות, פיהלען מיר אז יענע מעדיצין איז געווען צוקער מיט וואסער אין פער־

גלייך צו דעם וואס מיר ליידען יעצט. אבער מיר מעגען זיך טרייסטען, אז מיר קריגען יעצט די ריכטיגע מעדיציז און מיר וועלען יעצט האבען א ווירקליכע היילונג, א ריכטיגע גאולה אויף אימער.

## 50
# דער רבי האָט געטראָפען

אמאל זיינען געווען צוויי גוטע פריינד, וואס האבען געלעבט אין שכנות, אוןביידע האבען נאך נישט געהאט קיין קינדער. האבען זיי זיך אוועקגעלאזט איבער דער וועלט זוכען, אפשר וועלען זיי געפינען א גרויסען צדיק, וואס זאל זיי קענען בענשען מיט קינדער. זיי זיינען אנגעקומען אין א שטאדט, וואו עס האט זיך געפונען א גרויסער חכם און צדיק. זיינען זיי צו איהם אריין און געזאגט זייער פערלאנג. האט זיי דער צדיק געבענשט, אז נאך אין דעם יאהר זאל יעדער איינער פון זיי האבען א בן זכר, און דער צדיק האט געזאגט ווי מען זאל די קינדער רופען. אויך האט ער אנגעזאגט די צוויי פריינד, אז ווען זייערע קינדער וועלען זיין ארום דריי יאהר אלט, זאל מען זיי ברייגגען צו איהם און ער וועט זיי בענשען.

די קינדער זיינען געבוירען געווארען צום יאהר, אזוי ווי דער צדיק האט געזאגט. און ווען זיי זיינען געווארען דריי יאהר אלט, האבען די עלטערען זיי געבראכט צום צדיק. דער צדיק האט די צוויי אינגלעך אנגעקוקט און האט געזאגט: „אט דער, משה'לע, וועט זיין א אינגעל א וואויל־לערנער. אבער אט דער, שלמה'לע, וועט זיין א צולאזענער און וועט נים וועלען לערנען."

משה'לעם טאטע איז אוועקגעפאהרען זעהר גליקליך,

אבער שלמה'לעס טאטע איז אוועקגעפאהרען מיט א צובראָ־בענעם געמיטה.

די אינגלער זיינען געוואקסען. אז זיי זיינען עלטער געווארען האט מען פאר זיי גענומען מלמדים און מען האט זיי געלערנט. אבער דאן האט זיך ארויסגעוויזען אז דער צדיק האט ניט געטראפען. עס איז געווען פונקט פערקעהרט ווי ער האט געזאגט. משה'לע האט גארניט אנגעהויבען צו ווען לערנען. ער פלעגט ענטלויפען פון חדר. און שלמה'לע, גראדע פערקעהרט, פלעגט לויפען אין חדר און האט געלערנט מיט חשק. ווען משה'לעס פאטער האט געזעהן אז זיין זוהן וואקסט אויס א ווילדער אינגעל, וואס וועט ניט קענען א שייטעל עברי, האט ער גענומען פרעגען עצות ביי פריינד וואס צו טאהן. האבען איהם די פריינד געראטהען, אז ער זאל פאהרען צום צדיק און איהם פרעגען. דען עס קען דאך ניט זיין אז דער צדיק זאל מאכען אזא טעות.

דער אונגליקליכער פאטער איז געקומען מיט משה'לען צום צדיק. און ווי דער צדיק האט איהם דערזעהן האט ער אויסגערופען:

„דאס זייט איהר דאך דער פאטער פון דעם טייערען אינגעל, דעם וואויל־לערנער, דער וואס וואקסט צו זיין א רב."

„יא, רבי," האט דער פאטער געענטפערט מיט א צו־בראכענער שטימע, „דאס בין איך דער אונגליקליכער טאטע פון דעם אינגעל, דער חם מיט דעם פוסטען קאפ, וואס קען ניט און וויל ניט לערנען."

דער צדיק האט זיך געוואונדערט און האט געזאגט:

„איך פערשטעה אייך ניט. דאס וואס איהר זאגט וועגען אייער אינגעל האב איך דאך נביאות געזאגט אויף אייער שכנ'ס קינד. אייער אינגעל דארף זיין א געראטענער. ער דארף ווערען און קענען לערנען."

דער פאטער האט זיך צואוויינט און האט גענומען ערקלערען:

„רבי'ניו! אט דא איז דער אינגעל, נעהמט און פאר־קערט איהם, אויב ער קען אפילו אלף־בית. יעדען טאג קומט דער בעהעלפער נעהמען מיין אינגעל און מיין שכן'ס אינגעל אין חדר. דער בעהעלפער בריינגט עפעל, ניסלעך און צוקערקעס. מיין שכן'ס אינגעל נעהמט צו די גוטע זאכען און לויפט גלייך אין חדר. אבער מיין אינגעל וויל אפילו די גוטע זאכען ניט אנקוקען און וויל אין חדר ניט געהן."

„נו, האב איך דאך געטראפען!" האט דער צדיק אויס־געגרופען.

„אבער, רבי'ניו, איך פערשטעה ניט ווי אזוי איהר האט געטראפען," האט משה'לעס פאטער געזאגט. „איך בעט אייך, ערקלערט עס מיר."

„די מעשה איז אזוי," האט דער צדיק ערקלערט. „אלע אינגלעך אין דיזען עלטער ווילען ניט לערנען. נאר אייער שכן'ס אינגעל איז א גרויסער נאשער, א בעל־תאוה. געהט ער אין חדר בלויז פון די עפעל וועגען און די ניסלעך וועגען. אבער אז ער וועט גרעסער ווערען, וועט ער קריגען אנדערע, גרעסערע תאוות, און פון חדר וועט ער לויפען אזוי ווי פון פייער. זעהט איהר, אייער אינגעל איז געבוירען געווארען גאר אהן תאוות, און דערפאר אז ער וועט עלטער ווערען און קריגען א ביסעל פערשטאנד, וועט ער פערשטעהן ווי גוט עס איז צו געהן אין חדר צו לערנען, און איין מאל אז ער וועט שוין אנהויבען צו לערנען, וועט איהם קיין זאך אין דער וועלט ניט אוועקנעהמען פון לערנען."

## נ מ ש ל

פאר'ן חורבן האבען אידען געהאט חשק צו געהן אין ארץ ישראל צוליעב די גוטע זאכען וואס דאס געראטענע לאנד האט פערמאגט. אבער שפעטער, אז זיי האבען גע־נומען דיענען עבודה זרה און האבען בעקומען אנדערע תאוות, האבען זיי זיך ניט געקענט האלטען אויף זייער לאנד. דער־

פאַר שפּעטער, אַז משיח וועט קומען, וועלען אידען האָבען חשק צו געהן אין ארץ ישראל צוליעב איהרע גייסטיגע מעלות. און דאָן וועלען זיי שוין דאָרט בלייבען אויף אימער, און קיין מאַכט אין דער וועלט וועט זיי ניט קענן אַוועקנעהמען פון דאָרט.

## 51
## דער שווער און דער איידים

אַ סוחר איז געפאָהרען קיין לייפּציג איינקויפען סחורה. זאָגט צו איהם זיין איידים, וועלכער איז ביי איהם געזעסען אויף קעסט: „נעהמט מיך מיט, שווער. אַמאָל וועל איך דאָך אַראָב פון קעסט און וועל זיך מוזען נעהמען צו מסחר. טאַ לאָמיך מיט אייך פאָהרען און זיך לערנען.“

דער שווער האָט איהם מיטגענומען. דער שווער האָט געהאַט אין זינען מסחר, אַ תכלית פאַר זיין איידים, אָבער דער איידים האָט געהאַט אַנדערע זאַכען אין זינען. ערשטענס, האָט ער שטאַרק הנאה געהאַט פון דער רייזע, ווייל ער איז פריהער קיינמאָל אין זיין לעבען ניט אַרויס פון שטעדטעל ווייטער פון אַ תחום שבת. און דאַ עפענט זיך פאַר איהם אַ ברייטע וועלט . . . ווידער האָט ער געוואוסט, אַז ער וועט קומען אין לייפּציג, זיינען דאָרט דאַ טעאַטערע און שפּיעל־הייזער און ער וועט קענען אַ לעב טאָהן.

די גאַנצע רייזע איז דער שווער געווען אונגעדולדיג און צוטראָגען. ער האָט ווייניג געשלאָפען און ווייניג געגעסען. ער פלעגט אַליין קאַרמענען זיינע פערד, אַליין זיי אויס־שפּאַנען, און האָט יעדע ווייל אַריינגעקוקט אין לוח, אויב עס וועט ניט רעגענען אָדער שנייען און דער וועג וועט ווערען

שלעכט. אבער דער איידים האט זיך גארניט געזארגט. ער האט שטארק הנאה געהאט פון דער רייזע. אין יעדער אכסניא האט ער אבגעגעסען א געשמאקען מאהלצייט און געשפיעלט קארטען מיט אנדערע געסט. און ווען זיי זיינען אנגעקומען אין לייפציג, האט דער שווער ניט געגעסען, ניט געטרונקען און איז כסדר ארומגעלאפען פון איין סוחר צום אנדערען איינצוקויפען סחורה. און וואס נעהנטער ער איז געווען צו דעם טאג וואס ער האט געדארפט פאהרען צוריק אהיים, האט ער זיך אלץ מעהר געפרעהט. אבער דער איידים איז פונקט פערקעהרט: וואס נעהנטער צו דער רייזע אהיים, איז ער אלץ געווארען אומעטיגער און אומעטיגער.

## נ מ ש ל

דער צדיק און דער רשע קומען אויף דער וועלט גלייך. דער צדיק ווייס אז די וועלט איז א מין לייפציג, וואו ער דארף זיך איינקויפען „סחורה", עס הייסט תורה און מעשים טובים. דארום ווען זיין נשמה דארף געהן צוריק פון וואנען זי איז געקומען, פרעהט זיך דער צדיק וואס ער האט שוין אבגעפטר'ט זיינע געשעפטען און ער געהט צוריק אהיים. אבער דער רשע, וואס קומט אויף דער וועלט אזוי ווי יענער איידים, נאר צו הוליען און צו לעבען א טאג, און ניט צוליעב א תכלית, איהם איז זעהר ביטער ווען ער דארף אוועקגעהן פון דער וועלט . . .

## 52
# די צוויי פּאָרלעך

איינער האָט געהאַט צוויי טעכטער. די עלטערע איז געווען זעהר מיאוס, עס איז געווען אַ שרעק אַ קוק צו טאָהן אויף איהר פּנים. די אַנדערע איז שוין גראָדע געווען ניט־מיאוס, אָבער זי האָט געהאַט אַ מיאוס'ן מויל, פלעגט שרייען און קריגען זיך, און שילטען יעדען איינעם. עס פערשטעהט זיך, אַז דער פאָטער האָט קיין האָפנונג ניט געהאַט אויס־צוברייגען אַזאַ שלעכטע סחורה, און ער האָט געמיינט אַז ער וועט זיך מוזען האַלטען מיט זיינע צוויי טעכטער ביז זיי וועלען גרוי ווערען.

איינמאָל קומט אַראַב אַ שדכן, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען אין דעם געגענד אַרום, און דערצעהלט, אַז ער האָט פאַר די צוויי מיידלעך זעהר גלייכע שדוכים. פאַר דער מיאוס'ער האָט ער א חתן וואָס איז שטאָק בלינד. און פאַר דער ארורה האָט ער איינעם וואָס איז טויב ווי די וואַנד. זי מעג שרייען, זי מעג שילטען און ער וועט אַ וואָרט ניט הערען.

דעם פאָטער פון די מיידלעך איז דאָס זעהר געפעלען געוואָרען און ער האָט זיך אַנגעכאַפּט אַז די שדוכים מיט ביידע הענד. ער האָט געגעבען די ביידע חתנים אַ שעהנעם נדן און האָט געמאַכט אַ לייטישע חתונה.

עס זיינען אַריבער עטליכע יאָהר. די ביידע פּאָרלעך האָבען געהאַט מזל וברכה. עס איז זיי אַוועק גאַנץ גוט. זיי זיינען געוואָרען זעהר רייך. און קינדערלעך האָבען זיי אויך געהאַט, מיט איין וואָרט: עס איז זיי געווען וואויל.

ויהי היום, און עס פאָהרט דורך זייער שטאָדט אַ גרוי־

סער דאקטאר. און ווי דער שטייגער איז ווען עס קומט א גרויסער דאקטאר, לאזט זיך די גאנצע שטאדט צו איהם לויפען, יעדער איינער מיט זיין פעהלער, מיט זיין קרענק. און די פאר בעל־הבית'לעך, דער בלינדער מיט'ן טויבען, זיי־נען אויך געקומען. דער דאקטאר האט זיי בעטראכט און האט געזאגט אז ער קען זיי ביידען אויסהיילען.

דער דאקטאר האט זיך מיט די יונגע לייט בעדונגען פאר זיין ארבייט, און אין א פאר חדשים ארום, נאכדעם ווי ער האט אויף זיי געמאכט לייכטע אפעראציעס, זיינען זיי ביידע געהיילט געווארען. דער בלינדער האט אנגעהויבען צו זעהן און דער טויבער צו הערען.

ווי נאר דער בלינדער האט דערזעהן זיין ווייב'ס פנים און דער טויבער האט געהערט זיין ווייב'ס קללות, האבען זיך אנגעהויבען גרויסע קריעג. יעדער איינער האט חרטה בעקומען אויף'ן שידוך. דער וויל פטור ווערען פון זיין פער־זעהעניש און דער וויל פטור ווערען פון זיין ארורה.

ווען דער דאקטאר איז געקומען אויפמאהנען וואס איהם האט געקומט, האבען די צוויי יונגע לייט איהם ניט געוואלט בעצאהלען. זיי האבען גע'טענה'ט, אז אנשטאט צו טאהן גוטעס, האט דער דאקטאר זיי פיעל ערגער געמאכט. דען ווען דער בלינדער האט ניט געזעהן און דער טויבער האט ניט געהערט, זיינען זיי געווען צופריעדען און געלעבט גליק־ליך. אבער יעצט, אז ער האט זיי געמאכט צו זעהן און צו הערען, איז זייער לעבען קיין לעבען ניט.

עס איז געבליבען אז זיי זאלען געהן צום רב און האבען א דין תורה. דער רב האט אויסגעהערט אלעמעס טענות, און נאכדעם האט ער געזאגט צום דאקטאר:

„איהר האט די מענשען געטאהן א רעה, וואס איז פיעל גרעסער ווי די טובה. דעריבער, אויב איהר קענט דעם מאכען צוריק בלינד און דעם אנדערען מאכען ווידער טויב, דארפט איהר עס טאהן.“

„דאס איז מיר נאך לייכטער ווי היילען,“ האט דער דאקטאר געענטפערט.

ווי די צוויי יונגע לייט האבען געהערט אז דער דאק־טאר וויל זיי מאכען צוריק פאר קאליקעס, האבען זיי גע־זאגט אז זיי ווילען נים.

„אויב אזוי,“ האט דער רב געזאגט, „מוזט איהר דעם דאקטאר בעצאהלען.“

און זיי האבען בעצאהלט.

## נמשל

די מעשה איז א משל אויף דעם מאמר „בעל כרחך אתה נוצר“. אין פרקי אבות ווערט געזאגט: „איבער־גוואלד ווערסטו בעשאפען, איבערגוואלד ווערסטו געבוירען, איבערגוואלד לעבסטו . . .“ פרעגט מען א קשיא, וויבאלד אז א מענש ווערט געבוירען נעגען זיין ווילען און לעבט נעגען זיין ווילען, טא פארוואס קומט איהם א שטראף ווען ער בעגעהט א זינד? איז דער תירוץ אויף דעם: אז „בעל כבחך אתה מת.“ וויבאלד אז שטארבען ווילסטו דאך אויך נים, דארפסטו פיהרען א ריכטיגען לעבען, און אויב נים, קומט דיר טאקע א שטראף.

## 53
# דער שיכור

א שיכור איז געזעסען אין א שענק און האט געטרונקען. פלוצלונג האט ער אנגעהויבען צו שרייען אז די הויז שאקעלט זיך און האלט אין איינפאלען. האבען די אנדערע מענשען געלאכט פון איהם און געזאגט: „משוגענער! ווי קען אזא הויז, א שטארקער מויער, זיך שאקלען?“ אבער דער שיכור

האט זיך געהאלטען ביי דאס זייניגע און געשריען: „גיט א קוק, גוט! זעהט איהר דען ניט ווי די הויז דרעהט זיך, פריהער אין איין זייט און נאכדעם אין אן אנדער זייט?“

האט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל איינער פון די ניכטערע מענשען און האט זיך פריהער געשטעלט אין איין זייט פון דער הויז און נאכדעם אין דער אנדער זייט, און האט געזאגט: „זעה דו, נאר איינער! אט געה איך גלייך, ווי אימער, און ווען די הויז וואלט זיך געשאקעלט און גע־דרעהט, ווי וואלט איך געקענט געהן גלייך? ניט די הויז דרעהט זיך, נאר דיין קאפ דרעהט זיך דיר, דו שיכור איינער!“

נ מ ש ל

דאס איז א משל געגען די וואס זוכען פעהלערען אין דער תורה, און אין דער אמת'ן זיינען די פעהלערען ביי זיי אין קאפ.

## 54
## א חכם און א מבין

איינער האט פערלארען זיין גאנצען פערמעגען, האט ער פערלאזען זיין שטאדט און איז אוועק אין מרחקים זוכען זיין גליק. ווייט איבער'ן ים האט ער געפונען א לאנד, וואס די מענשען דארט זיינען געווען ווילד און אונוויסענד, און זיי האבען קיין שכל ניט געהאט צו אקערען די ערד און צו פלאנצען גערטנער. די איינוואוינער האבען ניט געהאט קיין איינענעם ברויט אדער פרוכטען. דער נייער מענש האט געזעהן אז דערפאר איז דאס לאנד זעהר רייך אין גאלד און אין טייערע שטיינער און בריליאנטען. נאר די איינוואוינער זיינען קיין מבינים ניט און פערשטעהען ניט דעם ווערטה

פון די זאכען. פון צייט צו צייט פלעגען קומען רייזענדע, וואס פלעגען ברייגגען אין לאנד תבואות און פרוכטען און דאס אויסבייטען אויף גאלד און בריליאנטען, און דורכדעם האבען די איינוואוינער געהאט אויף צו לעבען.

וואס האט דער נייער מענש געטאהן? ער האט זיך בעזעצט אין דעם לאנד, זיך גענומען א גרויסע פעלד און האט זי פערזייהט מיט תבואה און פערפלאנצט אויף דעם פערשיעדענע פרוכט־בוימער. און די תבואה מיט די פרוכטען פלעגט ער אויסבייטען מיט די איינוואוינער אויף גאלד און טייערע שטיינער. ער האט אנגעזאמעלט א גרויסען פערמעגען.

אזוי זיינען אוועק יאהרען. ווען ער איז שוין געווארען אלט און האט געהאלטען ביים שטארבען, האט ער צונויפגערופען זיינע קינדער און האט צו זיי געזאגט: „ביי מיר, אין מיין אלטער היים, איז פערבליבען א זוהן פון מיין ערשטער פרוי, וועלכע איז שוין לאנג געשטארבען. שוין לאנג אז איך האב ניט געזעהן מיין זוהן, אבער איך געדענק, אז ווען ער איז נאך געווען א קינד, איז ער געווען זעהר קלוג. וויל איך אז איהר זאלט זיך טיילען מיט איהם מיין פערמעגען, וואס בלייבט נאך מיר. גלייך ווי איך וועל אוועקגעהן פון דער וועלט, בעט איך, אז איהר זאלט אראבברייגגען מיין זוהן צו אייך און איהר זאלט איהם געבען די ברירה, אז ער זאל זיך אויסקלייבען וואס איהם געפעלט: תבואה, פרוכטען, אדער גאלד און בריליאנטען. איך ווייס אז ער איז קלוג און ארענטליך, און ער וועט זיך מיט אייך טיילען על פי יושר.“

די קינדער האבען געטאהן אזוי ווי זייער פאטער האט זיי אנגעזאגט. גלייך נאך שבעה האבען זיי געשיקט נאך זייער ברודער, איהם געצייגט דעם גרויסען פערמעגען, וואס זייער פאטער האט זיי איבערגעלאזט, און איהם געזאגט אז ער קען זיך אויסקלייבען וואס ער וויל און וואס איהם געפעלט אמבעסטען. דער ברודער האט א קוק געטאהן אויף די אנגעלאדענע שפייכלערס מיט תבואה און פרוכטען, נאכדעם האט

ער בעטראכט די אוצרות גאלד און בריליאנטען און געזאגט צו זיינע ברידער: „איך וועל נעהמען די גאלד מיט די בריליאנטען, די תבואה מיט די פירות לאז איך איבער צו אייך.“ ווען די ברידער האבען דאס געהערט, האבען זיי זיך שטארק געפרעהט. ווארום וואס פאר א ווערטה האט ביי זיי גאלד און בריליאנטען? זיי קענען דען דאס עסען? האבען זיי צווישען זיך געלאכט פון זייער עלטסטען ברודער, אויף וועמען זייער פאטער האט געזאגט אז ער איז א גרויסער חכם. דען וואו איז זיין חכמה, אז ער האט אויסגעקליבען זאכען וואס מען קען ניט לייגען אין מאגען אריין?

אין א צייט ארום איז געקומען אין לאנד א קלוגער מלך און האט זיי געלערנט ווי מען בעגעהט זיך מיט אן אקער־אייזען און ווי מען בעארבייט די ערד און ווי מען פלאנצט פרוכט־בוימער. דאס גאנצע פאלק האט זיך גענומען צו דער ארבייט, און באלד איז אין לאנד געווען גענוג תבואה און פרוכטען פאר אלעמען. דיזע זאכען זיינען געווארען ביליג, אבער גאלד און בריליאנטען זיינען געווארען טייער, ווייל די מענשען האבען זיך אויסגעלערנט די זאכען אוועקצופיהרען אין אנדערע לענדער, זיי פערקויפען און אבנעהמען גוטע געלד. ערשט דאן האבען די ברידער זיך ארומגעזעהן, אז זייער עלטסטער ברודער האט געוואוסט וואס צו נעהמען, און אז ער איז טאקע געווען א גרויסער חכם.

## נ מ ש ל

דאס לאנד איז ארץ ישראל, וועלכע האט צוויי סארטען מעלות. ערשטענס, איז דאס א לאנד וואס פליסט מילך און האניג. זי איז געבענשט מיט גשמיות. און צווייטענס, איז דאס א לאנד מיט גרויסע גייסטיגע מעלות, ווייל מציון תצא תורה, פון ציון זיינען ארויסגעקומען די גרויסע אידישע לעהרען, די נביאים און אלעס וואס איז א ציערונג פאר'ן אידישען פאלק. נאר ניט אלע האבען פערשטאנען אז די

גרעסטע מעלות פון ארץ ישראל זיינען די גייסטיגע מעלות, וועלכע זיינען ווי גאלד און בריליאנטען, וועלכע מען קען נים לייגען אין מאגען, און ביי זיי איז געווען דער עיקר די מילך און האניג.

## 55
## וואו איז דער אויבען־אן?

איינער האט געהאט א שמחה. האט ער געמאכט א גרויסען מאהלצייט און האט פעררופען א סך מענשען פון שטאדט. צווישען די איינגעלאדענע איז געווען איינער א שעהנער איד, א למדן, א חכם און פון גרויסען יחוס, אבער ער איז געווען אן עניו און האט פיינד געהאט כבוד. און אז ער איז אריין אין הויז פון בעל־שמחה, האט ער זיך נים געוואלט זעצען אויבען־אן. נאר ער האט זיך אוועקגעזעצט ביי די לעצטע טישען, נים ווייט פון טיהר. ווען דער בעל־הבית האט דערזעהן וואו דער פיינער מענש האט זיך אוועקגעזעצט, האט ער גענומען די שעהנסטע און די אנגעזעהענסטע בעלי־בתים פון שטאדט און האט זיי צוזעצט ארום יענעם עניו, זאגענדיג: „אט דא איז דער אויבען־אן."

נ מ ש ל

נים דער פלאץ גיט כבוד צום מענשען, נאר דער מענש גיט כבוד צום פלאץ.

## 56
# אָבגעטהאָן דעם טאַטען

איינער, א גביר, האט געוואָרפען אן אויג אויף א ישיבה־בחור, וועמען ער האט געוואָלט האבען פאר א חתן פאר זיין טאָכטער. דעם בחור'ס פאטער האט געוואוינט זעהר ווייט. האט דער מיידעל'ס פאטער געשיקט נאך איהם א וואגען, ער זאָל קומען אין זיין שטאָדט און זיך זעהן מיט איהם וועגען דעם שידוך. דעם בחור'ס פאטער האט ניט געוואָלט הערען און זעהן און האט אבגעשיקט דעם וואגען א ליידיגען. דער מיידעל'ס פאטער האט דאן געשיקט א שרכן צום בחור'ס פאטער און האט איהם אנגעבאָטען א גרויסע סומע געלד. ער האט געמיינט איהם אונטערצוקויפען. אבער יענער האט אַלץ ניט געוואָלט. זעהענדיג אַז יענער איז אזוי שטאַרק איינגעע'עקשנ'ט, האט ער דעם פאטער געלאָזט צורוה און האט אנגעהויבען צו ריידען צום בחור אליין, און האט מיט איהם געענדיגט דעם שידוך אהן דעם טאַטען.

ווען דעם חתן'ס טאַטע האט דערהערט אַז דער שידוך איז אבגעמאַכט געוואָרען אהן איהם, איז ער געקומען און האט אויך מסכים געווען צום שידוך. נאך די תנאים זאגט דעם חתנ'ס פאטער צו דער כלה'ס פאטער: „יעצט גיב מיר דאָס געלד, וואָס דו האסט מיר צוגעזאגט, אויב איך וועל איינגעהן אויף דעם שידוך."

„אמת," האט דער מחותן געענטפערט, „איך האב דיר טאַקע צוגעזאגט אזוי פיעל געלד, אבער מיין כונה איז דאָך געווען אַז דו זאָלסט מרוצה ווערען אויף דעם שידוך. אבער יעצט, אַז דער שידוך איז אָבגעפיהרט געוואָרען אהן דיר,

קומט דיר שוין גארנישט. דיין זוהן וועל איך געבען דעם פערשפראכענעם נדן, אבער דיר ניט א קאפיקע!"

נ מ ש ל

דער אייבערשטער האט געוואלט טאהן א שידוך מיט די אידען. עס פערשטעהט זיך, אז דער שידוך איז מיט דער נשמה און ניט מיט'ן גוף. אבער דער גוף איז דאך א טאטע, און מען דארף האבען זיין צושטימונג, ווייל אהן דעם גוף קען דאך די נשמה אליין קיין מצוות ניט טאהן. ווען דער גוף איז ריין און איז מסכים אויף אלעם וואס די נשמה וויל טאהן, קריגט ער א לוין פאר זיין צושטימונג. עס הייסט, דער גוף האט עולם הזה. אבער אויב דער גוף שטעלט זיך געגען דעם ווילען פון דער נשמה און די נשמה מוז שטארק קעמפפען געגען דעם ווילען פון דעם גוף, דאן קריגט די נשמה איהר גן־עדן, אבער דער גוף קריגט גארנישט.

## 57

## האט פערדיענט זיין שטראף

א רייכער מאן האט איינמאל פערלוירען זיין געלד, און לא די וואס ער האט פערלארען זיין אייגענעם קאפיטאל, איז ער נאך געבליבען א גרויסער בעל־חוב צו א סך מענשען, וואס האבען איהם אנפערטרויט מיט זייער געלד. אבער די קרעדיטארען האבען איהם ניט געקלאגט, ווייל זיי האבען געוואוסט אז ניט מיט זיין ווילען האט ער אנגעזעצט. נאר ער האט טאקע ניט געהאט מיט וואס צו צאהלען.

איינער א סוחר האט דעם יורד צוגענומען צו זיך אויף א שטעלע און האט איהם ארויסגעשיקט איבער דער פראווינץ מיט פערשידענע סחורות. דער משולח פלעגט די סחורה פער־

קויפען אויף בארג, צו צאהלען אין א געוויסען טערמין. איינ־מאל, אז דער משולח איז געקומען אין א שטעדטעל איינמא־נען געלד פאר סחורה, און די סוחרים האבען ניט געקענט צאהלען, האט ער זיי געלארען אין געריכט און זיי געלאזט איינזעצען אין תפיסה.

האט זיך געמאכט אז איינער פון די סוחרים, וועמען דער משולח האט אריינגעזעצט אין תפיסה, איז געווען א קרוב פון דעם גרויסען סוחר, פאר וועמען דער משולח פלעגט ארומרייזען, און ער האט צום סוחר געשריבען א בריעף און איהם דערצעהלט ווי שלעכט זיין משולח האט געהאנדעלט געגען איהם און די אנדערע סוחרים פון שטעדטעל. ווען דער משולח איז צוריקגעקומען אהיים, האבען איהם זיינע בעלי־חובות, וועמען ער אליין איז געווען שולדיג געלד, געפאקט און געשלעפט אין געריכט, שרייענדיג: „דו, אנזעצער! בעצאהל אונז וואס דו ביזט אונז שולדיג!" און דערביי האבען זיי איהם געצופט און געריסען פון אלע זייטען. ער האט געמיינט אז זיי וועלען איהם צורייסען אויף שטיקער. „וואס ווילט איהר פון מיר האבען?" האט ער זיך שטארק געוואונדערט. „איהר ווייסט דען ניט אז איך בין אזוי ארי־מאן און אז איך האב ניט מיט וואס צו צאהלען?" האבען זיי איהם געענטפערט: „רשע איינער! ווארום האסטו גע־מאהנט געלד ביי אנדערע, וואס דו ווייסט אז זיי קענען אויך ניט צאהלען?"

## נמשל

אויף די רשעים, וואס זעצען אן זייערע פפליכטען צו איהם, האט דער אייבערשטער רחמנות און ער שטראפט זיי ניט.

## 58
# צוויי משולחים

א רייכער סוחר האט געהאט צוויי משולחים, וואס פלעגן זיצן אין לייפציג און איינקויפן סחורה פאר זיין געשעפט. איינער פון די משולחים איז געווען א גרויסער מבין, א זעהר פעהיגער געשעפטסמאן, וואס האט גוט געוואוסט די קוואליטעט און דעם ווערטה פון יעדער סחורה. און דער אנדערער איז געווען א פשוט'ער קאמיסיאנער, וואס האט געקויפט די סחורה לויט די רשימה וואס דער סוחר פלעגט איהם שיקען. וואס דער סוחר פלעגט איהם שרייבען אז ער זאל קויפען, פלעגט ער קויפען.

אמאל, אויף יום־טוב, זיינען די ביידע משולחים געקומען אהיים, און ווי דער שטייגער איז, זיינען זיי געקומען גוט יום־טוב ביטען זייער בעל־הבית. דער בעל־הבית האט דעם ערשטען משולח, דעם גרויסען מבין, אויפגענומען מיט גרויס כבוד און האט איהם געבעטען עסען און טרינקען. אבער דעם אנדערען האט ער אויפגענומען גאנץ קאלט. דאס האט דעם אנדערען א ביסעל פערדראסען, און ביי א געלעגענהייט האט ער דעם סוחר געפרעגט: „פארוואס קומט מיר אזא קאלטען קבלת פנים? האב איך דען ניט געטאהן מיין ארבייט אזוי גוט ווי יענער? האט איך דען עפעס געענדערט פון דעם וואס איהר פלעגט מיר שרייבען? פלעג איך דען ניט שיקען די סחורה וואס איהר פלעגט פאדערען און קיינמאל ניט געענדערט פון אייער בעפעהל אויף א האר?“

האט דער סוחר געענטפערט: „אמת, דו האסט געטאהן אלעס ריכטיג, אבער אויף דיר איז מיר גאר קיין חידוש ניט,

אז דו האסט מיך געפאלגט. אליין ביזטו א גאנץ קנאפער כוחר. דו האסט זיך געמוזט ריכטען לויט מיינע בריעף. אבער יענער, וואס איז נאך מעהר געניט פון מיר און וואס איז א בעסערער געשעפטסמאן פון מיר, ווען ער האט גע־פאלגט אלעס וואס איך האב איהם געשריבען און האט ניט געהאנדעלט לויט זיין אייגענעם שכל, — דאס איז שוין ביי מיר א גרויסער וואונדער, און דערפאר האב איך איהם אב־געגעבען אזוי פיעל כבוד."

נ מ ש ל

דאס איז א משל אויף דעם פסוק „אדם ובהמה תושיע ד'." די חכמים דרש'ענען אז דאס מיינט די מענשען וואס בעזיצען א זעהר טיעפען פערשטאנד, אבער זיי מאכען זיך פאר בהמות, פאר פראסטע מענשען, עס הייסט זיי טוהען אלעס וואס עס שטעהט געשריבען, כאטש לויט זייער אייגע־נעם פערשטאנד וואלט מען ניט געדארפט טאהן אזוי.

## 59

## א נס איז איהם געשעהן

איינער, וועלכער איז געווען זעהר ארים און האט ניט געהאט פון וואס צו לעבען, האט זיך אוועקגעלאזט אין א ווייט לאנד זוכען גליק. ער האט דארט שווער געארבייט, געשלעפט שווערע פעק, זיך געדרעהט אויף אלע זייטען, און זיך אזוי אבגעמאטערט שעהנע עטליכע יאהר. צום סוף, אז ער האט איינמאל געזעהן אז ער קען ניט האפען אויף בע־כערס, האט ער בעשלאסען צו פאהרען צוריק אהיים.

אבער גראדע א פאר טעג צייט איידער ער איז אוועק האט ער געפונען א בייטעל מיט גאלדענע דוקאטען. מיט

דעם געלד האט ער זיך פיין אויסגעקליידט, און אנשטאט צו קומען אהיים אבגעריסען און מיט צולעבערטע שיך, איז ער געקומען געקליידעט ווי א מאגנאט און נאר מיט א גרויסען פערמעגענס דערצו.

ווען די מענשען פון זיין שטאדט האבען געזעהן זיינע שעהנע קליידער און זיך דערוואוסט אז ער האט געבראכט א סך געלד, האבען זיי אלע געוואלט זיך לאזען אין יענער לאנד, אום צו ווערען רייך. האט זיי דער צוריקגעקומענער געזאגט: „לויפט ניט! כאפט ניט! איילט זיך ניט! ניט יעדען פורים געשעהט א נס און ניט יעדען טאג געפינט מען א בייטעל מיט גאלדענע דוקאטען. די צרות וואס איך האב דארט געהאט וועט איהר זיכער האבען, אבער דעם גליק וואס מיר האט געטראפען — דאס טרעפט איינמאל אין הונדערט יאהר."

נ מ ש ל

אויף נסים דארף מען זיך ניט פערלאזען.

## 60
## דער גנב וויל בלייבען א צדיק

א סוחר איז געפאהרען אין וועג מיט א וואגען סחורה. אויף דער רייזע האט ער זיך אבגעשטעלט נעכטיגען אין א אכסניא. אין דער פריה, אז ער איז ארויס צו געבען זיין פערד האבער, האט ער געזעהן אז די שטאל איז אפען און זיין פערד מיט'ן וואגען סחורה זיינען ניטא. האט ער פערשטאנען אז גנבים האבען צוגענומען זיין פערד און וואגען מיט האק און פאק. דער סוחר האט אזש געוויינט פאר צרות. „וואס זאל איך יעצט טאהן?" האט ער זיך געקלערט. „איך בין

געבליבען אַז אַרימאַן און עס קומט מיר אוים צו גיין אהיים צופוס.״ און ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט אַ ביטערער האַרץ.

ווען ער איז אַבגעגאַנגען אַ פּאָר מייל פון שטאָדט, האָט ער דערזעהן ווי איינער, אַ בעל־עגלה, פאַהרט מיט זיין פערד און וואַגען און מיט די סחורה. איז ער איהם נאָכגעלאָפען און האָט איהם אַנגעיאָגט. דער בעל־עגלה האָט דערקענט אַז דאָס איז דער בעל־הבית, האָט ער איהם צוריק אַבגעגעבען זיין פערד און וואַגען מיט זיינע זאַכען. דער סוחר האָט אַ וואָרט ניט געזאָגט. דער בעל־עגלה, זעהענדיג אַז דער סוחר שווייגט און איז אין אַ גוטער לוינע, האָט ער צו איהם געזאָגט: „על פי יושר דאַרפט איהר מיר עפּעס געבען פאַר מיין טרחה. דער וועג איז זעהר אַ שווערער און איך בין אַ בעל־עגלה, אַז איך פיהר עפּעס מוז איך דערפאַר קריגען בעצאָהלט.״ ווען דער סוחר האָט געהערט אַזעלכע חוצפה׳־דיגע רייד, האָט ער דעם בעל־עגלה אַראָבגעלאָזען אַ פּאַטש און אויסגערופען: „דו, גנב איינער! צוליעב מיין טובה ווענען האָסטו דען דעם וואַגען געפיהרט? דו האָסט מיך געוואָלט בע׳גנב׳ענען, בערויבען. באשר דער אייבערשטער האָט רחמנות געהאָט אויף מיר און האָט מיר אומגעקעהרט מיין שאָדען, ווילסטו אַז איך זאָל דיר דערפאַר בעצאָהלען?״

נ מ ש ל

בלק האָט געדונגען בלעם׳ן צו שילטען די אידען, האָט דער אייבערשטער איבערגעקעהרט די קללות אויף ברכות. בלעם האָט ערוואַרטעט, אַז ער וועט נאָכדעם קריגען שכר פאַר די ברכות, וואָס זיינען אַרויסגעקומען די אידען דורך איהם, אָבער דער אייבערשטער האָט געזאָגט: „לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ד׳״ — קיינער פון בלעם׳ס פאָלק זאָל ניט קענען אַנגענומען ווערען צווישען אידישען פאָלק. „דו, בלעם — דו ווייסט דאָך אַז דיין כונה איז געווען צו שילטען און ניט צו בענשען!...״

## 61
## ווען עס העלפט שוין קיין זאך ניט

אמאל איז געווען א רב וואס האט שטארק געהאלטען פון שלום בית. אז עס פלעגט צו איהם קומען א פאר פאלק זיך גט'ן, פלעגט ער פריהער צו זיי ריידען און זוכען צו מא־כען א שלום. און אז זיי פלעגען ניט וועלען שלום ווערען, פלעגט זיי דער רב אבלייגען, הייסען קומען אן אנדערש מאל, און נאכדעם פלעגט ער זיי ווידער אבלייגען, און אזוי פלעגט ער זיי אלץ אבלייגען ביז די פארעל פלעגט שוין דערעסען צו געהן צו איהם און זיי פלעגען בלייבען ווייטער וואוינען צו־זאמען.

איינמאל איז צו איהם געקומען א יונגע ווייבעל, וואס צוויי וואכען נאך דער חתונה האט איהר מאן גענומען און זיך אבגע'שמד'ט. דער רב, ווי זיין שטייגער איז געווען, האט געהייסען דער ווייבעל אז זי זאל קומען אן אנדערש מאל. און ווען זי איז געקומען דעם צווייטען מאל, האט דער רב ווידער געוואלט אבלייגען. האט די ווייבעל געזאגט: „רבי! וואס טויג אייך דער אבלייגען? דא קען דאך שוין מעהר קיין שלום ניט זיין. מיין מאן איז א גוי און האט זיך שוין גענומען אן אנדער ווייב, א גוי'שע — טא וואס לייגט איהר מיך אב?“

### נ מ ש ל

געוועהנליך ווארט דער אייבערשטער, אז דער זינדיגער זאל תשובה טהאן, אבער עס זיינען דא אזעלכע בעלי עבירה וואס ווארטען אויף זייער תשובה איז איבעריג. זיי טהוען אב אזעלכע זאכען וואס עס העלפט שוין ניט קיין תשובה.

## 62
## די געבונדענע היהנדעל

ביי א אידענע איז איינמאל פערלארען געגאנגען א הוהן, איז די אידענע ארומגעגאנגען איבער אלע הויפען און אין די הייזער, צו זוכען וואו איהר היהנדעל האט פערבלאנדזשעט. ווען זי איז אריינגעקומען צו א שכנה, האט זי געפונען איהר היהנדעל צוגעבונדען פאר א פוס צו א בעט. „אט דאס איז דאך מיין הוהן!" האט די אידענע אויסגעשריען. „ניין!" האט די שכנה געענטפערט, „עס איז ניט דיין הוהן, עס איז מיינע." און אזוי ווי די צוויי ווייבער האבען זיך געקריעגט און געשריען און געליארעמט, האט זיך אנגעקליבען א גרויסער עולם מענשען. רופט זיך אב איינער פון עולם:

„צו וואס קריעגט איהר זיך אומזיסט און אומנישט? בינדט אב די הוהן און לאזט זי ארויס אין גאס, וועלען מיר זעהן וואוהין זי וועט געהן. די הוהן ווייס בעסער צו וועמען זי געהערט."

### נמשל

דער אייבערשטער שטראפט אונז און מוסר'ט אונז איידען, אז מיר האבען זיך אבגעפרעמדט פון איהם און אז מיר געהערען צו איהם ניט מעהר. אבער מיר אידען ווייסען, אז מיר געהערען נאך אלץ צו איהם. נישט מעהר, מיר זיינען צוגעבונדען אין גלות, ביי פרעמדע. זיי אזוי גוט, רבונו של עולם, און מאך אונז פריי די פיס אונזערע, וועסטו זעהן ווי מיר וועלען לויפען צו דיר! מיר ווייסען צו וועמען מיר געהערען.

## 63
# דער צולאָזענער אינגעל

ביי אַ רייכען מאַן איז געווען אַ צולאָזענער אינגעל. יעדען טאָג אז דער אינגעל פלעגט גיין אין חדר, פלעגט איהם אויסקומען פערבייצוגעהן דעם מארק וואו מען פער־קויפט עפעל, נים און עהנליכע זאכען. און דער אינגעל פלעגט כאפען פון די קערב און טישלעך און אנטלויפען.

ווען די אָרימע מענשען וואָס זיינען געזעסען ביי די קערב און טישלעך האָבען געזעהן אז זיי קענען מיט דעם אינגעל גאָרנישט מאכען, האָבען זיי זיך אַלע אַ לאָז געטאָהן צו זיין פאָטער, זיך צו קלאָגען אויף דעם קליינעם כאפער, און זיי האָבען איהם דערצעהלט פון אַלע זיינע ווילדע מעשים.

דער פאָטער האָט זיך שטארק פערשעהמט וואָס זיינער אַ זוהן זאָל טאָהן אַזעלכע זאכען. האָט ער איהם גע׳מוסר׳ט, ערקלערט וואָס פאַר אַן אונרעכט ער טוהט מיט דעם וואָס ער בערויבט אָרימע מענשען, און אויך ווי נאריש דאָס איז פאַר איהם צו כאפען, ווען ער קען קריגען אַלעס צו קויפען פאַר געלד, פיעל ער וויל.

דער מוסר האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען. דער אינגעל האָט ווייטער געכאפּט ווי פריהער.

טראַכט זיך דער פאָטער און זוכט אַן עצה וואָס צו טאָהן, אַז זיין אינגעל זאָל שוין אַמאָל אויפהערען צו כאפען פון מארק. איינמאָל רופט ער צו דעם זוהן און זאָגט צו איהם:

„מיין טייער קינד! עס געפעלט מיר ניט וואָס דו

געהסט אין חדר איינער אליין. ווי פאסט עס פאר דיר צו געהן אליין? אזא טייערער אינגעל ווי דו, אזא וואוילער, אזא גוטער, האט געדארפט געהן אין חדר מיט גרויס פאר־ראד.ווארט נאר א ווייל‌ע, איך וועל שיקען נאך די כלי זמר, וועסטו געהן אין חדר מיט כלי זמר, מיט פויקען און מיט צימבלען, אזוי ווי מען פיהרט א שררה, א פרינץ.“

דעם אינגעל איז דאס שטארק געפעלען געווארען.

האט דער פאטער געלאזט ברענגען כלי זמר און זיי האבען דעם אינגעל געפיהרט אין חדר, שפיעלענדיג אויף זייערע אינסטרומענטען. א בדחן איז געגאנגען פאראויס און האט אויסגערופען: „תנו כבוד! מאכט א ווארע פאר דעם פיינעם בחור'ל, דעם טאטענס א קינד. פון גרויסען יחוס מיט דער גילדענער פאהן, בערל ברבי חיים, מיר פיהרען איהם יעצט אין חדר צו זיין רבי'ן לערנען תורה!“

ווען דער אינגעל האט געזעהן וואס פאר א כבוד מען גיט איהם אב, האט ער זיך שוין געשעהמט צו כאפען פון מארק. דען ווי האט ער געקענט פערלאזען די כלי זמר און זיך ערנידעריגען צו כאפען עפעל אדער ניסלעך פון ארימע מענשען?“

## נמשל

דער בעסטער וועג צו היילען א מענשען פון שלעכטע מעשים איז צו דערהויבען זיין זעלבסט־רעספעקט, וועט ער זיך שעהמען צו זיין שלעכט.

## 64
# אחטא ואשוב...

אמאָל איז געווען אַ חדר־אינגעל, אַ גרויסער קונדס, וואָס האָט שטאַרק ליעב געהאַט צו באָדען זיך אין טייך. אַז עס פלעגט קומען דער זומער פלעגט ער ניט קענען איינ־זיצען אין חדר, און ווי דער מלמד פלעגט זיך פערקוקען אַן אַ זייט פלעגט דער אינגעל זיך אַב'גנב'ענען פון חדר און אוועקלויפען צום טייך, זיך באָדען.

איינמאָל, בעת דער אינגעל האָט זיך געבאָדען, איז ער פערקראָכען אַ ביסעל צו ווייט, וואו די וואַסער איז געווען גאַנץ טיעף, און אַזוי ווי שווימען האָט ער ניט געקענט, האָט ער געהאַלטען אין זינקען. אַ פערבייגעהער, וואָס האָט געהערט זיינע געשרייען, איז אריינגעשפרונגען אין טייך און האָט איהם געראַטעוועט.

דער אינגעל האָט נאָכדעם אויף זיך גענומען אַ נדר, אַז ער וועט זיך מעהר ניט באָדען אין טייך ביז ער וועט זיך אויסלערנען גוט שווימען.

### נמשל

אַזוי טוהט אויך אַ מענש וואָס איז ניט אָרענטליך אין זיינע געשעפטען, און ער זאָגט אַליין: אַז איך וועל אַמאָל ווערען רייך וועל איך אויפהערען צו שווינדלען און ווערען אַן אָרענטליכער סוחר.

## 65
# דעם מלמד'ס וואונש

א מלמד מיט א בעל־עגלה זיינען אוועק צוזאמען, גאנץ ווייט, אין מרחקים, זוכען פרנסה. די ערשטע צייט האבען זיי ביידע געהאט גוט. דער מלמד האט געהאט א סך תלמידים און דער בעל־עגלה האט געהאט א סך פאסא־זשירען. אבער שפעטער האט דעם מלמד אנגעהויבען צו געהן שלעכט און ער האט ניט געקענט קריגען קיין תלמידים. אבער דער בעל־עגלה האט נאך אלץ געהאט פרנסה מיט א פולער מאס.

איינמאל, אז זיי האבען זיך געטראפען אין גאס, האט דער מלמד געזאגט צום בעל־עגלה: „דער אייבערשטער זאל געבען אז דו זאלסט שוין אויך בלייבען אהן פרנסה."

„דו, מלמד איינער!" האט דער בעל־עגלה בייז אויס־גערופען. „פארוואס שילסטו מיך? וואס פאר א שלעכטס האב איך דיר געטאהן?"

אסור אויב איך האב עפעס צו דיר!" האט דער מלמד געענטפערט. „נאר אז דו וועסט בלייבען אהן פרנסה, וועסטו קריגען חשק צו פאהרען אהיים. וועל איך האבען מיט וועמען צו פאהרען."

### נ מ ש ל

די שכינה וויל שוין לאנג געהן צוריק אין הייליגען לאנד. אבער די אידען מיינען אז אין גלות איז זיי נאך גוט, טראכ־טען זיי ניט פון פאהרען צוריק אין זייער היים. דארום ווארט די שכינה ביז די אידען וועלען פערלירען די לעצטע פרוטה,

און אז עס וועט אויסגעהן די לעצטע פרוטה, וועט דאַך קומען משיח. און דאַן וועט די שכינה נעהן צוזאַמען מיט די אידען אין ארץ ישראל.

## 66

## דער נאַרישער אינגעל

צוויי אינגלעך האָבען געלערנט ביי איין רבי'ן אין חדר. איינער איז געווען דער זוהן פון אַ רייכען פאָטער, דער אַנדערער האָט געהאַט אַ טאַטען אַן אָרימאַן, אַ מחוסר לחם. איינמאָל קומט דער רייכער אינגעל אין חדר און צייגט זיינע חברים אַ שעהן בייטעלע, וואָס ער האָט געקויפט. די בייטעלע איז געווען אַ זעהר שעהנע, אין פערשיעדענע פאַרבען, און אויף דעם זיינען געווען אויסגעמאָלט אַלערליי בילדער און צאַצקעס. די חברים האָבען איהם מקנא געווען די בייטעלע און דער אָרימער אינגעל האָט אויך מקנא געווען. זיי האָבען אַלע בעקומען אַ חשק צו קריגען אַזאַ בייטעלע.

די אנדערע אינגלעך, ווען זיי זיינען געקומען אַהיים, האָבען זיי ניט צורוה געלאָזען טאַטעס און מאַמעס ביז זיי האָבען געקראָגען געלד אויף צו קויפען די בייטעלע. און די וואָס האָבען ניט געקענט קריגען די גאַנצע געלד אויף אַמאָל, האָבען דאָס אויסגעריסען ביסלעכווייז. אין אַ וואָך צייט האָט שוין יעדער אינגעל געהאַט אַזאַ בייטעלע ווי דעם נגיד'ס זוהן, אויסער יענער אָרימער אינגעל, וועלכער האָט קוים געקענט אַרויסקריגען פון זיינע עלטערען בלויז עטליכע גראָשען.

איז דער אָרימער אינגעל אַוועק צום קרעמער און האָט פאַר איהם געוויינט און געבעטען: „אָט זעהט, רב איד, אָט דאָס איז די גאַנצע געלד וואָס איך האָב. איך שווער

איך אז איך האב ניט מעהר אפילו קיין איין־איינציגען גראשען. טא גיט מיר א ביטעלע פאר די ביסעל געלד וואס איך האב."

„דו, נארישער אינגעל," האט דער קרעמער איהם גע־ענטפערט, „דו אליין זאגסט דאך אז דו האסט ניט אפילו קיין איין גראשען אן איבעריגען, טא צו וואס טויג דיר די ביטעלע?"

## נ מ ש ל

אזוי איז אויך מיט הייננטיגע אידען, וואס גיבען אוים גרויסע פערמעגענס אויף בויען שעהנע שוהלען, און די שוה־לען שטעהען כמעט די גאנצע צייט ליידיג.

## 67
## די צוויי תלמידים

צוויי אינגלעך האבען געלערנט ביי א רבי'ן. איז דעם רבי'ס שטייגער אזוי געווען: מיט איין אינגעל איז ער גע־ווען זעהר שטרענג, און אויב ער האט עפעס וואס ניט גע־וואוסט געננוי אויפ'ן האר, האט ער איהם געשלאגען אהן רחמנות. דעם צווייטען תלמיד, ווי שלעכט ער זאל ניט זאגען, איז ביי דעם רבי'ן אלץ גוט געווען. זעלטען אז ער פלעגט אויף איהם אנשרייען אדער אנריהרען מיט דער האנד.

א לאנגע צייט האט דער ערשטער תלמיד געשוויגען. נאר איינמאל האט ער בעקומען מוטה און האט דעם רבי'ן געפרעגט: „רבי, זייט מיר מוחל וואס איך פרעג אייך אזא קשיא: פארוואס, אז איך ווייס עפעס ניט, אדער אז איך זאג א קליינעם גרייז, שלאגט איהר מיך אזוי שטארק, און

מיין חבר, כאָטש ער פערשטעהט גאָרניט וואָס ער לערנט, קומט ער אָב זעהר לייכט?"

„הער אויס, מיין קינד, איך וועל דיר דאָס ערקלערען," האָט דער רבי געענטפערט. „דו קענסט זיך ניט גלייכען צו דיין חבר. יענער קומט ארויס פון פראָסטע מענשען, ישוב'ניקעס, עמי הארץ, און ביז ניט לאַנג צוריק האָט ער זיך געוואַלגערט אין דאָרף צווישען ציגען און בהמות, איז קיין וואונדער ניט וואָס ער קען ניט גוט פערשטעהן וואָס איך לערן מיט איהם. דערפאַר בעגעה איך זיך מיט איהם מיט חסד. אָבער דו, וואָס שטאַמסט פון רבנים און לומדים, און לערנען האָסטו אימער געלערנט ביי די בעסטע מלמדים, און א קאָפּ האָסטו א שאַרפען, דו מוזט שוין קענען און פערשטעהן אַלעס וואָס איך לערן מיט דיר, און אז דו מאַכסט א פעהלער קומט דיר טאַקע שלאָגען!"

### נ מ ש ל

די אומות העולם, וואָס זיינען געבוירען געוואָרען געצענדיענער און זיך ערצויגען צווישען ווילדע פעלקער, איז דער אייבערשטער מוחל א סך פון זייערע חטאים, ווייל זיי ווייסען ניט ווי בעסער צו זיין. אָבער די אידען וואָס קומען ארויס פון די אָבות, און זייערע לעהרער זיינען געווען משה, דוד, שלמה און די נביאים, מיט זיי איז שוין דער אייבערשטער שטרענג, און ווען זיי בעגעהען א פעהלער שטראָפט ער זיי.

## 68
# דער וואָס לעבט אין טעות

איינער אַ מאַן האָט זיך אַמאָל פֿערזינדיגט און האָט אַבגעטאָהן ניט קיין שעהנע זאַך. האָבען די שטאָדט־גבאים געשיקט צו איהם דעם שמש, אַז ער זאָל ביי איהם צונעהמען עפּעס אַ משכון ביז ער וועט קומען און זיך שטעלען צום משפּט פאַר די גבאים. דער שמש איז אַוועק אין הויז פון דעם בעשולדיגטען און פון דאָרט צוגענומען אַ שעהנעם יום־טוב'דיגען בגד און אַוועקגעטראַגען צו זיך אהיים אלס משכון. און ווען די שמש'טע האָט שפּעטער געפונען דעם שעהנעם בגד הייגנען אין שאַפע, האָט זי געמיינט אַז קהל האָט דאָס געשיינקט איהר מאַן אַ מתנה פאַר זיין טרייע אַרבייט. איז די שמש'טע אַוועק צו די שטאָדט־גבאים און האָט זיי גע־דאַנקט בזה הלשון: „דער אייבערשטער זאָל אייך בעצאָהלען פאַר אייער גוטסקייט כפל כפלים, און אַזוי ווי איהר האָט ניט פערגעסען מיין מאַן, אַזוי זאָל דער אייבערשטער אייך אויך ניט פערגעסען.“

„זייט ניט קיין נאַרישע אידענע!“ האָט איינער פון די גבאים אויף איהר אָנגעשריען. „רעדט זיך ניט איין קיין שטותים, אַז מיר האָבען געשענקט אייער מאַן אַ מתנה. דער בגד געהערט צו אַן אַנדערען און מיר האָבען אייער מאַן געהייסען דאָס צונעהמען בלויז אויף אַ קורצער צייט און נאָכדעם ווי יענער וועט זיך שטעלען פאַר אונז צום משפּט, וועט מען איהם דעם בגד צוריק אַוועקגעבען.“

### נמשל

איינער פערזינדיגט זיך אַמאָל, שיקט דער אייבערשטער

איהם צו אַ גזלן, אָדער אַ שווינדלער, וואָס נעהמט ביי איהם אוועק זיין האָב און גוטס. דער גזלן, אָדער שווינדלער, מיינט נאָכדעם אז דער אייבערשטער האָט איהם דאָס צוגעשיקט אַ פערדיענסטעל. קומט ער אין שוהל און קויפט אַן עליה און דאַנקט נאָך דעם אייבערשטען פאַר דער מתנה, אָבער ער ווייס ניט אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט ער מוזען דעם גערויבטענס פערמעגען צוריק אָבשטעקען.

## 69

## דער רב און דער מלמד

אַ רב האָט געהאַלטען פאַר זיינע קינדער אַ מלמד ביי זיך אין הויז. מיט דער צייט איז ביים רב אונטערגעוואַקסען אַ קינד, וואָס האָט בעדאַרפט אָנהויבען לערנען אלף־בית. האָט ער פאַר דעם קינד גענומען אַ בעהעלפער. דער מלמד האָט פאַראיבעל גענאָמען. האָט ער געזאָגט צום רב: „איך פערשטעה ניט, רבי, צו וואָס איהר האָט צוגענומען אַן אַנ־דערען צו לערנען מיט אייער אינגסטען קינד. אַזוי ווי איך קען לערנען מיט אייערע גרעסערע קינדער, וועלכע האַלטען שוין גאַנץ ווייט, קען איך דאָך מיט אייער מיזשיניקעל אודאי לערנען!“

„וואָס פרעגט איהר ביי מיר ניט קיין בעסערע קשיא?“ האָט דער רב געענטפערט. „וואָס בעדאַרף איך גאָר איינ־גאַנצען האַלטען אַ מלמד? קען איך דען אַליין ניט לערנען מיט זיי אַלעמען? אַלא, וואָס דען? ווייל איך בין צו־גרויס פאַר זיי און זיי וועלען מיין לערנען ניט פערשטעהן. און צוליעב דעם זעלבען טעם האָב איך יעצט מיין אינגסטען קינד אָבגעגעבען צום בעהעלפער, און ניט צו אייך.“

נמשל

א רבי דאַרף זיין צוגעפּאַסט לויט די פעהיגקייטען פון דעם תלמיד. יעדער דור האָט זיין פיהרער, וואָס פּאַסט זיך צו איהם. און דארום זאָגט דער מדרש „יפתח בדורו כשמואל בדורו.“ יפתח איז געווען א פּראָסטער מענש, אָבער פאר די מענשען פון זיין דור האָט ער זיך געפּאַסט פאר א פיהרער אזוי ווי שמואל אין זיין דור.

## 70
## די פיער בקשות

א פּאַטער האָט געהאַט פיער זיהן, האָט ער זיי אַלע געשיקט אין א ווייטער שטאָדט לערנען. און איידער זיי זיינען אוועקגעפאָהרען האָט ער זיי אָנגעזאָגט אז זיי זאָלען איהם שרייבען אָפט בריעף, איבערהויפּט ווען זיי דאַרפען עפּעס. איינמאָל האָט איינער פון די זיהן אָנגעשריבען א בריעף צום פּאַטער, אז ער זאָל איהם שיקען א שעהנעם זייגערל. דער צווייטער האָט געשריבען, אז דער פּאַטער זאָל איהם שיקען שעהנע קליידער. דער דריטער האָט געשריבען, אז ער זאָל איהם שיקען גוטע זאַכען צום עסען. און דער פערטער האָט געשריבען: „האָב רחמנות, פּאַטער, שיק מיר גלייך אויף א קבר און תכריכים, ווייל איך בין זעהר קראַנק און האַלט ביים שטאַרבען.“

איינער וואָס האָט איבערגעלעזען די פיער בריעף האָט געזאָגט צו די ערשטע דריי זיהן: „צו וואָס פאַלט אייך איין צו שרייבען אַזעלכע בריעף צו אייער פּאַטער? ער וועט דען אייך שיקען א זייגער? ער וועט דען איין שיקען שעהנע קליידער? ער וועט דען אייך שיקען נאַשעריי? אז ער וועט

לָעזען דעם בריעף פון אייער אונגליקליכען ברודער, וואָס בעט געבעטען אויף תכריכים, וועט ער נאָך אין כעס ווערען וואָס אייך ליגען אין קאָפּ אַזעלכע לוקסוסען, און ער וועט אייך גאָרניט שיקען. דאָס בעסטע איז, אַז איהר זאָלט סתם אַזוי בעטען געלד, ווער ער מיינען אַז איהר נויטיגט זיך אַזוי ווי אייער קראַנקער ברודער, און ער וועט אייך אַלעמען שיקען."

## נ מ ש ל

די רייכע בעטען אויף לוקסוסען. איינער בעט אויף עשירות, אַ צווייטער בעט אויף אַ שעהנע הויז, אַ דריטער בעט אויף שעהנע ציערונג פאַר זיין פרוי. און צו דערזעלבער צייט זיינען דאָ אַ סך אָרימע אידען, וואָס שטעהען און בעטען אַז דער אייבערשטער זאָל זיי כאָטש געבען אַ שטיקעל ברויט צו עסען. היינט וועמען זאָל דער אייבערשטער פריהער העלפען? איז די בעסטע זאַך, אַז אַלע זאָלען בעטען אַז דער אייבערשטער זאָל זיי שענקען דעם לעבען, און דער וואָס גיט לעבען, גיט שוין אויך צום לעבען.

# 71

# די צוויי רבנים

אין אַ שטאָדט זיינען געווען צוויי רבנים. איינער איז געווען אַ גרויסער גאון און אַ צדיק. דער אַנדערער האָט געקענט ווייניגער פון איהם לערנען און איז ניט געווען אַזוי פרום. דאָך האָט דער צווייטער געהאַט מעהר הצלחה ווי דער ערשטער. אַלע דיני תורה, אַלע געלד־סכסוכים צווישען סוחרים פלעגט מען ברייננגען פאַר דעם צווייטען, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער בריה אויף די זאַכען, כאָטש אין לומדות איז ער געשטאַנען זעהר נידריג גענגען דעם ערשטען.

האבען זיך מענשען געוואונדערט ווארום אלע סוחרים געהען ניט מיט זייערע דיני תורה צו דעם אמת גרויסען למדן, צו דעם אמת גרויסען ירא שמים, וועלכער איז געווים זיכער פון פניות. האט זיי איינער, אן אלטער מאן, אזוי ערקלערט:

„וואס וואונדערט איהר זיך? יענער רב, דער גרויסער גאון, דער צדיק, האט זיך ערצויגען ביי עלטערן, וועלכע זיינע געווען פרומע, עהרליכע אידען, איז ער ניט בעקאנט מיט די סוחר'ישע פאלשקייטען, קונצען און דרעהדלעך. אבער דער אנדער רב, כאטש ער איז ניט פון די גרויסע לערנער, האט ער זיך ערצויגען ביי עלטערן, וואס זיינען געווען סוחרים און שווינדלער, פערשטעהט ער אלע קונצען, שקרים און רמאות, וואס קומען פאר אין מסחר, און דערפאר האט ער אזא הצלחה."

## נמשל

יעדער איינער פערשטעהט זיין קלאס מענשען אמ־בעסטען.

## 72

## צדקה און מעשר

איינער האט זיך אמאל פערזינדיגט נעגען קהל, האט מען געשיקט צו איהם א שמש ער זאל ביי איהם צונעהמען עטליכע זאכען פון הויז, א פאר לייכטער, א פעלץ און נאך אזוינס, און די זאכען האט מען גענערען צו בעהאלטען ביים נאמן, ביז דער זינדיגער וועט בעצאהלען די שטראף וואס קהל האט אויף איהם ארויפגעלייגט.

די זאכען זיינען געלעגען א היבשע צייט, ביז איין

מאל האט זיך געמאכט אז עס איז איין שטאדט געקומען א חשוב'ער אורח וואס מען האט איהם געדארפט געבען א שעהנע נדבה, אז ער זאל קענען פאהרען ווייטער. און אזוי ווי ביי קהל איז דאן ניט געווען קיין איבעריגע געלד, האט מען געשיקט צו דעם וואס האט געדארפט צאהלען די שטראף און איהם מתרה געווען, וויל ער בעצאהלען די שטראף איז גוט, און אויב ניט וועט מען די משכנות פערקויפען צו אנ־דערע. יענער האט קיין ברירה ניט געהאט און האט געמוזט בעצאהלען.

שפעטער ווען דער שטראפירטער האט דערזעהן דעם גאסט, איז ער אויף איהם ארויפגעפאלען מיט קללות און איהם געזידעלט: „צוליעב דיר האב איך געמוזט בעצאה־לען אזוי פיעל געלד! ווען דו וואלסט אהער ניט געקומען וואלט מיר קהל שפעטער אוועקגעגעבען מיינע זאכען אומ־זיסט, אהן שטראף.“

די זעלבע געשיכטע האט געטראפען מיט אן אנדערען וואס האט זיך אויך פערזינדיגט געגען קהל און מען האט ביי איהם פערנומען זאכען אלס משכנות פאר שטראף. אבער דיזער האט ניט געווארט ביז קהל וועט איהם סטראשען מיט פערקויפען די זאכען, נאר ער איז אליין געגאנגען, בעצאהלט די שטראף און צוגענומען זיינע זאכען.

דאס געלד איז געלעגען ביים גאמן פאר א היבשע צייט, ביז עס איז געקומען אן ארימער יחסן וואס איז ארומגעפאה־רען קלייבען אויף הכנסת כלה פאר זיבען טעכטער. האט קהל בעשלאסען אז מען זאל דעם ארימען יחסן אוועקגעבען די שטראף געלד וואס איז געלעגען ביים גאמן.

ווען דער בעשטראפטער האט געהערט אויף וואס מען האט זיין געלד פערווענדעט, איז ער אליין געקומען צום ארימען יחסן און האט צו איהם געזאגט:

„איך דאנק אייך, רב איד, זעהר און זעהר וואס איהר

זייט געקומען און מיין געלד איז אוועק אויף אזא גרויסער מצוה ווי הכנסת כלה."

נ מ ש ל

ווי מען זעהט פון דער מעשה זיינעןביידע שטראף געלדער פערוועגדעט געווארען אויף גוטע צוועקען. נאר דער אונטערשיד צווישען די ביידע פאלען איז ווי פון צדקה ביז מעשר. צדקה איז ווען אן ארימאן קומט און בעט, מוז מען איהם געבען, ניט פון דער איינענער טובה וועגען, נאר פון דעם ארימאן'ס טובה וועגען. דערפאר ווילען אמאל מענ־שען גאר ניט ליידען וואס אן ארימאן קומט צו זיי אין הויז. מעשר איז שוין אבער אנדערש. א איד טאהר ניט געניסען די פרוכט פון זיין געלד איידער ער גיט מעשר, און דארום ווען אן ארימאן קומט נעהמען מעשר פרעהט מען זיך מיט איהם. אי מען האט א מצוה, אי מען האט אליין הנאה.

## 73
## ווען א מענש בעקומט פריינד

א גרויסער רב האט אנגעשריבען א ספר. איז ער אוועקגעפאהרען אין א גרויסער שטאדט וואו עס געפינט זיך א דרוק צו דרוקען דארט זיין חבור. ער האט אין דער שטאדט געדארפט פערברייינגען א צוויי אדער דריי חדשים. איז דער רב געקומען צו א בעל אכסניא און האט צו איהם געזאגט: „איך בין א רב און איך האב פערפאסט א נייעם ספר וואס איך בין אהער געקומען דרוקען. און איך דארף האבען א פלאץ איינצושטעהן א צוויי דריי חדשים, ביז מיין ספר וועט ארויס פון דרוק." ווען דער בעל־הבית האט גע־הערט ווי דער רב בעט זיך אזוי ביי איהם, האט ער זיך,

געטראַכט, ער מוז מסתמא מיינען צו שטעהן ביי מיר אומ־זיסט, דען צו וואָס דערצעהלט ער מיר זיין גאַנצען יחוס, אַז ער איז אַ רב און אַז ער האָט געמאַכט אַ ספר? און צו וואָס בעט ער זיך אַזוי? מסתמא מיינט ער אַז איך זאָל איהם האַלטען ביי זיך צוליעב זיין יחוס. הייגט צו וואָס דאַרף איך אויף זיך אַן אומזיסטען עסער? האָט דער בעל־אַכסניא געענטפערט: „עס טוהט מיר זעהר לייד, רבי, אָבער איך האָב ביי זיך מעהר קיין פּלאַץ ניט. אַלעס איז פאַר־נומען".

איז דער רב אַוועק אין אַן אַנדער אַכסניא, איז אַ דריי־טער און איז אַ פערטער. ער האָט אַלץ געהערט די זעלבע רייד און האָט בעקומען דעם זעלבען ענטפער. קיינער האָט איהם ניט געוואָלט אַריינגעהמען. ביז עס איז געשעהן אַ נס און איינער פון די שטאָדטישע גבירים האָט זיך וועגען איהם דערוואוסט, האָט ער אויסגעזוכט דעם אָרימען רב און האָט איהם געגעבען אַ ברייטען שלום עליכם, און געזאָגט: „רבי! לאַנג לעבען זאָלט איהר! קומט צו מיר אַהיים. איך וועל אייך אָבגעבען דעם שעהנסטען צימער אין מיין הויז. איהר וועט ביי מיר עסען פון דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע, און זיין ביי מיר אַזוי לאַנג ווי איהר ווילט".

דער רב איז פערבליבען ביים גביר ביז זיין ספר איז אַרויס פון דרוק און נאָכדעם איז ער אַוועקגעפאָהרען צוריק אין זיין שטעדטעל.

דער רב האָט געהאַט גרויס הצלחה מיט זיין ספר. טויזענדער אידען האָבען דעם ספר געקויפט און דער רב איז געוואָרען זעהר רייך. האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבייט און אָנגעשריבען נאָך אַ ספר. ווען ער איז געפאָהרען אין שטאָדט דרוקען זיין צווייטען חבור איז ער שוין ניט געקומען ווי אַן אָרימאַן אין אַ צעריסענעם וואַגען, נאָר ער איז געקו־מען אין אַן אייגענער קאַרעטע מיט צוויי דיענער. און אַז ער איז דורכגעפאָהרען די גאַס וואו עס געפינען זיך די

אכסניות, זיינען די בעלי אכסניות נאכגעלאפען און איהם געבעטען אז ער זאל זיך אבשטעלען ביי זיי. אבער דער רב האט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט, נאר ער איז אריינגעפאה־רען גלייך צו יענעם גביר וועלכער האט איהם מקרב געווען ביי זיין ערשטען בעזוך אין דער שטאדט. דער גביר האט זיך זעהר געפרעהט מיט זיין חשוב'ן גאסט און האט איהם ווידער אויפגענומען מיט דעם גרעסטען כבוד. שפעטער זיינען געקומען די גרעסטע בעלי בתים פון שטאדט און יעדער איינער האט געטענה'ט צום רב: „פאר וואס קומט עס, רבי, אז איהר זאלט דעם גאנצען כבוד אבגעבען צו איין מאן? פארוואס זיים איהר דיזען מאל ניט געקומען צו מיר? איך וואלט דאך אייך געהאלטען מיט דער גרעסטער עהרע!"

„אויב איהר זייט טאקע אזעלכע גוטע מענשען", האט דער רב געענטפערט, „טא פאר וואס האט איהר מיך ניט געבעטען איינשטעהן ביי אייך ווען איך בין געקומען אין אייער שטאדט דעם ערשטען מאל?"

### נמשל

ווען א מענשען נעהמט אוועק גוט קריגט ער א סך פריינד.

## 74

## א חשר בדרך כבוד . . .

אז ארימער מגיד איז ארומגעפאהרען פון שטאדט צו שטאדט האלטען דרשות און קלייבען נדבות. אין איין שטאדט האט ער זיך אבגעשטעלט ביי א שעהנעם בעל הבית אויף א פאר וואכען. דער בעל הבית האט איהם די גאנצע צייט געגעבען עסען און טרינקען. נאר ווען דער מגיד האט איינגעפאקט זיין רייזע־זעקעל אוועקצוגעהן, האט דער בעל־

הבית בעקומען א חשד אז דער מגיד האט מיטגענומען זיי־נעם א ספר. האט ער ניט געוואוסט וואס צו טאהן. סתם זוכען ביי יענעם איז זעקעל איז עפעס ניט שעהן. טאמער האט יענער גארנישט גענומען, וועט ער דאך אומזיסט פער־שעהמען א אידען. האט דער בעל הבית אזוי געזאגט צום מגיד: „איידער איהר פאהרט אוועק, רב איד, וואלט איהר נעדארפט איבערקוקען אייער זאק, צו זעהן אויב איהר האט דארט אלע אייערע זאכען. דען עס קען זיין אז איהר האט עפעס פערגעסען ביי מיר אין הויז“.

### נ מ ש ל

דארט וואו מען איז חושד א מענשען און מען ווייס נאך ניט אויף זיכער דארף מען זיין זעהר אבגעהיט איהם ניט צו בעליידיגען.

## 75
## ווער עס פערדיענט א בעלוינונג

ביי איינעם א רייכען סוחר האט געדיענט א משרת וואס פלעגט איהם העלפען אין זיין קראם. דער משרת האט קיין געהאלט ניט בעקומען. געארבייט נאר פאר'ן עסען. איינ־מאל, פורים, איז דער בעל הבית געזעסען מיט זיין פאמיליע ביי דער סעודה, און דער משרת איז אויך געזעסען און גע־געסען די טייערע מאכלים מיט די המן טאשען און געטרונ־קען דעם פיינעם וויין. אין מיטען דער סעודה איז אריינ־געקומען א סוחר און האט געוואלט קויפען סחורה. אבער דער בעל הבית האט זיך ניט געוואלט ריהרען פון ארט און געזאגט: „איך וויל ניט שטערען מיין סעודה.“ האט זיך אויפגעהויבען דער משרת און געזאגט צום בעל הבית: „איך

וועל געהן איז קראם און וועל ברענגען אלעם וואס דער סוחר פערלאנגט".

דער בעל הבית האט דעם משרת געגעבען די שליסלען פון זיין קראם. דער משרת איז אוועקגעלאפען און האט גע־בראכט אלעם וואס דער סוחר האט געוואלט. דער בעל הבית האט געהאט א שעהנעם לייזונג און האט פערדיענט א היבשע ביסעל געלד.

„זאג מיר," האט דער בעל־הבית נאכדעם געזאגט צום משרת, „וואס קומט דיר ארוים פון מיר?"

„איך ארבייט דאך ביי אייך ניט פאר א געהאלט". האט דער משרת געענטפערט.

„איך וועל דאס דיר ערקלעהרען", האט דער בעל הבית געזאגט. „פריהער האב איך געמיינט אז דער עסען איז ביי דיר דער גאנצער עיקר און אז דו ביזט צופריעדען צו אר־בייטען בלויז פאר'ן עסען, אבער יעצט אז איך האב געזעהן ווי צוליעב מיין געשעפט האסטו דעם עסען איבערגעלאזען. און אז ביי דיר איז מיין געשעפט וויכטיגער ווי דיין עסען, דענק איך אז דיר קומט שוין אז איך זאל דיר בעלוינען ווי דו פערדיענסט."

## נ מ ש ל

מיר דינען אלע דעם אויבערשטען פאר דעם לעבען וואס ער האט אונז געשענקט, און דער אייבערשטער גיט אונז אלעם וואס מיר דארפען אויף דער וועלט פאר דעם וואס מיר ריענען איהם, אבער די צדיקים וואס זיינען זיך מוסר נפש פאר דעם אייבערשטען און פאר זיין תורה און צייגען אז דיזע וועלט איז ביי זיי גארנישט, די בעקומען שוין א גרע־סערען לויז.

## 76
# צוויי שלעכטע חברים

איינער וואס איז געווען א בן יחיד ביי זיין פאטער, האט זיך בעפריינדעט מיט צוויי שלעכטע חברים, וואס פלע־גען איהם לערנען שיכור'ן. מיט דער צייט איז ער אויך געווארען א שיכור אזוי ווי זיי. זיין פאטער האט זיך שטארק גענומען צום הארצען און ער האט אנגעהויבען נאכ־צופרעגען וועגען די צוויי חברים. האט ער אויסגעפונען, אז איינער רעדט איין זיין זוהן, ער זאל קויפען משקה פאר זיך און פאר איהם. דער אנדערער קויפט משקה פאר זיינע אייגענע געלד און גיט דעם בן יחיד צו טרינקען. האט דער פאטער געזאגט:

„אויף דעם וואס רעדט איין מיין זוהן צו קויפען משקה איז דא א שטיקעל זכות. אליין איז דער חבר ארים און ער האט ניט פאר וואס צו קויפען משקה, רעדט ער צו מיין זוהן צו קויפען, אבער זיין הויפט כונה איז אז ער זאל אליין הא־בען וואס צו טרינקען. אבער דער אנדער חבר וואס האט אליין געלד צו קויפען משקה און ער גיט מיין זוהן צו טרינ־קען, ביי איהם איז שוין די הויפט כונה אז מיין זוהן זאל ווערען א שיכור אזוי ווי ער".

### נמשל

איינער פערפיהרט א מענשען צוליעב פרנסה, און אנ־דערער ווייל ער האט הנאה צו רואינירען מענשען.

## 77
# דער שפיגעל

א פאטער איז ביין געווארען אויף זיין בן יחיד ווייל ער האט זיך שטארק פערזינדיגט געגען איהם. האט ער דעם זוהן דערפאר פערטריבען פון דער היים. דער זוהן איז אוועק ערגעץ גאנץ ווייט, אין מרחקים, וואו ער איז ארומגעגאנגען נע ונד, נאקעט און הונגעריג. דער פאטער האט שטארק געליטען פון בענקשאפט נאך זיין זוהן און עס האט איהם לייד געטאהן אויף די צרות וואס דער זוהן האט אויסגע־שטאנען אין דער פרעמד. פון דעסטוועגען האט דער פאטער זיך איינגעהאלטען, זיך געמאכט א שטארקע הארץ און ניט גערופען דעם זוהן צוריק אהיים, ווייל ער האט געוואלט ער זאל צונעהמען זיין פולע שטראף וואס ער האט פערדיענט.

איינמאל איז א פריינד פון פאטער געקומען אין דער שטאדט וואו דער פערטריבענער זוהן האט זיך געפונען, און ער האט געזעהן ווי פערשווארצט ער איז, און ווי ער זעהט אויס אויסגעהונגערט און קראנק. האט ער צו דעם זוהן גע־זאגט: „אויב דו ווילסט מיך פאלגען וועל איך דיר געבען א גוטע עצה. זאלסטו וויסען זיין, אז כאטש דיין פאטער איז ביי זיך אין דער היים און עס פעהלט איהם ניט קיין זאך, דאך איז ער אויך שטארק אראב פון פנים און זעהט אויס זעהר פערפינסטערט צוליעב זיין בענקשאפט נאך דיר. דו טוה אזוי. קויף א שפיגעל און פאהר מיט דעם צו דיין פא־טער, און אז דו וועסט קומען צו דיין פאטער זאלסטו דעם שפיגעל אנהענגען ביי זיך אויף'ן הארצען, אום אז דיין פא־טער זאל אין דעם קענען אריינקוקען און זעהן זיין אייגענע געשטאלט. און דו זאלסט וויינען און זיך בעטען ביי איהם:

„גיב א קוק, ליעבער פאטער, ווי דו זעהסט אויס, ווי די קלארקייט און די ליכטינקייט פון דיין פנים איז אוועק. דארום, טייערער פאטער, זיי מיר מוחל און נעהם מיך צוריק אהיים, אויב ניט פון מיינטוועגען, איז פון דיינטוועגען.“

נ מ ש ל

זייט מיר זיינען פערטריבען געווארען אין גלות בענקט נאך אונז אונזער פאטער אין הימעל און די שכינה שיינט ניט מעהר אזוי ווי אמאל, דארום איז אונזער געבעט, דאס ער זאל אונז מוחל זיין, אויב ניט פון אונזערט וועגען איז כאטש פון זיינט וועגען.

## 78
## איבערגעשריען אַלעמען

א רייכער מאן האט געדארפט האבען אז אם פאר א קינד וואס איז איהם געבוירען געווארען אויף די עלטערע יאהרען. ער האט געזוכט, אבער ער האט ניט געקענט גע־פינען, ביז עס האט זיך איינמאל געמאכט אז ארימע פרוי וואס איז ארומגעגאנגען איבער די הייזער, און עס פערשטעהט זיך אז זי איז גלייך מרוצה געווארען צו בלייבען אין גביר׳ס הויז. דער רייכער מאן האט געשיקט אויספראבירען איהר מילך און דער דאקטאר האט געזאגט אז זי האט געזונדע מילך.

דער גביר האט געהייסען זיינע דיענסטען אז מען זאל זי ארומוואשען און אנטהאן נייע קליידער. מען האט איהר געגעבען א שעהנעם לופטיגען צימער און א ווייכע בעט מיט אלע בעקוועמליכקייטען. און די פרוי וואס איז נאך מיט א קורצער צייט צוריק ארומגעגאנגען אין שמאטעס און האט

זיך געוואלגערט אין הקדש, האט יעצט געלעבט ווי א גרעפין.

איינמאל איז דאס קינד קראנק געווארען. פאטער און מוטער זיינען געזעסען פערטרויערט און געוויינט, אבער די אם האט געוויינט מעהר פון זיי. זי האט געקלאגט און גע־יאמערט אויפ'ן קול, אז מען האט זיי געהערט פאר מיילען. די גאנצע שטאדט איז אנגעלאפען אויף איהרע געשרייען. האבען זי מענשען געפרעגט: „וואס שרייסטו אזוי? וואס לייגסטו אזוי איין די וועלט? עס איז דאך ניט דיין קינד.“ האט די אם געענטפערט:

„איהר ווייסט דאך אז איך בין אן ארימע פרוי און איך פלעג זיך ארומשלעפען איבער די הייזער, און דער גוטער מענש האט מיך אריינגענומען אין זיין הויז און האט מיך געהאלטען ווי אן אייגענע. און צוליעב וואס האט ער דאס געטאהן? צוליעב זיין קינד. און יעצט, חס ושלום, אויב דאס קינד געהט אוועק, טא וואס וועט ווערען פון מיר?“

נ מ ש ל

די כהנים זיינען געווען אנגעשטעלט אין דעם אייבער־שטען פאלאסט. זיי האבען געהאט אלעס וואס זיי האבען געדארפט און אויך גרויס כבוד דערצו. און געהאט האבען זיי די אלע זאכען, ווייל זיי זיינען געווען די ערציהער פון אידישען פאלק, אבער אז דאס אידישע פאלק איז פערטריי־בען געווארען האבען די כהנים אויך אלעס פערלארען.

## 79
# געאַרבייט פאַר'ן טייוועל

אַן אָרימאַן איז געקומען אין אַ דאָרף און האָט דאָרט געוואָלט איבערנעכטיגן. זיינען דאָרט געווען צוויי קרעטשמעס. איינע האָט געהאַלטען אַן איידעלער מענש מיט אַ גוטן האַרץ, און די אַנדערע האָט געהאַלטען אַ שלעכטער מענש און אַ קאַרגער. דער אָרימאַן ווייס ניט, פאַלט ער גראַדע אַריין צו דעם שלעכטען און בעט ער זאָל איהם געבען אָבּעסען און אַ נאַכטלעגער. זאָגט צו איהם דער קרעטשמער: „איך וועל דיר געבען עסען און דו קענסט ביי מיר שלאָפען, אָבער דו מוזט דערפאַר טאָהן אַ ביסעל אַרבייט.“ דער אָרימאַן איז געווען צופריעדען און האָט געטאָהן אַלע אַרבייט וואָס מען האָט איהם געהייסען. און ווען ער האָט זיין אַרבייט געענדיגט, האָט דער קרעטשמער געזאָגט צו איהם:

„יעצט געה אַריין אין יענער קרעטשמע און שטעל זיך אַוועק ביים טיהר, וועט מען דיך גלייך אַריינרופען אינעווייניג. איך האָב שוין דאָרט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל דיר געבען אַ גוטע וועטשערע און אַ בעט צו שלאָפען.“

דער אָרימאַן איז אַהין אַוועק. עס פערשטעהט זיך, אַז ער האָט געמיינט אַז די אַנדער קרעטשמע געהערט אויך צו דעם זעלבען מאַן. דאָרט האָט מען איהם קיין פראַגעס ניט געשטעלט, מען האָט איהם געגעבען עסען און טרינקען מיט אַ ברייטער האַנד און אַ ווייכען געלעגער צו שלאָפען.

אויף מאָרגען איז דער אָרימאַן געקומען צו דעם רשע, איהם בעדאַנקען פאַר'ן עסען און פאַר'ן נאַכטלעגער. האָט דער רשע געזאָגט צו איהם: „אויב דו ווילסט קענסטו ביי

מיר ווייטער פערבלייבען ארבייטען און דו וועסט קריגען עסען און א בעט.״

דעם ארימאן איז דאס געפעלען געווארען. ער האט געארבייט פאר'ן שלעכטען קרעטשמער און געגעסען און גע־שלאפען האט ער ביי דעם גוטען. אין עטליכע טעג ארום, אז ער האט זיך צורעדט מיט איינעם פון די דארפסלייט, האט איהם יענער אויסגעזאגט זיין טעות: „דו ארבייטעסט פאר'ן טייוועל, און עסען עסטו ביי א מלאך. ווען דו וואלסט לכתחילה געגאנגען גלייך צו דעם גוטען קרעטשמער, וואלסטו ניט געדארפט ארבייטען פאר'ן שווארץ יאהר אומזיסט און אומנישט.״

## נמשל

דאס איז א משל אויף דעם פסוק „מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול״. א מענש בעקומט פון דעם אייבערשטען ווי־פיעל עס איז איהם בעשערט, אין ארימען אדער אין רייכען אופן. אבער דער מענש ארבייט אריבער די כחות, ווערט פארשווארצט ארבייטענדיג, און ער מיינט אז דורך זיין אר־בייט און פלייס האט ער זיך ערווארבען וואס ער האט.

## 80

# די צוויי שותפים

א הינקעדיגער און א טויבער, וועלכע זיינען ארומגע־גאנגען איבער די הייזער, האבען געמאכט שותפות. דער הינקעדיגער האט זיך ארויפגעזעצט אויף דעם טויבענס פליי־צעס און ביידע זיינען אזוי ארומגעגאנגען איבער'ן שטאדט פון הויז צו הויז בעטלען. מענשען וואס האבען געזעהן די

צוויי קאליקעס צוזאמען האבען בעקומען אויף זיי גרויס רחמנות און מען האט זיי געגעבען א סך קליינגעלד.

איינמאל געהען די צוויי שותפים פערביי א הויז וואו עס איז געווען א חתונה. דער הינקעדיגער האט געהערט די כלי־זמר שפיעלען, האט זיך איהם געוואלט טאנצען. אבער ווי קען ער טאנצען, אז ער האט ניט קיין פיס? און דער טויבער, נעבעך, האט די מוזיק גאר ניט געהערט. „טאנץ א ביסעל, שפרינג א ביסעל, עס איז מיר פרעהליך!" האט דער הינקעדיגער געשריען צום טויבען. אבער דער טויבער — ניט ער הערט איהם, ניט ער הערט די כלי־זמר. וואס טוהט דער הינקעדיגער? קויפט ער א פלעשעל שטארקע משקה און גיט דעם טויבען א זופּ צו טאהן. דער טויבער פערזוכט די משקה, ווערט ער א ביסעל פרעהליך און זיינע פיס הויבען זיך צום טאנצען. דער הינקעדיגער גיט איהם נאך א זופּ און נאך א זופּ, ביז דער טויבער האט גענומען טאנצען מיט אלע כחות, און דער הינקעדיגער, וואס איז געזעסען ביי איהם אויף די פּלייצעס, האט זיך אויך געהויבען ארויף און אראב. און אזוי האבען זיי ביידע געטאנצט. דער הינקעדיגער צו־ליעב די מוזיק און דער טויבער צוליעב די משקה.

## נ מ ש ל

אן ענליכער משל איז דא אויך אין תלמוד. דאס מיינט דעם גוף מיט דער נשמה. איינער אהן דעם אנדערען קען ניט זינדיגען, און דערפאר שטראפט מען די נשמה פאר די זינד פון דעם גוף, ווייל זיי זיינען גלייכע שותפים אין אלעם וואס זיי טוהען.

## 81

# דער נאַרישער יעגער

אַ לעהרער, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט צו לערנען מיט דעם זוהן פון אַ רייכען מאַן, איז איינמאָל ארוים מיט זיין תלמיד אויף יאַגד אין וואַלד. דער אינגעל האָט דערזעהן אַ פוקס, האָט ער איהם גענומען נאָכלויפען. לויפענדיג האָט דער אינגעל אריבערגעיאָגט דעם פוקס און איז געלאָפען נאָך ווייטער.

„וואוהין לויפסטו?" האָט דער לעהרער געפרעגט.

„איך לויף נאָכ'ן פוקס," האָט דער תלמיד געענטפערט.

„דו, נאַרישער יונג!" האָט דער לעהרער אויסגערופען. „ביז דו לויפסט נאָך דעם פוקס, נאָר ענטלויפסט פון איהם, און וואָס שנעלער דו מיינסט אַז דו לויפסט נאָך איהם, אַלץ מיהר דערווייטערסטו זיך פון איהם."

און דער אינגעל האָט זיך פערשעהמט.

### נ מ ש ל

אַ סך יאָגען זיך נאָך כבוד, אָבער אנשטאָט אָנצויאָגען דעם כבוד לויפען זיי איהם אריבער און דערווייטערען זיך פון איהם. אַ סך יאָגען זיך נאָך געלד, ווייל זיי מיינען אַז מיט אַ סך געלד וועלען זיי קענען לעבען רוהיג און געניסען מעהר פערגניגענס, אָבער ווען זיי האָבען שוין דאָס געלד קאָרגען זיי דאָס אויסצוגעבען און האָבען פון דעם קיין הנאה ניט, און זיי לעבען ניט בעסער פון אַן אָרימאַן.

## 82
# די צוויי חזנים

אין א שטערטעל איז איינמאל אויף שבת געקומען א גרויסער חזן דאוונען. ער איז באמת געווען א גוטער מנגן און האט געהאט א שעהנע שטימע; אבער דאס מאל האט זיך איהם ניט איינגעגעבען, ווייל ער האט ניט געפיהלט אמבעסטען. אז מען האט איהם אויסגערעדט דאס דער „תקנת שבת“ איז ביי איהם ארוים אהן די געוועהנליכע מתיקות, האט ער צוגעגעבען און געזאגט: „איך האף אז דעם צווייטען מאל וועל איך בעסער דאוונען.“ און ער האט גארניט פעראיבעל געהאט וואס מען האט איהם אויסגערעדט.

דעם אנדער שבת האט אין דער זעלבער שוהל געדא־ווענט אן אנדער חזן, וועלכער האט געהאט א זעהר שלעכטע שטימע און נאך ערגער איז געווען זיין „עברי“. און ווען ער האט געזעהן אז דער עולם איז ניט צופריעדען מיט זיין דאוונען, איז ער געווארען בייז און האט געשריען אז קיינער איז קיין מבין ניט, אז באמת איז ער א גרויסער קינסטלער, נאר די מענשען פון דער שטעדטעל זיינען גראבע יונגען און פערשטעהען ניט ווי אבצושאצען א גרויסען קינסטלער.

דען אזוי איז די נאטור פון מענשען: דער אמת'ער קינסטלער וועט קיינמאל ניט פעראיבעל האבען אז מען צייגט איהם אז א פעהלער אין זיין ארבייט. ער וועט אליין מודה זיין אויף דעם פעהלער. אבער איינער וואס איז א קאליקע אין זיין ארבייט, וועט ענטפערען מיט חוצפה אויב מען וועט אנצייגען עפעס א פעהלער.

נ מ ש ל

אזוי איז אויך מיט דעם צדיק און דעם רשע. אז דער צדיק בעגעהט אמאל א זינד וועט ער צוגעבען אז ער האט נים ריכטיג געטאהן; אבער דער רשע וועט אפילו ביים טיהר פון גיהנום נים צוגעבען אז ער האט געזינדיגט.

## 83

# א שטאדט מיט קרובים

אז ארימער אינגעל איז געקומען פון א ווייטען ארט זוכען ארבייט אין א גרויסער שטאדט. א בעל־הבית האט איהם צוגענומען צו זיך פאר א משרת. דער אינגעל איז געוועזען א פלייסיגער ארבייטער, אבער ער איז געוועזען א ביסעל נאריש, עס האט איהם געפעהלט שכל. איינמאל געהט ער ארויס שפאציערען איבער'ן שטאדט, האט איהם אריינגערופען אן אנדער בעל־הבית און געזאגט צו איהם:

„דו ווייסט, מיין בחור'ל, מיר זיינען דאך קרובים. זיץ א ביסעל ביי מיר און לאמיר פערברענגען די צייט." דער אינגעל האט זיך דערפרעהט וואס ער האט געפונען א קרוב און איז געבליבען זיצען. נאכדעם בעט איהם דער קרוב, אז ער זאל טאהן פאר איהם א שטיקעל ארבייט אין הויז. דער אינגעל האט עס געטאהן זעהר גערן. און פון דאן אן פלעגט דער אינגעל קומען גאנץ אפט צו זיין „קרוב" און טאהן ביי איהם אלערליי הויז־ארבייט.

אנדערע מענשען האבען זיך דערוואוסט פון דעם נארישען אינגעל, ווי ער האט ליעב צו ארבייטען פאר קרובים אומזיסט, האבען זיך באלד געפונען נאך קרובים, וואס האבען דעם אינגעל איינגעלאדען צו זיך צוגאסט, און דערווייל

האבען זיי איהם געגעבען ארבייט. די משפחה איז געוואקסען און געוואקסען, ביז דער אינגעל האט קיין צייט ניט געהאט צו ארבייטען פאר זיין בעל־הבית און ער פלעגט שטענדיג ארומלויפען צו זיינע „קרובים" און זיי אבגעבען זיין גאנצע צייט.

איינמאל פרעגט איהם דער בעל־הבית, ווארום ער איז קיינמאל ניטא אין דער היים. ענטפערט דער אינגעל: „וואס זאל איך טאהן? אז איך האב א גאנצע שטאדט מיט קרובים, און א קרוב איז דאך א מצוה צו העלפען, עס איז דאך אייגען בלוט און פלייש . . ." און דער אינגעל האט איהם דער־צעהלט ווער עס זיינען די קרובים.

האט זיך דער בעל־הבית צולאכט און געפרעגט:

„זאג מיר, וואס גיבען דיר די קרובים פאר דיין אר־בייט?"

„וואס רעדט איהר?" האט דער אינגעל אויסגערופען. „ביי קרובים וועל איך נעהמען געלד?"

„זאלסט וויסען זיין, מיין בחור," האט דער בעל־הבית ערקלערט, „אז וויבאלד זיי זיינען אזעלכע קרובים וואס נעה־מען דיין ארבייט אומזיסט און דיר גיבען זיי גארנישט, איז א סימן אז זיי זיינען פאלשע קרובים, און דו דארפסט צו זיי מעהר ניט געהן."

## נ מ ש ל

דער מענש גיט אב זיינע טעג און יאהרען פאר עולם הזה. ער בויט הייזער, פאלאסטען; ער זאמעלט פערמעגענס, און ער פערגעסט אז די אלע זאכען וועלען איהם אריבערלעבען. ער מיינט אז ער זאמעלט פאר זיינע קינדער, פאר זיינע אייגענע; אבער זיין פערמעגען פאלט אפט אריין אין די הענד פון פרעמדע. ער איז אזוי ווי יענער אינגעל, וואס האט אוועקגעגעבען זיין גאנצע צייט אומזיסט און אומנישט.

אויף דעם זאגט שלמה המלך: „מה יתרון לאדם בכל עמלו?“
וואס האט דער מענש פון זיין גאנצער פראצע?

## 84

# דער אלטער וועג

אין א אידישער פאמיליע האט עקזיסטירט א גלויבען אז ווען זייערער אן עלטער זיידע איז אנטלאפען פון די קאזאקען, האט ער בעגראבען אן אוצר אונטער א בוים, אויף דעם וועג וואס ציהט זיך פון נעמיראוו קיין טולטשין. איינער פון דער משפחה, א יונגער מאן, וועלכער האט זיך די געשיכטע גוט אריינגענומען אין קאפ, האט זיך אוועקגעלאזט זוכען דעם אוצר. ער איז געגאנגען אין וועג און האט געגראבען אונטער יעדען בוים. געגאנגען און געגראבען אזוי פאר א לאנגע צייט, אבער ער האט דעם אוצר ניט געפונען. ער איז שוין געווען גוט מיעד, אויסגעארבייט, אבער ער האט ווייטער געגראבען און געזוכט.

איינמאל האט איהם בעגעגענט אן אלטער מאן, און זעהענדיג ווי דער יונגער מאן גראבט, האט איהם דער אלטער געפרעגט: „זאג מיר, יונגער מאן, וואס זוכסטו?“

„איך זוך אן אוצר וואס מיין זיידע האט בעהאלטען אויף דעם וועג וואס געהט פון נעמיראוו קיין טולטשין“, האט דער יונגער מאן געענטפערט.

„אויב אזוי וועסטו דעם אוצר קיינמאל ניט געפונען“, האט דער אלטער געזאגט, „ווייל אין דיין זיידענ'ס צייטען איז מען געגאנגען אויפ'ן אלטען וועג, און דער וועג, אויף וועלכען דו זוכסט איז דער נייער, פון וועלכען דיין זיידע האט גארניט געוואוסט...“

### נ מ ש ל

אומזיסט זוכעו אנדערע אידעו אוצרות אויפ׳ן נייעם וועג. די שעהנסטע, די בעסטע אוצרות געפינעו זיך נאר אויפ׳ן אלטעו וועג...

## 85
# אם נעהמט קינד׳ס מעדיצין

א קליין קינד, א וויג־קינד, איז איינמאל שטארק קראנק געווארעו. האט מעו גערופעו פערשיעדענע דאקטוירים, און יעדער דאקטאר האט איהם געגעבעו אן אנדער מעדיציו. אבער דעם קינד האבעו די אלע רפואות ניט געהאלפעו. אדרבה, ער איז נאר ערגער געווארעו. האט מעו געשיקט נאך א גרויסעו פראפעסאר. דער פראפעסאר האט דעם קינד בעטראכט, איבערגעלייענט אלע רעצעפטעו וואס די אנדערע דאקטוירים האבעו איהם פערשריבעו, און נאכדעם האט ער ערקלערט: „די רפואות זיינעו גוט, אבער ניט פאר א קינד. זיי זיינעו צו שארף. זאל מעו די רפואות איינגעבעו צו דער אם וואס גיט איהם צו זויגעו, און דאס קינד וועט די רפואות איינגעהמעו מיט איהר מילך צוזאמעו.“

### נ מ ש ל

איידער אדם הראשון האט געזינדיגט האט די ערד איהם געגעבעו די בעסטע זאכעו צום עסעו, גאר אהן מיה. פון צופיעל וואוילטאג האט אדם געזינדיגט. אבער אנשטאט צו בעשטראפעו אדם׳ן, האט דער אייבערשטער פערשאלטעו די מוטער ערד, אז זי זאל ארויסגעבעו דערנער און קראפעווע, און די שטראף זאל ווירקעו אויף דעם מענשעו.

## 86
# אויסגעהונגערט דעם איידים

איינער, א גרויסער גביר, וועלכער איז געווען זעהר קארג, האט גענומען פאר זיין טאכטער א זעהר פיינעם בחור, א לערנער, א געראטענעם אין אלע פרטים, און דערצו פון א זעהר שעהנער משפחה. דער שווער האט דעם איידים צו־געזאגט קעסט אויף עטליכע יאהר, און דערצו אויך שעהנע קליידער און אלע הצטרכות. אבער אזוי ווי דער שווער איז געווען א קארגער, האט ער דעם איידים אויסגעהונגערט, און קיין נייע קליידער האט ער איהם ניט געקויפט ווען די אלטע האבען זיך שוין אויף איהם צוריסען.

א חוץ וואס דער איידים האט געהונגערט און איז ארומגעגאנגען אבגעריסען, האט ער נאך געמוזט ליידען בזיונות, ווייל זיין שוויגער איז געווען א גרויסע מרשעת און זי פלעגט אויף איהם שרייען און איהם שילטען.

איינמאל האט זיך געמאכט, אז דער שווער האט זיך פארשולדיגט פאר דער רעגירונג און עס האט געהאלטען ביי דעם אז ער זאל קריגען א שווערע שטראף. דער שווער האט געוואוסט אז זיין איידים האט א רייכען פעטער אין אן אנ־דער שטאדט, וועלכער איז געווען זעהר געאכטעט ביי דער רעגירונג, און דער שווער האט זיך געווענדעט צום איידים אז ער זאל אריבערפאהרען צו זיין אנקעל און איהם בעטען אז ער זאל זיך בעמיהען פון זיינטוועגען און זעהן זיך מיט געוויסע רעגירונגס בעאמטע, און בעטען פאר איהם. דער דער איידים האט געפאלגט און איז אוועקגעפאהרען צו זיין רייכען פעטער אויספיהרען די שליחות.

ווי נאר דער יונגער מאן האט זיך בעוויזען אין טיהר

און דער פעטער האט איהם אנגעקוקט ווי ער זעהט אוים בלאס, דאר, און איינגעצויגען, און ווי עס הייננען אויף איהם די אלטע שמאטעס וואס ער האט געטראגען, און ווי די פיס־פיננער שטארצען ארוים פון זיינע צוריסענע שיך, האט ער אויסגערופען: „וואס איז מיט דיר, מיין קינד? ווארום זעהסטו אוים אזוי שלעכט? דו ביזט דאך אויף קעסט ביי א רייכען שווער!“ דער יונגערמאן האט קיין מוט ניט געהאט צו ענטפערען און האט געשוויגען. אבער מענשען וואס זיי־נען דערביי געשטאנען האבען געזאגט:

„מען קען שוין פערשטעהן וואס פאר א גוטע שווער און שוויגער ער האט, ווען ייי האלטען איהם אזוי.“

ווען דער פעטער האט דאס געהערט, און נאכדעם האט ער זיך דערוואוסט וועגען וואס דער שווער האט צו איהם געשיקט דעם יונגען מאן, איז ער געווארען זעהר בייז און האט אויסגעשריען:

„אזא רשע! ער האט נאך די חוצפה צו בעטען פון מיר טובות. אט וועל איך איהם צייגען ווי איך וועל זיך מיט איהם אברעכענען! ער וועט שוין ביי מיר האבען א שווארצען סוף!“

## נמשל

דער ארימאן איז דער איידים וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבען אויף קעסט, אז מיר זאלען איהם שפייזען, קליידען און שיכען. ווען מיר לאזען דעם ארימאן הונגערען און ארומגעהן בארוועס און נאקעט, רעכענט עס אונז דער אייבערשטער פאר א זינד, און ווען מיר קומען צו איהם און בעטען אז ער זאל אונז טאהן טובות, ווערט ער אויף אונז בייז און שיקט אונז צו א שטראף אנשטאט א טובה.

## 87
# דאָס ערגסטע פון אַלעם

א איד, אַ עושר, האָט פערלאָרען זיין גאַנצען פערמעגען און איז געוואָרען אַן ארימאַן. עס איז איהם אויסגעקומען צו געהן איבער די הייזער. האָט ער גענומען זיין ווייב מיט די קינדער און זיי האָבען זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער מדינה. זיי פלעגען זיך אַבשטעלען אין פערשיעדענע שטעדט און קלייבען נדבות. איינמאָל, אין וועג, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אין אַן איינפאָהר־הויז און געמאַכט אַ מאָהלצייט פון טרוקענע ברויט און זויער מילך. דער געוועזענער עושר מיט זיין פרוי האָבען גענומען ריידען פון זייערע גליקליכע יאָהרען, אַמאָל, ווען זיי האָבען געוואוינט אין אַ שעהנע הויז און געהאַט דיענער און דיענסטען. „געדענקסט, מיין מאַן, וואָס פאַר אַ שעהנע זיידענע קליידער איך האָב געטראָגען“, האָט די פרוי געזאָגט. „געדענקסט, מיין פרוי, וואָס פאַר אַ רייכע מאָהלצייטען מען פלעגט ביי אונז גרייטען צום טיש?“ האָט דער מאַן געזאָגט. „און יעצט, זעה, וואָס פאַר אַ שמאַטעס מיר טראָגען אויף זיך — איך שעהם זיך צו קוקען מענשען גלייך אין די אויגען“. האָט די פרוי ווידער געזאָגט.

אין מיטען די רייד האָבען די קינדער אַנגעהויבען זיך צו שלאָגען און צו רייסען די האָאר איינער ביים אַנדערען.

„אַט דאָס, מיין פרוי, איז ביי מיר דער גרעסטער וועהטאָג פון אַלע“, האָט דער מאַן געקלאָגט.

נמשל

ווען מיר זיינען געווען אויף אונזער לאַנד און מיר

האבען בעקומען אונזער השפעה דירעקט פון הימעל, זיינען מיר געווען אזוי ווי קינדער ביים פאטער אויף קעסט. אבער אז מיר זיינען אראב פון אונזער גדולה, זיינען מיר אין גלות, און מיר זיינען צו שאנד און צו שפאט און ליידען אלערליי צרות. אבער די ערגסטע צרה פון אלע איז וואס ביי אונז איז ניטא קיין שלום און קיין אחדות און עס הערשט ביי אונז קריעג און מחלוקת.

## 88

## צוויי ברידער מיט צוויי כוונות

א פאטער האט געהאט צוויי זיהן, וועלכע האבען גע־וואוינט זעהר ווייט פון איהם,ביידע אין איין שטאדט. איי־נער איז געווען רייך, דער אנדערער — אן ארימאן, א קבצן. דער רייכער האט שטארק געבענקט צו פאהרען און זעהן זיין פאטער, אבער זיינע געשעפטען האבען איהם ניט געלאזט. איינמאל האט ער ביי זיך בעשלאסען אז עס מעג זיין וואס עס וויל, ער וועט אוועקווארפען אלע געשעפטען און פאהרען זיך זעהן מיט'ן טאטען.

דער ארימער ברודער, זעהענדיג אז די שלעכטע צייט דריקט איהם זעהר שטארק, און ער האט קיין פרנסה ניט אין דער שטעדטעל וואו ער האט געוואוינט, האט ער זיך גע־טראכט, ער וועט ארויספאהרען איבער דער וועלט, אין ער־טער וואו מען קען איהם ניט, און ער וועט קלייבען נדבות. אבער אזוי ווי ער האט ניט געוואלט אז מען זאל אין שטעד־טעל וויסען וועגען וואס ער פאהרט, האט ער פאר מענשען געמאכט אן אויסרייד: „וועה איז מיר! שוין א לאנגע צייט זיך ניט געזעהן מיט'ן טאטען. איך קען שוין ניט איינרוהען ביז איך וועל פאהרען איהם כאטש אנקוקען!" און זיין

אמת׳ע כוונה איז געווען, אז ער וועט אזוי פאהרען פון שטאדט צו שטאדט און שנארען, דעם גאנצען וועג, ביז ער וועט קומען אין דער שטאדט וואו זיין פאטער געפינט זיך. און אויפ׳ן וועג צוריק וועט ער אויך אזוי טהאן: ער וועט זיך אויך אבשטעלען אין פערשיעדענע שטעדט, און וועט ווי־דער קלייבען געלד.

אט אזוי האט יעדער איינער פון די ברידער געהאט א גאנץ אנדער צוועק מיט זיין רייזע. איינער איז געפאהרען פאר וואוילטאג, ער האט טאקע געוואלט האבען דעם פער־געניגען צו זעהן זיך מיט זיין פאטער, און דער אנדערער איז געפאהרען פאר נויטה, אבער דער זעהען זיך מיט׳ן פא־טער איז ביי איהם געווען בלויז אן אויסרייד.

ווען דער רייכער ברודער האט דערהערט אז זיין ארי־מער ברודער פאהרט אויך, האט ער געשיקט איהם רופען און האט איהם איינגעלאדען צו פאהרען מיט איהם צוזאמען. דער ארימער ברודער איז אפילו ניט געווען זעהר צופרידען צו פאהרען מיט זיין רייכען ברודער צוזאמען, אבער ער האט גערעכענט אז אויפ׳ן וועג וועט ער זיך קענען אב׳גנב׳ענען פון איהם און קלייבען נדבות. האבען זיי ביידע פערלאזען די שטאדט צוזאמען.

צו דערזעלבער צייט האט דער פאטער זיך אויך פער־בענקט נאך זיינע צוויי זיהן און ער איז געפאהרען זיי זעהן.

און ווי נאר די צוויי ברידער זיינען ארויס פון שטאדט האבען זיי זיך בעגעגענט מיט זייער פאטער, וועלכער איז זיי געקומען זעהן.

האט זיך דער רייכער ברודער געפרעהט, ווייל דער גאנ־צער צוועק פון זיין רייזע איז דאך געווען בלויז צו זעהן זיין פאטער, אבער דער ארימער ברודער האט זיך ניט געקענט פרעהען, ווייל זיין צוועק פון דער רייזע איז געווען צו קליי־בען געלד, און ניט זעהן זיין פאטער.

האָט מען שוין דאַן געוואוסט ווער עס איז אַ נגיד און ווער — אַן אָרימאַן, אַ נאָכקרימער, אַ נאָכמאַכער.

נ מ ש ל

דער צדיק עסט און דער רשע פרעסט. דער צדיק פרעהט זיך ווען ער עסט נאָר אַ ביסעל און ווערט שוין זאַט מיט דעם ביסעל, ווייל זיין גאַנצער צוועק איז דאָך צו בעקומען די נויטיגע נאהרונג פאר זיין קערפער. אָבער דער רשע האָט ליעב זיך צו שטאָפּען און צו פּאַקען, און אויב די זאַטקייט קומט איהם איידער ער קען זיך גוט אָנפרעסען, איז ער שטאַרק אונצופרידען.

## 89

## ניט אַלעמען מאַכען קליידער לייטיש

אַמאָל האָבען זיך די אָרימע לייט פון אַ געוויסער שטאָדט מתקנא געווען אַן די רייכע לייט וואָס געהען אָנגע־טהאָן פאַרפּוצט אין שעהנע קליידער, און זיי האָבען אויך אָנגעהויבען צו טראָגען קליידער נאָך דער מאָדע. פערזעצט די קישענס פון צוקאָפּענס, אַבי געגאַנגען נאָך דער מאָדע. און עס איז געקומען אַזוי ווייט, דאָס ווען אַ פרעמדער מענש איז געקומען אין שטאָדט, האָט ער נישט געקענט טרעפען, וואו עס געהט אַ נגיד און וואו — אַן אָרימאַן, ווייל אָרים און רייך האָבען אויסגעזעהן גלייך.

איין מאָל האָט דורך דער שטאָדט געדאַרפט דורכפאָה־רען אַ פאַריזער מאָדיסט, וואָס מאַכט די מאָדעס. האָבען די גבירים געוואָלט איהם אַרויסצייגען כבוד. די אָרימע לייט האָבען אָבער נישט געהאַט נענוג געלד צו דינגען מוזיקאַנטען, זיינען זיי אַרויס מיט גראַגערס, מיט טאַצען און מיט היל־

צערנע פייפעלאד — וואס דאס איז געווען פאר דעם מאַריסט א בעלייזיגונג אנשטאַט א כבוד.

נ מ ש ל

א ווערט קען מען לאַנג נישט נאַרען. דער אמת מוז אמאל ארויסקומען.

## 90

## זיין אָרימקייט ציינט אויף עשירות

איינער איז אמאל געקומען צו גאַסט צו זיינעם א מחותן. האט ער עסענדיג ביי איהם צום טיש געזעהן א סך גאַלדענע און זילבערנע געשיר. דער גאַסט האט געהאַט א חשד, אז די טייערע כלים האט זיין מחותן, דער בעל הבית, געליהען ביי שכנים, אום זיך אויסצופיינען פאר איהם, ווי דער שטייגער איז ביי מענשען, וואס האבען ליעב זיך ארויס־צוציינען גרויס ווען עס קומט א גאַסט.

אין א יאהר, אדער אין צוויי ארום, איז דערזעלבער ווידער געקומען צוגאַסט צו דעם מחותן און ער האט בע־מערקט, אז די הויז זעהט אויס פעראַרימט. דער בעל הבית געהט ארום אן אומעטיגער, א צובראכענער, און ווען מען האט זיך געזעצט צום טיש, האט מען שוין ניט געגעבען די אמאליגע פיינע מאכלים. אויך האבען געפעהלט די טייערע כלים פון גאלד און זילבער. דער גאַסט האט גענומען אויס־פרעגען דעם בעל הבית וועגען דעם וואס ער זעהט אויס אזוי אומעטיג און פערזאָרגט, און אנב האט ער איהם א פרעג געטאהן וועגען די טייערע כלים וואס ער זעהט ניט מעהר אויפ'ן טיש. דער בעל הבית האט זיך פערשעהמט און האט געענטפערט:

„מיין טייערער מחותן! די צייטען האָבען ביי מיר זיך געענדערט. איך בין געוואָרען אַן אָרימאַן, און יענע טייערע כלים וואָס איהר האָט ביי מיר געזעהן פריהער, האָב איך גע־מוזט פערזעצען, ווייל איך האָב געדאַרפט האָבען דאָס געלד אויף צו לעבען. איך שעהם מיך אייך דאָס צו דערצעהלען, אָבער איהר האָט מיך געפרעגט א פראַגע און קיין ליגען קען איך ניט זאָגען."

„איהר האָט זיך גאָרניט וואָס צו שעהמען", האָט דער גאַסט געענטפערט. „אדרבה, מיט דעם וואָס איהר האָט מיר פערטרויט דעם אמת, זייט איהר ביי מיר נאָך פיעל חשוב'ער געוואָרען, ווייל דאָס פאָריגע מאָל, אַז איך בין ביי אייך גע־ווען צוגאַסט, און האָב ביי אייך געזעהן די טייערע כלים אויפ'ן טיש, האָב איך געדענקט אַז דאָס האָט איהר אָנגע־ליהען ביי שכנים, כדי זיך אַרויסצוצייגען גרוים פאַר מיר, ווי די מאָדע איז... אָבער היינט זעה איך, אַז דאָס זיינען געווען אייערע אייגענע כלים, און פון דעם ווייס איך שוין אַז איך האָב א מחותן וואָס איז כאָטש אמאָל געווען אַן אמת'ער נגיד. און אַן עהרליכער אָרימאַן איז פיעל שעהנער ווי צו זיין א קבצן וואָס שפּיעלט די ראָלע פון א נגיד."

נ מ ש ל

ווען א מענש געהט מיט'ן אמת, וועט ער קיינמאָל ניט חרטה האָבען.

## 91
# דרייערליי חולאים

אַ רייכער מאַן, וועמעס קינדער האָבען זיך ניט געפיהרט בדרך הישר, איז אויף זיי בייז געוואָרען, און ער האָט זיי איבערגעלאָזען און איז אַוועק אין אַ ווייטער לאַנד. ער האָט זיך געטראַכט: לאָמיך זיי בעסער ניט אָנקוקען, ניט זיי און ניט זייער אויפפיהר. אַ צייט שפּעטער האָט ער געהערט, אַז זיינע קינדער זיינען קראַנק און זיינען אין סכנה. אַלס אַ פאָטער האָט זיין האַרץ אויף זיי רחמנות געקראָגען און ער האָט צו זיי געשיקט אַ גוטען דאָקטאָר, אַז ער זאָל היילען די וואָס וועלען זיך לאָזען היילען.

ווען דער דאָקטאָר איז געקומען, האָט ער געפונען, אַז ניט אַלע קינדער זיינען גלייכע חולאים, נאָר זיי זיינען צו־טיילט אין דריי קלאַסען. איין קלאַס האָבען געוואוסט אַז זיי זיינען גוט קראַנק און אַז זיי זיינען אין סכנה. און אַז זיי האָבען דערזעהן דעם דאָקטאָר, זיינען זיי איהם אַנקעגען געלאָפען, געוויינט פאַר איהם, זיך געבעטען ביי איהם ער זאָל זיי ראַטעווען. זיי זיינען געווען גרייט איהם אָוועקצו־געבען אַלעס וואָס זיי פערמעגען, ער זאָל זיי נאָר אויסהיילען.

די צווייטע קלאַס האָבען אויך געוואוסט, אַז זיי זיינען גוט קראַנק, אָבער זיי האָבען זיך ניט אַזוי געשראָקען ווי די ערשטע. זיי האָבען ביים דאָקטאָר שטאַרק ניט געבעטען. זיי האָבען איהם אויך ניט צוגעזאָגט קיין געלד און קיין גלי־קען, זיי האָבען צו איהם בלויז געזאָגט: „אויב דו ווילסט זיין אַ גוטער און אונז היילען אומזיסט און די רפואות זאָלען אונז אויך גאָרנישט קאָסטען, דאַן, מהיכא תיתא, קענסטו אונז

היילען און מיר וועלען דיר בעצאָהלען מיט אַ שעהנעם דאַנק..."

די ערשטע צוויי קלאַסען האָט דער דאָקטאָר זיך אַנגענומען צו היילען און זיי צוריק צו מאַכען געזונד. אָבער די דריטע קלאַס האָבען זיך אויסגעלאַכט פון איהם, ווייל זיי האָבען גאַרניט געפיהלט זייער קראַנקהייט און האָבען זיך געהאַלטען פאַר געזונטע מענשען, וואָס זיי פעהלט גאָרניט. אויף דיזער קלאַס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז זיי זיינען פערלאָרען און ער קען זיי ניט העלפען.

האָבען מענשען געפרעגט דעם דאָקטאָר: „וואָרום קענסטו ניט היילען אויך די דריטע קלאַס? דו ביזט דאָך אַזאַ גוטער און דיין קענטשאַפט איז דאָך אַזוי גרויס. האָסטו דאָך געקענט געפינען אַ מיטעל ווי אויך צו העלפען די דריטע קלאַס. וואָס דאַרף דיך אַרען וואָס זיי האַלטען זיך פאַר געזונטע מענשען?"

האָט דער דאָקטאָר געענטפערט: „איהר זאָלט וויסען זיין, אַז די קראַנקהייט איז געקומען צו די מענשען פון דעם וואָס זיי עסען שווערע און אונגעזונטע אכילות. און איינער וואָס וויל זיך אויסקורירען פון דער קראַנקהייט, מוז אויף זיך נעהמען ניט צו עסען קיין שעדליכע אכילות, צום ווענינסטען אין דער צייט פון דער קוראַציע. אָבער אַ חולה וואָס איז אַזוי נאַריש איינגערעדט אַז ער איז גאָר ניט קראַנק, וועלען איהם מיינע רפואות גאָר ניט העלפען. דער עיקר איז דאָך ניט די רפואות, נאָר דער אָבהיטען זיך מיט'ן עסען. און מיינע רפואות וועלען גאַרנישט אויפטאָהן ווען אַ חולה האַלט זיך פאַר געזונט און עסט זאַכען, וואָס זיינען פאַר איהם געפעהרליך."

## נמשל

עס זיינען דאַ ביי אונז אידען אַזעלכע וואָס וויסען אַז זיי זיינען זינדיג, און דעם גאַנצען יאָהר וואַרטען זיי אויף

דעם גוטען דאקטאר, עס הייסט די ימים נוראים. וואס דער אייבערשטער האט אונז צוגעשיקט, אונז ריין צו מאכען פון אונזערע זינד. און אז די ימים נוראים קומען אן, טוהען זיי תשובה מיט'ן גאנצען הארצען, פאסטען תעניתים, און גיבען דעם דאקטאר אלעס וואס זיי קענען. די צווייטע קלאס אידען ווייסען אויך אז זיי זיינען זינדיג, אבער זיי פוילען זיך אויפצושטעהן צו סליחות, זיי ווילען נים זאגען דעם גאנצען מחזור, נאר זיי פערלאזען זיך אויף דער גוטסקייט פון דעם דאקטאר, אז ער וועט זיי דאך אויסהיילען. אט די צווייטע קלאסע אידען איז דער אייבערשטער מוחל און זיין „דאקטאר" היילט זיי אויס. אבער עס איז דא א דריטע קלאס, וואס האלטען זיך גארניט פאר זינדיג, וואס לאכען זיך אויס פון די ימים נוראים און אפילו פון יום כפור. ווי קען זיי דער דאקטאר היילען, אז זיי הערען ניט אויף צו זינדיגען אפילו אין די ימים נוראים, עס הייסט אין דער צייט פון קוראציע?

## 92
## צוויי מאל בעשטראפט

א אינגעל וואס איז געווען א בן־יחיד ביי זיין טאטען האט זיך פערזינדיגט און דער פאטער האט גענומען א שטעקען און האט דעם בן־יחיד געשלאגען מכות רצח. נאכ־דעם האט זיך אין דעם פאטער ערוועקט דער רחמנות־געפיהל אויף זיין אייגענע קינד און פאר גרויס צער, וואס ער האט איהם אזוי געשלאגען, האט דער פאטער גע'חלש'ט.

ווען דער רבי האט זיך דערוואוסט פון דעם, איז ער געקומען צולויפען, האט גענאפט דעם אינגעל און איהם אוועקגעשלעפט אין חדר. דארט האט ער איהם אוועקגעלייגט

אויפ'ן ביינקעל און גענומען שלאגען מיט זיין קאנטשיק.

„וואס ווילט איהר?" האט דער אינגעל געשריען. „מיין טאטע האט מיך שוין געשלאגען!"

און דער רבי האט געענטפערט: „דער טאטע האט דיך געשלאגען פאר דעם וואס דו האסט זיך פערזינדיגט, און איך שלאג דיך דערפאר וואס דו האסט געבראכט צו דעם אז דיין טאטע, וועלכער האט דיך אזוי ליעב, האט דיך געדארפט שלאגען."

נמשל

מיר, אידען, זיינען פריהער געשטראפט געווארען וויל מיר האבען זיך פערזינדיגט און יעצט ווערען מיר געשטראפט דערפאר וויל מיר האבען געבראכט צו דעם, אז דער אייבער־שטער, וועלכער האט אונז אזוי ליעב, האט געדארפט איינ־האלטען זיין רחמנות און אונז שטראפען.

## 93

## די צוויי ארענדארען

צוויי ארענדארען זיינען געווען ביי איין פריץ. ביידע האבען געמאכט שלעכטע געשעפטען און זיינען שולדיג גע־בליבען דעם פריץ א סך געלד. האט ער זיי אנגעקלאגט פאר די חובות. איינער פון זיי האט זיך איינגעבעטען אז דער פריץ זאל איהם געבען די ארענדע אויף נאך א יאהר און אז דער געשעפט וועט זיך פערבעסערען וועט ער ביסלעכווייז אויסצאהלען דעם חוב. דער אנדערער האט זיך פערדונגען צום פריץ אבצוארבייטען פאר'ן חוב.

א צייט שפעטער האט דער פרייער ארענדאר זיך בע־געגענט מיט דעם וואס האט זיך פערקויפט צום פריץ צו אר־בייטען, און ער האט צו איהם געזאגט: „אוי, ברודערקע, ביז

איך דיר מקנא! ביי דיר איז וואס א טאג לענגער ווערט דיין חוב קלענער, און ביי מיר איז פערקעהרט, וואס א טאג מעהר ווערט מיין חוב גרעסער."

נמשל

אזוי איז אויך מיט אונז, אידען. וואס לענגער מיר זיינען אין גלות אלץ קלענער ווערט אונזער חוב, מיט וועלכען מיר האבען זיך פערשולדיגט געגען רבונו של עולם.

## 94
## שוין ניט מעהר א קינד

ביי איינעם איז געווען א קליין קינד, א אינגעלע, וועמען ער האט זעהר ליעב געהאט. גאנץ אפט פלעגט ער דעם אינגעלע נעהמען צו זיך אויפ'ן שויס. דער אינגעלע פלעגט רייסען דעם טאטענס אויערען און איהם צופען די בארד. דער טאטע פלעגט דערביי שטארק אנקוועלען, און ער פלעגט אליין געבען זיין בארד צום קינד אין די הענד, אז ער זאל דאס צופען. און וואס מעהר דאס קינד פלעגט ציהען און שלעפען די בארד, אלץ מעהר הנאה האט געהאט דער טאטע.

ווען דער אינגעלע איז עלטער געווארען האט מען איהם אוועקגעשיקט אין אן אנדער שטאדט לערנען. דארט האט ער אבגעלערנט עטליכע יאהר. ווען ער איז צוריקגעקומען איז ער שוין געווען א היבשער בחור'ל און דער פאטער האט זיך שטארק געפרעהט מיט איהם.

נעהמט דער בחור'ל און זעצט זיך ארויף ביים טאטען אויפ'ן שויס, גיט איהם א ריס פאר'ן אויער און א צופ פאר'ן בארד. דער טאטע ווערט בייז און גיט א געשריי: „וואס איז דאס? אט דאס האט מען דיך דארט געלערנט?"

„איך פערשטעה ניט וואָרום דו ביזט אַזוי בייז?" האָט דער בחור'ל זיך געוואונדערט. „איך געדענק אַז איידער איך בין אַבגעפאָהרען פלעגסטו לאַכען און זיך פרעהען ווען איך פלעג דאָס טאָהן. וואָס ביזטו געוואָרען עפּעס אַנדערש ווי אַמאָל?"

„וואָס פערשטעהסטו ניט?" האָט דער פאָטער געענטפערט. „דאַמאָלס ביזטו נאָך געוועזען אַ קינד, נאָר אָהן שכל. איז דאָס פאַר דיר געוועזען אַ חכמה. אָבער יעצט ביזטו שוין אַ גרויסער אינגעל מיט שכל און דו דאַרפסט וויסען ווי צו עהרען אַ פאָטער."

## נמשל

ווען אַ קינד איז קליין איז ער אַ „ילד שעשועים", אַ שפּיעל־קינד, און זיין יעדע נאַרישקייט איז פעררעכענט פאַר אַ חכמה און מען איז איהם מוחל. אָבער ווען ער ווערט גרעסער איז ער שוין אַ „בן יקיר", אַ ליעב קינד, אָבער מען רעכענט זיך שוין מיט זיין אויפפיהרונג. די אומות העולם זיינען ביי דעם אייבערשטען אויך פערדעכענט פאַר קינדער. אָבער ווייל זיי האָבען ניט געלערנט קיין תורה און זיי ווייסען גאָרנישט, דערפאַר איז ער זיי מוחל זייער שלעכטען אויפפיהר. זיי זיינען ביי איהם פעררעכענט ווי אַ „ילד שעשועים". אָבער מיט אונז, אידען, וועלכע האָבען געלערנט און ווייסען, איז ער זעהר שטרענג, ווי מיט אַ „בן יקיר".

## 95
## ווען אַ קאָנטראַקט גילט

איינער אַ בעל־הבית האָט געוואָלט פאַר זיך בויען אַ נייע הויז. האָט ער זיך געזעהן מיט אַ בוימייסטער און האָט מיט איהם אָבגעמאַכט אַז ער זאָל פאַר איהם בויען די הויז מיט אַזוי פיעל און אַזוי פיעל צימערען, און האָט מיט איהם אויך אָבגעמאַכט אַ מקח פאַר דער גאַנצער אַרבייט, אויך צו וועלכער צייט די הויז מוז זיין פערטיג. און נאָכדעם ווי דער אָבמאַך איז שוין געשלאָסען געוואָרען צווישען זיי, האָט דער בעל־הבית פערצייכענט די הויפּט־קאָנדיציעס פון זייער אָב־מאַך אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער, גאַנץ בקיצור, דהיינו, אַז דער בוימייסטער דאַרף בויען פאַר איהם אַ הויז, אַזוי און אַזוי די לענג, אַזוי די ברייט, אַזוי די הויך, און אַזוי ווייטער, און אַזוי פיעל געלד דאַרף ער בעקומען פאַר זיין אַרבייט.

ווען מען האָט שוין געדאַרפט זיך נעהמען צו דער אַר־בייט, האָט דער בעל־הבית שוין אויסגעשריבען אַ ריכטיגען קאָנטראַקט מיט אַלע פּרטים: נעמליך, די גרויס פון די וואַנט, די גרויס און די צאָהל פון די טיהרען און די פענסטער, ווי דער דאַך זאָל זיין געמאַכט, און אַזוי ווייטער — אַלעס אויס־פיהרליך, ניט פערפעהלענדיג קיין זאַך. ווען עס איז געקומען די צייט, איז די הויז ניט געווען פערטיג. די ווענט זיינען געווען, דער דאַך אויך, אָבער דער דאַך איז ניט געווען פון אויבען, איבער דער הויז, נאָר ער איז געשטאַנען אַ פערטיגער אויף דער ערד. און די טיהרען, ווי אויך די פענסטער, זיינען אויך געווען פיקס און פערטיג, נאָר זיי זיינען אויך געלעגען אויף דער ערד. עס הייסט, אַלע טיילען פון דער הויז זיינען געווען פערטיג, נאָר מען האָט זיי ניט צוזאַמענגעשטעלט.

האט דער בעל־הבית געזאגט צום בוימייסטער: „די הויז איז דאך נאך קיין הויז נים — עס איז נאך נים אינגאנצען פערטיג!“

„איך האב געטאהן אלעס וואס איז אויסגעשריבען אין קאנטראקט,“ האט דער בוימייסטער געענטפערט. „די ווענט זיינען ווי אין קאנטראקט, דער דאך איז ווי אין קאנטראקט, די טיהרען און די פענסטער זיינען אויך ווי אין קאנטראקט, היינט וואס ווילט איהר פון מיר?“

„אבער,“ האט דער בעל־הבית גע'טענה'ט, „איהר האט טאקע געמאכט די טיילען פון דער הויז ווי אין קאנטראקט, אבער איהר האט די טיילען נים צוזאמענגעשטעלט!“

„וועגען צוזאמענשטעלען איז גארנים דערמאנט אין דעם קאנטראקט,“ האט דער בוימייסטער געענטפערט.

„אבער אין דעם ערשטען קאנטראקט איז דאס געווען דייטליך געזאגט, אז איהר דארפט מיר בויען א הויז, נים בלויז ווענט מיט א דאך און טיהרען מיט פענסטער.“

„יענעם קליינעם קאנטראקט האט איהר דאך צוריסען,“ האט דער בוימייסטער געענטפערט, „און נאכדעם האט איהר געמאכט א צווייטען קאנטראקט, און אלעס וואס עס איז דא אין דעם צווייטען קאנטראקט האב איך ריכטיג ערפילט.“

נ מ ש ל

מיט אן עהרליכען מאן איז א קאנטראקט גאר נים נויטיג, אבער מיט א שווינדלער העלפט א קאנטראקט אויך נים.

## 96
# דער פויער און דער טייערער פראַק

א פויער איז געקומען אין שטאָדט קויפען זאַכען. עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער־טאָג. דער פויער האָט אויף זיך געטראָגען אַ וואַרימען פעלץ און אונטער׳ן פעלץ האָט ער געטראָגען אַלטע אָבגעטראָגענע מלבושים, טיכער און נאָד שמאַטעס, אום עס זאָל איהם זיין וואַרם. אַז ער איז פערביי־געגאַנגען אַ געשעפט פון קליידער, און ער האָט דורך אַ פענ־סטער געזעהן וואָס פאַר אַ שעהנע מלבושים דאָרט איז צו פערקויפען, האָט ער זיך געטראַכט: ווען איך טוה מיר אַז אַ שוואַרצען פראַק, אַזאַ ווי דער וואָס העננט דאָרט, וואָלט איך דאָך אויסגעזעהן ווי אַ פּראַנט, אַ פריץ . . .

איז דער פויער אַריין אין דעם קליידער־געשעפט און געזאָגט צום בעל־הבית: „איך וויל קויפען אַ שוואַרצען פראַק, אַזאַ ווי די גרויסע לייט טראָגען.“

דער קליידער־הענדלער איז געווען אַ געניטער מענש. ווען ער האָט נאָר אַ קוק געטאָהן אויף אַ מענשען האָט ער גלייך געוואוסט וואָס פאַר אַ מאָס ער דאַרף האָבען. האָט ער אויסגעקליבען אַ פראַק לויט דעם פויער׳ס מאָס און האָט איהם אַריינגעפיהרט אין אַ זייטיגען צימערעל, כדי ער זאָל דעם פראַק דאָרט אָנמעסטען.

דער פויער האָט ניט געוואוסט אַז אויב מען וויל אָנ־מעסטען אַ נייעם בגד דאַרף מען פריהער אַראָבנעהמען פון זיך דעם אַלטען בגד. האָט ער גענומען אַרויפציהען אויף זיך דעם פראַק איבער דעם פעלץ און איבער אַלע שמאַטעס, וואָס ער האָט געטראָגען אויף זיך. אָבער עס געהט ניט! ער קען אין דעם פראַק ניט אַריין. האָט ער גענומען שרייען צום

בעל־הבית פון געשעפט ער זאל אריינקומען אין דעם ציר מערעל. דער קליידער־הענדלער קומט אריין און זעהט ווי דער פויער רייסט אויף זיך דעם פראק און מאטערט זיך איהם ארויפצוציהען אויף זיך. און דער פויער שרייט: „וואס פאר א פראק האסטו מיר געגעבען? דו ווילסט חוזק מאכען פון מיר? דאס איז דאך גארניט מיין מאס!“

„ניט איך מאך חוזק פון דיר,“ האט דער קליידער־הענדלער געענטפערט, „נאר דו אליין מאכסט חוזק פון זיך. ווער טוהט עס אז א פראק איבער א פעלץ מיט אזוי פיעל שמאטעס? דער פראק איז ריכטיג דיין מאס, און עס וועט דיר גוט פאסען ווען דו וועסט פון זיך פריהער אראבנעהמען דעם פעלץ מיט דיינע אלטע שמאטעס.“

## נ מ ש ל

די תורה און די מצוות, וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבען, האט ער צוגעפאסט ריכטיג צו אונזער מענשליכער נאטור און אונזערע פעהיגקייטען. אבער מיר נעהמען אויף זיך ארויף אלערליי שמאטעס, שלעכטע זיטען און זינד. און דאן קלאגען מיר זיך אז די תורה איז ניט פאר אונזער מאס, אז עס קליידט אונז ניט. לאמיר צוערשט אראבווארפען די שמאטעס און דאן וועט שוין די תורה זיין ווי אויסגעגאסען אויף אונז!

## 97
## ווען איהם איז גוט, וויינט ער

ביי איינעם א גרויסען גביר האט מען צוגענומען אין סאלדאטען זיין בן־יחיד, זעהר א געצערטעלטען און אן איידע־לען בחור׳ל. אין קאזארמע האט מען איהם געצוואונגען צו טאהן די ערגסטע און די שמוציגסטע ארבייט, ווי רייניגען און וואשען די דילען און עהנליכע ארבייט. א גאנצען טאג איז דער בחור׳ל ארומגעגאנגען שמוציג, מיט בלאטע אויף די קליידער, אבער ער האט זיך ביי זיין ארבייט געטרייסט מיט דעם געדאנק, דאס ווען עס וועט ווערען נאכט, וועט ער זיך קענען ארומוואשען, אנטאהן ריינע קליידער, און פיהלען ווי א מענש.

אבער ביינאכט, נאכדעם ווי ער פלעגט זיך ריין מאכען און אנטאהן ריינע קליידער, פלעגט ער טראכטען פון דעם וואס אויף מארגען וועט ער דארפען ווידער טאהן שמוציגע ארבייט און אנטאהן אויף זיך די פערבלאטיגטע ארבייטס־קליידער, און ער פלעגט אזש וויינען פון פערדרוס.

### נמשל

אזוי איז מיט דעם אידען. א גאנץ יאהר איז ער פער־טראגען אין עולם הזה. ער ווערט פול מיט פלעקען פון זינד. אבער ער טרייסט זיך מיט דעם געדאנק, אז ווען יום־כפור וועט קומען וועט מען איהם מוחל זיין אלע זיינע זינד און ער וועט ווידער ווערען ריין. און מיט דעם געדאנק טרייסט ער זיך.

אבער אז עס קומט יום־כפור, און ער פיהלט זיך שוין ריין פון אלע חטאים, וויינט ער מיט ביטערע טרעהרען ווען

ער דערמאנט זיך אז באלד וועט ער ווידער ווערן אנגע־
טאהן אין די פערבלאטיגטע קליידער . . .

## 98

# ווען א נאר שאקעלט זיך...

א רייכען עם־הארץ, א דארפס־מאן, האט זיך פערוואלט
צו האבען אן אתרוג מיט א לולב אויף סוכות, אזוי ווי עס
האבען אלע פיינע בעלי־בתים אין שטאדט. וואס זאל ער
אבער נעבעך טאהן אז ער וויים ניט ווי צו שאקלען דעם
לולב? האט ער נאך מיט עטליכע וואכען פריהער, באלד
ווי עס איז געקומען דער חודש אלול, זיך געדונגען אן ארי־
מען מלמד, אז ער זאל איהם לערנען. דער מלמד פלעגט זיך
שלעפען צום ישוב'ניק יעדען טאג אין דארף, און מיט איהם
דארט קנעלען, ביז ער האט איהם אויסגעלערנט ווי צו שאקלען
דעם לולב אין אלע פיער זייטען, און ארויף און אראב.

סוכות איז דער ישוב'ניק געקומען אין שטאדט און איז
אריין אין שוהל מיט גרוים גאוה, טראגענדיג זיין לולב און
זיין אתרוג אין א זילבערנער פושקעלע. אבער צו הלל, ווען
דער ישוב'ניק האט אנגעהויבען צו שאקלען זיין לולב, האט
דער גאנצען עולם אויסגעבראכען אין א געלעכטער. דער
ישוב'ניק קוקט און וואונדערט זיך: וואס לאכט דא דער
עולם? דאכט זיך ער שאקעלט אזוי ווי דער מלמד האט
איהם געלערנט. אבער דער מלמד האט איהם געלערנט ביי
איהם אין דער היים, און אין שוהל האט זיך דער ישוב'ניק
א ביסעל צומישט, און אנשטאט צו שטעהן מיט'ן פנים
צו מזרח, האט ער זיך געשטעלט פערקעהרט, מיט'ן פנים
צום עולם, צו מערב . . . און דערפאר זיינען ביי איהם די
נענועים ארוים פערקעהרט. ווען אלע בעלי־בתים האבען גע־

שאקעלט צו צפון האט ער געשאקעלט צו דרום, און ווען אלע האבען געשאקעלט צו מערב האט ער געשאקעלט צו מזרח.

נמשל

מיר אידען דאווענען פון סידור אזוי ווי דער מלמד האט אונז געלערנט, אבער דער דאווענען קומט ביי אונז אויס פער־קעהרט. בעת מיר זאגען די ווערטער פון סידור טראכט אונזער קאפ פון געשעפט און פון אנדערע זאכען, און מיר שטעהען אבגעקעהרט פון דעם אייבערשטען, אזוי ווי יענער ישוב'ניק...

## 99

## דער סאַרוועך

א איד וואס איז געווען אהן פרנסה האט זיך איינמאל מיישב געווען, אז ער וועט ווערען א סארוועך, ווייל א סאר־וועך איז דאך א גוטע זאך: אז ער גיט אנדערע מענשען עסען כאפט ער דאך פאר זיך אויך א ביסען. אבער אזוי ווי יעדע זאך דארף מען צוערשט קענען, האט ער זיך פריהער גענומען לערנען ביי אן אנדער סארוועך, און יענער האט איהם געזאגט וואס מען דערלאנגט צוערשט און וואס צולעצט. פיש, למשל, אדער הערינג דערלאנגט מען צוערשט, נאכדעם דער־לאנגט מען פלייש, און אזוי ווייטער. און אז דער נייער סארוועך האט געדענקט אז ער קען שוין די גאנצע מלאכה ווי געהעריג איז, איז ער געגאנגען און זיך פעדונגען צו זיין א סארוועך אויף א גביר'ישער חתונה.

דארט זיינען אויך געווען א פאר אנדערע סארוועכס, און איהם, דעם נייעם סארוועך, האט מען אבגעגעבען צוויי טישען צו בעדינען. צוערשט האט מען איהם איז קיך גע־געבען א גרויסע שיסעל מיט געפילטע פיש און א קלענערע

שיסעל מיט חריין. האט ער פון אנפאנג ניט געוואוסט וועלכע טיש ער זאל סערווירען פריהער, ווייל זיין רבי האט איהם קיינמאל ניט געלערנט ווי צו סערווירען צוויי טישען. איז איהם איינגעפאלען אזוי: אויף איין טיש האט ער אוועקגעשטעלט די שיסעל פיש און אויף דעם אנדערען טיש די שיסעל חריין. נאכדעם האט מען איהם איז קיך געגעבען א גרויסע שיסעל מיט פלייש און א קלענערע שיסעל מיט זענעפט. האט ער די פלייש אוועקגעשטעלט אויף איין טיש און די זענעפט אויף דעם אנדערען טיש. האבען די געסט פון דעם אנדער טיש אנגעהויבען אויף איהם צו שרייען: „פארוואס שטעלסטו אוועק אלע גוטע זאכען אויף יענעם טיש און אונז דערלאנגסטו אלעס זויערעס און ביטערעס?"

נמשל

דעם נאר העלפט ניט לערנען.

## 100

## דער בעל טובה

אמאל זיינען געווען צוויי ברידער. איינער איז געווען א קלוגער, דער אנדערער א נאר. זייער פאטער האט זיי איבערגעלאזען א ירושה, אז זיי זאלען צווישען זיך צוטיילען אויף גלייכע חלקים. האט דער קלוגער אבגענארט זיין נארישען ברודער און האט ביי איהם ביסלעכווייז אויסגעשווינדעלט זיין גאנצען חלק ירושה.

דער נארישער ברודער איז געווארען אזוי ארים, דאס ער האט ניט געהאט פון וואס צו לעבען און ער פלעגט מוזען אנקומען צום קלוגען ברודער, ער זאל איהם אויסהעלפען איז א נויט, אדער ווען ער האט געדארפט חתונה מאכען א

טאכטער, אדער אין א פאל פון קראנקהייט. דער קלוגער ברודער, וואס האט איהם בעשווינדעלט, פלעגט איהם יעדען מאל אויסהעלפען, וויל אין הארצען האט ער געוואוסט אז ער גיט איהם וואס איהם קומט, ניט קיין געשענקטעס.

אין א צייט ארום איז דער נארישער ברודער געקומען צום שכל און האט זיך ארומגעזעהן אז זיין ברודער האט איהם בעשווינדעלט. האט ער איהם פערקלאגט ביים רב, און דער רב האט גע'פסקנ'ט, אז דער קלוגער מוז זיין נארישען ברודער אויסצאהלען זיין גאנצען חלק ירושה. „אבער, רבי," האט דער שווינדלער גע'טענה'ט, „איך האב דאך איהם די גאנצע צייט אזוי פיעל געלד געגעבען, אזוי פיעל אויסגעהאלפען, זאל ער דאס מיר יעצט אומקעהרען, אדער ארונטעררעכענען."

„אט פאר די טובות וואס דו האסט איהם געטאהן קומט דיר נאך א גרעסערע שטראף," האט דער רב געענטפערט. „פריהער האסטו איהם געטאהן אן אונרעכט, וואס דו האסט איהם בערויבט און בעשווינדעלט, אבער נאכדעם האסטו בעגאנגען געגען איהם א גרעסערע עולה מיט דעם וואס דו האסט איהם אזוי ערנידעריגט און געמאכט צו גלויבען אז ער לעבט נאר פון דיינע נדבות."

נמשל

א סך זיינען דא אזעלכע וואס נאכדעם ווי זיי בערויבען זייער ברודער ווארפען זיי איהם צו א נדבה!

## 101
# אַ הונגעריגען דאַרף מען ניט בעטען.

ביי איינעם איז קראַנק געוואָרען אַ זוהן און די הויפּט־קראַנקהייט זיינע איז געווען וואָס ער האָט פערלאָרען זיין אַפּעטיט און האָט גאָרנישט געוואָלט נעהמען אין מויל. דער פאָטער איז אַרומגעגאַנגען שטאַרק בעזאָרגט וואָס זיין זוהן עסט גאָרנישט. ער האָט מורא געהאַט אַז ער וועט אויסגעהן פאַר הונגער.

דער פאָטער האָט אַראָבגעבראַכט אַ גרויסען דאָקטאָר, אַ מומחה, און דער דאָקטאָר האָט געגעבען דעם חולה אַ מעדיצין. האָט אָבער דער חולה דאָס ניט געוואָלט נעהמען. דער דאָקטאָר האָט זיך ביי איהם געבעטען, איהם ערקלערט ווי נויטיג עס איז אַז ער זאָל די מעדיצין איינגעהמען, אָבער דער קראַנקער האָט זיך איינגע׳עקשנ׳ט און ניט געוואָלט. יעדען טאָג האָט דער דאָקטאָר פּרובירט איהם איינגעבען, אָבער דער חולה האָט געזאָגט, אַז פאַר קיין געלד וועט ער ניט נעהמען עפּעס אין מויל. „בלויז דיזען מאָל, בלויז איין מאָל," האָט דער דאָקטאָר זיך ביים חולה געבעטען.

„שווער מיר אַז בלויז דיזען מאָל און מעהר וועסטו מיך ניט בעטען צו נעהמען עפּעס אין מויל, ניט דו און ניט קיינער!" האָט דער חולה געזאָגט.

דער דאָקטאָר האָט איהם געמוזט שווערען אַז ניט ער און ניט אַן אַנדערער וועט איהם בעטען צו נעהמען עפּעס אין מויל. און דאַן האָט דער חולה איינגענומען די רפואות.

דער דאָקטאָר איז געווען צופריעדען. אָבער דער פאָטער פון דעם חולה איז געווען שטאַרק אונצופריעדען. „וואָס האָט איהר געטאָהן?" האָט ער גע׳טענה׳ט צום דאָקטאָר.

„איהר האט איהם געשוואָרען אז קיינער וועט איהם ניט בעטען עסען. יעצט וועט ער דאך זיכער אויסגעהן פאר הונגער."

„אבער איך פערזיכער אייך אז יעצט וועט אייער זוהן געזונד ווערען פון דער רפואה."

„וואס פאר א טרייסט איז דאס מיר?" האט דער פא־טער געפרעגט. „וואס וועט זיין אז ער וועט געזונד ווערען, ווען מיר וועלען איהם ניט קענען בעטען אז ער זאל עפעס נעהמען אין מויל צו דערהאלטען זיין נשמה?"

„וואס פערשטעהט איהר ניט?" האט דער דאקטאר ער־קלערט. „אייער זוהן האט די גאנצע צייט ניט געוואלט עסען ווייל ער איז געווען זעהר קראנק, און מען האט איהם גע־דארפט שטארק בעטען. אבער יעצט, אז ער וועט ווערען גע־זונד, וועט מען איהם גארניט דארפען בעטען אז ער זאל עסען. ער וועט אליין בעטען עסען. ער וועט שרייען מען זאל איהם געבען עסען!"

## נ מ ש ל

ווען דער אייבערשטער זעהט אז אידען פיהרען זיך ניט אין א גלייכען וועג, שיקט ער זיי זיינע נביאים, וואס זאגען זיי מוסר. אבער ווען אידען זיינען גייסטיג געזונד, עס הייסט זיי זיינען גוט און פרום, דארפען זיי שוין ניט אז נביאים זאלען זיי קומען און זיי דערמאנען צו געהן בדרך הישר. זיי אליין נעהמען זיך אויף א גלייכען וועג.

## 102
# דער רייך געוואָרענער מחותן

איינער אַ רייכער מאַן האָט גענומען פאַר זיין טאָכטער אַ ישיבה־בחור, אַ וואויל־לערנער, פון אָרימע עלטערן. מען האָט אָבגעמאַכט אַז די חתונה זאָל זיין אין אַ יאָהר אַרום, ווען דער זוהן וועט בעקומען סמיכה. אין דער צייט האָט דער אָרימער מחותן בעקומען אַ גרויסע ירושה און איז געוואָרען זעהר רייך. האָט ער געזאָגט צו דער כלה'ס פאָטער: „אַזוי ווי איך בין יעצט אין שטאַנד צו געבען, וועל איך אויך געבען עטליכע טויזענד צו די נדן."

ווען עס איז געקומען די צייט פון איינלייגען דעם נדן, האָט דעם חתן'ס פאָטער הרטה בעקומען און האָט געזאָגט אַז ער וועט ניט געבען. האָט איהם דער כלה'ס פאָטער גע־לאַדען צום רב אויף אַ דין תורה. „סטייטש, מחותן!" האָט דער כלה'ס פאָטער גע'טענה'ט. „איך קען דאָס גאָר ניט פערשטעהן, אַז איהר זאָלט ניט האַלטען אייער וואָרט."

האָט איהם דעם חתן'ס פאָטער געענטפערט: „און איך קען גאָר ניט פערשטעהן וואָס פאַר אַ טענות איהר האָט צו מיר. פאַרוואָס זאָל איך אויך געבען נדן? איהר האָט דען עפּעס געטאָהן אַ שידוך מיט אַן עושר? ווען מיר האָבען געשריבען די תנאים בין איך גאָר געווען אַן אָרימאַן, אַ קבצן, און אַז איך בין נאָכדעם רייך געוואָרען, טאָ וואָס אַרט דאָס אייך?"

### נמשל

אַזוי האָט דוד המלך גע'טענה'ט צום אייבערשטען: „זכור עדתך קנית קדם"—געדענק דיין פאָלק וואָס דו האָסט

זיך געקויפט אַמאָל, אין יענע צייטען, וועז מיר זיינען געוועזען אָרים און געמיין, קנעכט ביי פּרעה׳ן אין מצרים, און וועז אַפילו מיר זיינען נאכדעם רייך געווארען, בעקומען אַ תורה מיט אַ לאַנד, האסטו, רבונו של עולם, עפּעס צוגעלייגט צו דעם עסק?"

## 103
## לויט דעם טרויער, אַזוי די פרייד

איינער אַ סוחר איז אוועק פון דער היים וועגען מסחר. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ ידיעה איז זיין שטאָדט אַז ער איז אויפ׳ן וועג דער׳הרג׳עט געווארען. זיינע פרוי און קינדער, זיינע קרובים און זיינע פריינד האבען איהם בעוויינט און בעקלאָגט. און עס פערשטעהט זיך, אַז קיינער האט נאָר איהם אַזוי ניט געקלאָגט ווי זיינע אייגענע פרוי און קינדער.

שפּעטער האט זיך אַרויסגעוויזען אַז דאָס איז געווען אַ פאַלשער קלאַנג און דער מאַן איז צוריקגעקומען אַהיים אַ לעבעדיגער, אַ געזונטער. האָבען זיך זיינע פרוי און קינדער, זיינע קרובים און פריינד געפרעהט, אָבער מעהר פון אַלעמען האבען זיך געפרעהט די וואָס האבען פריהער מעהר געוויינט און געקלאָגט פון אַלעמען.

נ מ ש ל

אַזוי וועט זיין ווען משיח וועט קומען. די אידען וואָס האָבען געליטען מעהר גלות און מעהר רדיפות, די וועלען זיך מעהר פרעהען מיט דער גאולה.

## 104
# אַ שוואַכער קאָלעקטאָר

א סוחר האט ארויסגעשיקט זיינעם א קאָלעקטאָר, אז ער זאָל ארויספאהרען איבער דער מדינה און איינמאהנען געלד פון פערשיעדענע קרעמער, וואס נעהמען ביי איהם סחורה אויף קרעדיט. ער האט איהם איבערגעגעבען אלע רעכנונגען, וויפיעל יעדער איינער איז שולדיג, און ער האט איהם געזאגט אין וועלכער שטאדט ער זאָל פאהרען פריהער און אין וועלכער שפעטער.

ווען דער שליח האט איבערגענומען אלע רעכנונגען און איז שוין געווען גרייט צו פאהרען, האט ער געבעטען אז זיין בעל־הבית זאָל איהם געבען א ביסעל געלד אויף הוצאת הדרך.

„צו וואס זאָל איך דיר געבען געלד?" האט דער בעל־הבית פערוואונדערט געפרעגט. „דו וועסט דאך זיכער קריגען גענוג געלד פון מיינע סוחרים און פון דעם וועסטו זיך קענען ארונטערנעהמען אויף הוצאות."

### נ מ ש ל

דאס איז א משל געגען דעם וואס דער מדרש זאגט, אז ווען דער אייבערשטער האט געהייסען משה'ן ער זאָל געהן צו פרעה'ן און פאדערען אז ער זאָל די אידען פריי לאזען, האט משה געפרעגט: „פאר וועלכען זכות ווילסטו די אידען מאכען פריי?" עס קומט אוים אזוי ווי משה וואלט געבעטען אויף הוצאות הדרך. אבער דער אייבערשטער האט איהם געגעבען צו פערשטעהן אז דער זכות, אדער די הוצאות

הדרך, וועט קומען שפעטער, ווען די אידען וועלען אננעהמען די תורה פון בארג סיני און טאהן אלע מצוות.

## 105
## דער שטרענגער דאָקטאָר

אמאל איז געווען א גוטער דאקטאר, וואס פלעגט זיינע פאציענטען געבען זעהר לייכטע רפואות און ער פלעגט זיי ערקלערען אז די בעסטע פון אלע רפואות איז זיך צו היטען מיט'ן עסען און טרינקען, און ממילא וועלען זיי ניט קראנק ווערען. איינמאל האט מען איהם געבראכט א חולה, א בן־יחיד, וועלכער איז געווען א זעהר נאכגעגעבענער ביי זיינע עלטערען, און ער האט קיינמאל ניט געוואלט פאלגען, און האט ליעב געהאט צו טאהן פונקט פערקעהרט ווי מען האט איהם געהייסען. האט דער דאקטאר געזאגט צום פאטער פון דעם אינגעל: „איך קען אייער זוהן גארניט העלפען. דען וואס טויג עס, אז ער וועט ניט פאלגען מיינע גוטע עצות? איך וועל אייך רעקאמענדירען אן אנדער דאקטאר, וועלכער איז א זעהר שטרענגער מענש, א בייזער, און ער וועט מיט גוואלד צווינגען אייער אינגעל אז ער זאל זיך לאזען קורירען. און נאכדעם אז איהר וועט איהם ברענגען צו מיר, וועט ער מיך שוין פאלגען.“

דער פאטער האט אזוי געטאהן, גענומען דעם זוהן צום שטרענגען דאקטאר, וועלכער האט איהם קורירט אויף זיין שטייגער, מיט קלעפ, און נאכדעם אז ער האט איהם געבראכט צום גוטען דאקטאר, האט שוין דער אינגעל פערלארען זיין עקשנות, ער האט פערשטאנען די גוטסקייט און די פריינד־ליכקייט פון דעם גוטען און קלוגען דאקטאר, און האט זיך געלאזט פון איהם קורירען.

### נמשל

דער אייבערשטער איז אונזער גוטער דאקטאר, און ער האט פאר אונז אנגעגרייט א גוטע רפואה, דאס איז די תורה, וואס לערנט אונז ווי זיך אבצוהיטען פון שלעכטס. אבער אז מיר האבען זיין רפואה ניט אבגעהיט, האט ער אונז דערפאר איבערגעגעבען צו א שטרענגען דאקטאר, א בייזען, א שלעכטען, דאס זיינען די אומות העולם, וועלכע האלטען אונז אין גלות און שלאגען ארויס פון אונז די עקשנות מיט גוואלד.

## 106
## דער פערגלייך

א רייכער איד, וואס האט געלעבט אין א קליין שטעדטעל און האט געהאט א בת־יחידה, האט געמאכט א רייזע איבער פערשיעדענע שטעדט צו זוכען א רעכטען איידים, א קענער, א וואויל־לערנער. לאנג איז דער עושר ארומגעפאהרען ביז ער איז אנגעקומען אין א גרויסער שטאדט, וואו עס האט זיך געפונען א ישיבה, וואס איז געווען בעריהמט אין גאנצען לאנד. האט ער זיך געווענדעט צום ראש ישיבה און האט צו איהם געזאגט: „איך וועל געבען נדן וויפיעל דער רבי וועט מיר הייסען, איך זאל נאר קריגען פאר מיין טאכטער אזא חתן ווי איך זוך.“ האט דער ראש ישיבה איהם געענטפערט, אז אויב ער וועט געבען אזוי פיעל און אזוי פיעל (טאקע א פעטען נדן), וועט ער איהם געבען אן איידים וואס איז דער גרעסטער מופלג פון אלע בחורים פון דער ישיבה. ערשטענס, האט ער א זעהר שארפען קאפ און, צווייטענס, איז ער א גרויסער מתמיד, זיצט טעג און נעכט איבער דער גמרא. דער קליינשטעטעלדיגער גביר האט זיך אן דעם בחור אנגעכאפט

מיטביידע הענד, איהם אוועקגע׳סילוק׳ט דעם נדן און חתונה געמאכט מיט דער בת־יחיד׳קע.

נאך דער חתונה האט דער שווער איינגעזעהן אז זיין איידים פוילט זיך אונטער מיט זיין לערנען. ער זיצט אין בית־מדרש א שטונדע אדער צוויי, און די איבעריגע צייט געהט ער ארום ליידיג. האט ער דעם איידים גענומען אויף א פערהער און האט צו איהם געזאגט: „הער צו, איך האב דיך גענומען פאר אן איידים און האב דיר געגעבען א גרויסען נדן און איך האלט דיך אויף אלעם פערטיגען, כדי דו זאלסט זיצען כסדר און לערנען, און דו לערנסט גאר אזוי ווייניג!“

„הערט צו, שווער,“ האט דער איידים געענטפערט, „איהר גיט א פרעג דעם שמש און זאל ער אייך זאגען אויב ווער פון די שטאדט־לייט עפענט ווען א ספר אין שוהל, כאטש איינמאל א חודש. נאר איך אליין לערן. אמת, איך פויל מיך אונטער א ביסעל, אבער דאך לערן איך. און ווען אפילו איך זאל אינגאנצען אויפהערען צו לערנען און איך וועל פערגעסען מיין תורה, וועט נאך ביי מיר אלץ בלייבען אין קאפ מעהר וויפיעל אייער גאנצע שטעדטעל פערמאגט.“

„ניין, מיין איידים,“ האט דער שווער צוריק געענטפערט, „דער פערגלייך איז ניט קיין ריכטיגער. איך האב דיך ניט גענומען אז דו זאלסט זיין דער בעסטער פון מיין שטעדטעל, דען ווער זיינען זיי דא, די היגע מענשען? אלע עמי הארץ און גראבע יונגען! איך האב דיך גענומען פון דער ישיבה און מען האט מיר געזאגט אז דארט, אין דער ישיבה, ביזטו געווען דער בעסטער לערנער, דער בעסטער מתמיד, דער בעסטער קאפ, וויל איך אז דא זאלסטו אויך זיין אזא מתמיד און זיצען און לערנען אזוי ווי דארט, און צו די היגע מענשען דארפסטו זיך גאר ניט גלייכען, דען ווי קומען זיי צו דיר און ווי קומסטו צו זיי?“

### נ מ ש ל

דאס איז דעם אייבערשטענס טענה צו די אידען. ווען די אידען זאגען איהם: „ווי שלעכט מיר זיינען, זיינען מיר דאך אלץ בעסער פון די גוים, צווישען וועלכע מיר לעבען." דערויף ענטפערט דער אייבערשטער: „וואס האט איהר זיך צו גלייכען צו די גוים, צווישען וועלכע איהר לעבט? איהר זייט דאך ביי מיר א הייליג פאלק פון אלטע צייטען, פון אלטען יחוס. אייך האב איך געווידמעט צו מיין נאמען נאך איידער די וועלט איז בעשאפען געווארען. איז ניט גענוג אז איהר זאלט זיין בלויז בעסער פון די פעלקער צווישען וועלכע איהר וואוינט, איך וויל אז איהר זאלט זיין אזוי ריין, אזוי פיין, און אזוי הייליג, ווי איהר זייט געווען אמאל."

## 107
## ניט דעם שניידערס שולד

איינער האט אמאל אנגעהויבען צו קרענקען. פון טאג צו טאג איז ער אלץ געווארען שוואכער און שוואכער, ביז ער האט געמוזט זיך לייגען אין בעט. א לאנגע צייט איז ער אבגעלעגען אין בעט, און ניט ער און ניט זיינע הויז־מענשען האבען בעמערקט ווי ער איז געווארען איינגעצויגען און איינגעדארט, ווייל דאס איז פארגעקומען ביסלעכווייז.

איינמאל, אז איהם איז געווארען א ביסעל לייכטער, האט ער זיך אויפגעהויבען פון בעט, איז צוגעגאנגען צום קליידער־אלמער און האט געוואלט זיך אנטאהן. אבער ווען ער האט גענומען ארויפציהען אויף זיך זיינע קליידער, האט ער געזעהן אז זיי זיינען אויף איהם זעהר גרויס געווארען. „יעצט זעה איך וואס מיט מיר איז," האט ער געזאגט.

„דער שניידער איז געווים ניט שולדיג אין דעם וואס די קליידער זיינען צו גרויס פאר מיר. ער האט זיי געמאכט לויט מיין ריכטיגער מאס. אבער ער איז דאך ניט שולדיג וואס צוליעב מיין קראנקהייט בין איך אזוי איינגעדארט געווארען.“

### נ מ ש ל

דער אייבערשטער האט אונז צוגעפאסט די תורה מיט די מצוות לויט אונזער ריכטיגער מאס, אין יענע צייטען, ווען מיר האבען געלעבט א ריכטיגען און א ריינעם לעבען. נאר יעצט, אז מיר זיינען געווארען ארים אין גייסט און מיר האבען פערלארען א סך פון אונזערע אמאליגע שעהנע זיטען, זיינען די קליידער געווארען צו גרויס פאר אונז. אבער עס איז ניט די שולד פון כביכול, נאר אונזער אייגענע שולד, וואס מיר זיינען געווארען אזוי קליין.

## 108
## אַן אָרענטליכער שווינדעל

אין א שטאדט איז געקומען צו פאהרען א סוחר מיט פערשיעדענע סחורות, און אזוי ווי ער האט געוואלט צוציהען קונים, האט ער פערקויפט אלעס זעהר ביליג, א סך ביליגער ווי די שטאדטיגע קרעמער. עס פערשטעהט זיך, אז די גאנ־צע שטאדט איז געלאפען צום נייעם סוחר און איהם גע־געבען זעהר פיעל צו לייזען. די שטאדטיגע קרעמער האבען ניט געקענט פערשטעהן ווי אזוי עס לוינט זיך דעם פרעמדען סוחר צו פערקויפען אזוי ביליג, האבען זיי גענומען זיך צו־קוקען צו די סחורות וואס זייערע שטאדט־לייט האבען איינ־געקויפט, און זיי האבען באלד אויסגעפונען אז וואס דער פרעמדער סוחר לאזט זיי ארונטער אין מקח נעהמט ער אב

צוריק אין וואג און אין מאס . . . עס הייסט פשוט, אז ער ניט זיי א קירצערע מאס און א לייכטערע וואג. און ווען די קונים האבען זיך פון דעם דערוואוסט, האבען זיי דעם סוחר געשלעפט צום רב.

דער רב האט דעם סוחר געפרעגט, ווי אזוי א איד נעהמט עס זיך אונטער צו בעגעהן אזא זינד ווי פערקויפען מיט א פאלשער וואג און א פאלשער מאס? האט דער סוחר גע׳טענה׳ט: „דאס איז ניט גנבה, ווייל וואס איך דערגיב זיי ניט אין וואג און אין מאס גיב איך זיי צוריק אראב אין מקח, און אז איהר וועט פערגלייכען מיינע מקחים און מיין וואג און מאס, וועט איהר זעהן אז עס קאסט ניט טייערער צו קויפען ביי מיר ווי ביי די אנדערע קרעמער. בכן, איז דאס ניט גנבה.״ אבער דער רב האט איהם געצייגט פון דער תורה אז שווינדעל איז שווינדעל, ווען אפילו דער קונה פערלירט דערביי גארנישט.

נמשל

א שווינדעל איז א שווינדעל, עס מעג אפילו אויסזעהן ארענטליך.

## 109
# די דריי שותפים

דריי חברים זיינען געווען אין איין שטאדט. האבען זיי אבגעמאכט צווישען זיך אז זיי זאלען פאהרען לערנען חכמה און וויסענשאפטען, און אז יעדער פון זיי זאל געהן אין אן אנדער שטאדט, ווייל ניט אלעס קען מען לערנען אין איין ארט. יעדעס לאנד האט זיך איהרע חכמות און וויסענ־שאפטען, וואס איז אן אנדער לאנד ווייס מען גאר ניט פון

דעם. זיי האבען אויך אבגעמאכט אז צו א בעשטימטער צייט זאלען זיי זיך צוזאמענקומען אין איין ארט און אב־געבען א בעריכט פון דעם וואס יעדער איינער פון זיי האט געלערנט.

עס זיינען אוועק עטליכע יאהר און די דריי חברים זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין א שטאדט און יעדער האט דערצעהלט פון דער גרעסטער חכמה וואס ער האט אויס־געלערנט.

איינער דערצעהלט: „איך האב זיך אויסגעלערנט מא־כען א שפאקטיוו, וואס דורכדעם קען מען זעהן וואס עס טוהט זיך פאר מיילען ווייט.“

„דאס איז א גרויסער וואונדער,“ האט דער צווייטער געזאגט, „אבער איך האב זיך אויסגעלערנט מאכען א גרע־סערען וואונדער. און דאס איז—א וואגען וואס לויפט אזוי שנעל, דאס אין א פאר מינוטען קען מען אבפאהרען א גרויסע צאהל מייל.“

„און איך,“ האט דער דריטער געזאגט, „האב זיך אויס־געלערנט א גרעסערען וואונדער פון אייך ביידען. איך קען מאכען אן עפעל וואס היילט אויס אלע קראנקהייטען אין דער וועלט.“

נאכדעם זיינען די דריי חברים ארום שפאציערען און זיי האבען איינער דעם אנדערען דערצעהלט פון א סך אנ־דערע חכמות, וואס זיי האבען געלערנט. א גאנצען טאג זיינען זיי ארומגעגאנגען און געשמועסט און דערצעהלט וואונדער־ליכע זאכען, און ווען עס איז געווארען אוונד, און זיי זיינען שוין געווען זעהר מיעד, האבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צו דער אכסניא, וואו זיי זיינען איינגעשטאנען.

ביים אבענד־ברויט האט איינער פון זיי ארויסגענומען זיין שפאקטיוו און האט א קוק געטאהן. האט ער געזעהן ווי אין דער הויפט־שטאדט, וואו דער מלך וואוינט, לויפען ארום מענשען שטארק צוטראגען, און אין דעם מלך'ס פאלאסט

ליגט א פרינצעסין אויף א בעט זעהר קראנק. עס שטעהען ארום איהר דאקטוירים מיט אראבגעלאזטע קעפ, קענטיג אז זיי ווייסען ניט ווי זי צו קורירען.

און ווי ער האט דאס דערזעהן, האט ער פון דעם דער־צעהלט צו זיינע חברים.

„ווען איך זאל נאר קענען צוקומען צו איהר, אזוי וואלט איך זי גלייך געקענט אויסקורירען מיט דיזען וואונדערליכען עפעלע, וואס איך האב געמאכט. ווער עס גיט נור א שמעק דעם עפעלע ווערט גלייך געזונד." אזוי האט געזאגט אז אנ־דערער פון די חברים.

„איך קען אייך אלעמען אהין ברייננען אין א פאר מי־נוטען צייט," האט געזאגט דער וואס האט געהאט דעם וואונדערליכען וועגעלע.

זיינען זיי אלע אין א פאר מינוטען צייט אנגעקומען אין דער קעניגליכער רעזידענץ־שטאדט און זיי האבען געלאזט מעלדען דעם קעניג. דער קעניג האט געהערט פון זייער גרויסער חכמה, האט ער זיי געבראכט צו זיין טאכטער. און ווי די פרינצעסין האט א שמעק געטאהן דעם וואונדער־ליכען עפעלע, איז זי גלייך געזונד געווארען.

אין קעניגליכען פאלאסט האט מען זיך שטארק געפרעהט צוליעב דעם וואס די פרינצעסין איז געזונד געווארען, און דער קעניג האט פאר די דריי געלערנטע יונגע־לייט געמאכט א גרויסען באל, און ער האט צו זיי געזאגט: „מיט וואס זאל איך אייך בעלוינען פאר דעם וואס איהר האט גערעטעט מיין טאכטער פון טויט? איך זאל אייך געבען געלד? ווייס איך אז די גאנצע גאלד און זילבער פון דער וועלט איז ניט גענוג צו בעצאהלען פאר דעם וואס איהר האט ערהאלטען מיין טאכטער ביים לעבען. דארום וויל איך אייך געבען א שעהנערע בעלוינונג. איך וועל געבען מיין טאכטער פאר א ווייב צו איינעם פון אייך, און איהר זאלט דורכקומען צווישען זיך וועמען פון אייך מיין טאכטער זאל נעהמען פאר א מאן."

ווען די דריי חברים האבען דאס געהערט, האבען זיי גע־נומען שטרייטען צווישען זיך וועגען דעם ווער פון זיי איז מעהר בערעכטיגט חתונה צו האבען מיט דער פרינצעסין.

איינער האט געזאגט: „די פרינצעסין דארף געהערען צו מיר, ווייל איך, דורך מיין שפאקטיוו, האב זיך דערוואוסט פון איהר קראנקהייט.“

דער צווייטער האט געזאגט: „זי געהערט צו מיר, ווייל איך האב אייך אהער געבראכט אין מיין ווונדערליכען וועגעלע.“

און דער דריטער האט געזאגט: „ניין, זי געהערט צו מיר, ווייל איך האב זי קורירט מיט מיין עפעלע.“

ווען דער מלך האט געזעהן, אז די דריי חברים קענען ניט דורכקומען צווישען זיך, האט ער געזאגט: „זאל מיין טאכטער אויסקלייבען וועמען פון די דריי זי וויל האבען פאר א מאן.“

און די פרינצעסין, וועלכע איז געווען א גרויסע חכמה, האט געזאגט:

„געווים זיינען אלע דריי גערעכט, אבער איך דארף בע־טראכטען מיין צוקונפט. לאמיר זעהן, וואס קען איך שוין האבען פון דעם בחור מיט דער שפאקטיוו און וואס איך קען האבען פון דעם בחור מיט דעם ווונדערליכען וועגעלע? וואס זיי האבען געקענט טהאן פאר מיר, האבען זיי שוין אבגעטהאן, אבער דער דריטער וואס היילט אלע קראנקהיי־טען מיט זיין ווונדערליכען עפעלע, איהם וועל איך נאך גע־ווים דארפען האבען אין דער צוקונפט, און דערפאר וועל איך בלייבען נאר ביי איהם.“

## נ מ ש ל

דריי שותפים זיינען דא אין דעם מענשען. דער איי־בערשטער, פאטער און מוטער. דאס וואס פאטער און מו־טער האבען געטהאן פאר'ן מענשען האבען זיי שוין גע־

טהאָן, נאָכדעם ווי ער איז שוין געבראַכט געוואָרען אויף דער וועלט, אָבער דעם אייבערשטען דאַרף דער מענש האָבען זיין גאַנצען לעבען און אפילו נאָך זיין טויט.

## 110
## די מאה און די דעה

איינער, א גרויסער עושר, האָט געהאַט א זוהן א שלומיאל, וואָס האָט ניט געטויגט צו קיין זאַך. האָט איהם דער פאָטער חתונה געמאַכט און איהם געגעבען א הויז מיט אַלע הצטרכות און מיט אַלע לוקסוסען. עס האָט דעם זוהן קיין זאַך ניט געפעהלט. מיט דער צייט איז ביי דעם אָרימען זוהן אויסגעוואַקסען א טאָכטער און מען האָט שוין געדאַרפט פאַר איהר זוכען א שידוך. שדכנים האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט, אויסצוזוכען פאַר דער מיידעל א חתן, א לערנער און פון גרויס יחוס. אמת, איהר טאַטע איז אַן אָרימאַן, אָבער איהר זיידע איז דאָך א גרויסער עושר.

קומט א שדכן אריין צו איינעם פון די פיינסטע בעלי בתים פון שטאָדט און זאָגט: „איך האָב פאַר אייער זוהן א שעהנע מיידעל, א געראָטענע מיט אַלע מעלות און מיט צעהן טויזענד נדן.“ פרעגט דער בעל־הבית: „ווער איז איהר פאָטער?“ זאָגט איהם דער שדכן, דער און דער. פרעגט דער בעל הבית: „ווער האָט עס אייך געזאָגט, אַז ער וועט געבען אַזוי פיעל נדן?“ ענטפערט דער שדכן: „ווער זאָל עס מיר זאָגען? עס פערשטעהט זיך, אַז ער אַליין, דער פאָטער פון דער כלה!“

האָט זיך דער בעל הבית צולאַכט און געזאָגט: „וואָס ער זאָגט, איז נאָך ווייניג. ער אַליין איז דאָך אַן אָרימאַן. איך

ווייל עס הערעז פון זיין פאטער! זיין פאטער האט די מאה, האט ער אליין די דעה."

נמשל

אל תבטחו בנדיבים — וואס א מענש זאגט צו קען מען זיך אויף דעם ניט פערלאזען. עס איז דא א העכערע מאכט, וואס האט די גאנצע דעה.

## 111
## געפונען און אויסוועג

איינער, א שעהנער בעל הבית, האט געהאט א זעהר גע־ראטענע טאכטער. זי איז געוועז א גרויסע שעהנהייט און מיט אלע מעלות. צו איהרע מעלות האט דער פאטער איהר געוואלט געבען א ביסעל נדן אויך. עס פערשטעהט זיך, דאס שדכנים פלעגען קומען און פארלייגען פערשיעדענע שדוכים, אבער אין יעדען שדוך האט דער פאטער געפונען אן אנדער חסרון: דא איז דער יחוס ניט געוועז אזוי גרויס, דא איז דער מחותן ניט געוועז רייך גענוג, דא איז דער חתן ניט געוועז אזא פיינער בחור ווי ער האט געוואלט. די שדכנים זיינען שוין אזוי פערמאטערט געווארען, אז זיי האבען אויפגעהערט צו קומען.

איינמאל קומט א שדכן פון א ווייטען געגענד. ער האט געהערט פון דער געראטענער מיידעל און איהר שעהנעם טאטען, און ער איז געקומען ריידען א שדוך מיט דעם זוהן פון א גרויסען גביר, וועמעס נאמען האט געקלונגען אין דער גאנצער מדינה. דער מיידעל'ס פאטער האט זיך צוגע־הערט. דער נאמען פון דעם גביר איז איהם געוועז גוט בע־קאנט, אבער ער האט ניט געקענט פערשטעהן ווארום אזא

גביר מיט אזא גרויסען נאָמען קען ניט געפינען א כלה פאר זיין זוהן אין זיין אייגענעם געגענד און דארף זוכען אזוי ווייט. מסתמא מוז דער זוהן זיין עפּעס ניט מיט אַלעמען, אפשר א קאַליקע, אָדער א מיאוס'ער. אמת, דער שדכן האָט דעם חתן געלויבט ביז'ן הימעל, אבער אויף א שדכן קען מען זיך ווייניג פערלאָזען, ווייל ביי א שדכן זיינען אַלע כלות און אַלע חתנים שעהן.

וואָס זאָל דער מיידעל'ס פאָטער טאָהן? זאָל ער זאָגען אז ער וויל פריהער זעהן דעם חתן? האָט ער מורא געהאַט, אז דער גרויסער גביר וועט זיך בעליידיגען. ס'טייטש, ער אזא גרויסער גביר, וואָס עס קלינגט מיט זיין נאָמען איבער־ראַל, איז מרוצה צו נעהמען די טאָכטער פון א מיטעלמע־סיגען בעל הבית פאר זיין זוהן און איהר פאָטער קווינקעלט זיך נאָך! געוויס וועט דער גרויסער גביר פעראיבעל האָבען און וועט זיך אין גאַנצען אבשאָקלען פון שדוך.

האָט דער מיידעל'ס פאָטער געזאָגט צום שדכן אזוי: „הערט מיך אויס, ר' שדכן. ביי מיר איז מיין טאָכטער די שעהנסטע און די קליגסטע און גערעכטעסטע אין דער וועלט. אבער ביי אַן אנדערען קען עס אויסקומען, אז זי איז ניט אזוי שעהן, אָדער ניט אזוי קלוג און גראַטען. דארום וויל איך זיך ניט פערבינדען מיט א וואָרט, סיידען דער חתן מיט זיין פאָטער וועלען אליין קומען און זעהן מיין טאָכטער. און אז זי וועט זיי געפעלען זיין, וועלען מיר דאַן שרייבען תנאים מיט מזל."

## נ מ ש ל

א קלוגער געפינט אימער א וועג צו זאָגען זאכען און דערביי קיינעם ניט צו בעליידיגען.

## 112
## דער שטרענגער אפּטרופּוס

אַז אַלטער מאַן, אַן אַלמן, וואָס האָט געהאַט בלויז איין איינציגע טאָכטער, אַ קליינע מיידעל, האָט פאַר זיין טויט געמאַכט איינעם פון זיינע פריינד פאַר אַן אַפּטרופּוס איבער דער מיידעל און איבער דעם פערמעגען וואָס ער האָט איבערגעלאָזען פאַר איהר. ער האָט אָנגעזאָגט דעם אַפּטרופּוס אַז ער זאָל דער מיידעל ניט געבען קיין געלד פון דער ירושה ביז זי וועט דאַרפען חתונה האָבען, און ביז איהר חתונה זאָל זי אַליין אַרבייטען און פערדיענען אויפ'ן לעבען.

נאָכדעם ווי דער אַלטער איז געשטאָרבען, האָט דער אַפּטרופּוס צוגענומען די גאַנצע ירושה און האָט עס בעהאַלטען אין אַ זיכערען אָרט, און די מיידעל איז אַוועק אַרבייטען. איינמאָל בעגעגענט דער אַפּטרופּוס אַ פריינד פון דער משפחה. זאָגט דער פריינד צו איהם: „די מיידעל זעהט אויס זעהר שלעכט און אויסגעצעהרט. זי פערדיענט ניט גענוג אויף עסען. עס וואָלט געווען אַ יושר אַז דו זאָלסט איהר געבען אַ ביסעל געלד פון דער ירושה."

„דאָס קען איך ניט טאָהן", האָט דער אַפּטרופּוס געענטפערט, „ווייל איך טאָהר ניט ברעכען די צוואה פון איהר פאָטער."

אַ צווייטען מאָל זיינען געקומען מענשען און האָבען געזאָגט צום אַפּטרופּוס: „די אָרימע יתומה, נעבעך, געהט דאָך אָרום נאַקעט און באָרוועס." האָט ער זיי גאָרניט געענטפערט.

אַ צייט שפּעטער איז די יתומה קראַנק געוואָרען אויף אַ געפעהרליכער קראַנקהייט און מען האָט פאַר איהר געדאַרפט

האבען דאָקטוירים און מעדיצין. זיינען מענשען געקומען צום אפטרופּוס און האבען געזאגט, אז ער מוז געבען דער מיידעל א ביסעל געלד, וויל איהר לעבען איז אין סכנה. האט ער געענטפערט ווי דעם ערשטען מאָל, אז ער קען ניט טאָהן קיין זאך געגען איהר פאָטער׳ס צוואה. זיינען די מענשען געוואָרען אויסער זיך און זיי האבען אויף איהם אנגעשריען: „דו עקשן! דו איינגעשפּארטער מענש! אויב די מיידעל וועט אוועקשטארבען פון איהר קראנקהייט, טאָ ווען וועט זי ווערען א כלה? אום צו היטען איהר פאָטער׳ס צוואה דאַרף מען דאך צוערשט פערהיטען איהר לעבען!"

## נ מ ש ל

אלע געזעצע וואס זיינען אונז געגעבען געוואָרען אין דער תורה זיינען „וחי בהם", כדי מיר זאָלען קענען לעבען מיט זיי. און די וואס מאכען אזעלכע דינים לויט וועלכע עס איז שווער צו לעבען, בעגעהען אן אונרעכט.

## 113

## אויף אַ דאָקטאָר דאַרף מען זיך ניט פערלאָזען.

א רייכער לאנד אייגענטימער האט אמאָל אויסגעבויט א שעהנע שטאָדט מיט שעהנע הייזער, פּאַלאסטען און קראַמען. די גאסען האט ער פערפלאנצט מיט בוימער און ער האט אויך געפלאנצט גערטנער, אין וועלכע עס האבען געוואקסען פרוכט־בוימער און שמעקעדיגע בלומען. דערצו זיינען דורך דער שטאָדט געלאָפען קאנאלען מיט די ריינסטע וואסערען, אזוי ווי קרישטאל, און איבער די קאנאלען זיינען

געוועז שעהנע בריקעז צום שפאצירעז. סוחרים זיינעז גע־קומעז פון פערשיעדענע שטעדט און האבעז געעפענט גע־וועלבעז פון אלערליי טייערע סחורות. די שטאדט איז גע־ווארעז בעריהמט אלס די שעהנסטע אין גאנצעז לאנד.

דאך איז דער אייגענטימער פון דער שטאדט נאך אלץ ניט געוועז צופריעדעז. ער האט זיך געטראכט: אפשר פעהלט נאך עפעס. אפשר קען מען נאך עפעס צוגעבעז. האט ער גערופעז צו זיך איינעם פון די קליגסטע מענשעז פון זיין שטאדט און האט איהם געזאגט: „דו האסט דאך געווים בעטראכט די גרויסע מיה און די גרויסע הוצאות וואס איך האב פערוועגדעט צו בויעז די שטאדט און זי צו בע־פוצעז מיט אלע שעהנע איינריכטונגעז, אפשר פעהלט נאך עפעס. דו ביזט דאך א גרויסער חכם, קענסטו מיר אפשר אנצייגעז וואס איך האב פערפעהלט?“

„דו האסט דא איינגעפיהרט אלע בעקוועמליכקייטעז,“ האט דער חכם געענטפערט, „נאר איין זאך פעהלט אין דער שטאדט, און דאס איז א דאקטאר. אין א שטאדט וואס האט ניט קיין דאקטאר טאהר א מענש ניט וואוינעז, און דאס איז גראדע וואס עס פעהלט.“

דער בויער פון דער שטאדט האט געדאנקט דעם חכם פאר זיין קלוגע עצה, און ער האט גלייך ארויסגעשיקט בריעף איבער׳ן גאנצעז לאנד, צו אלע אוניווערזיטעטעז און צו אלע פראפעסארעז, אז מען זאל פאר איהם אויסזוכעז דעם בעס־טעז פון אלע דאקטוירים, און ער וועט איהם צאהלעז דאס גרעסטע געהאלט וואס א דאקטאר האט ווען בעקומעז.

ער האט בעקומעז א תשובה, אז אויב ער וועט וועלעז צאהלעז אזוי פיעל און אזוי פיעל (א גרויסע סומע געלד) וועט מען איהם שיקעז א דאקטאר, וואס קען היילעז די שווערסטע קראנקהייטעז. עס איז גארניט פערהאנעז אין דער וועלט אזא חולאת וואס ער קען ניט היילעז. און עס

איז אבגעמאכט געווארען אז אין א שעהנעם זומער־טאג זאל דער גרויסער דאקטאר אראבקומען אין שטאדט.

דער טאג אין וועלכען דער דאקטאר האט געדארפט אנקומען אין דער שטאדט איז געווען א גרויסע שמחה, א יום טוב. די גרעסטע מענשען פון שטאדט האבען אנגע־גרייט פאר דעם גאסט א שעהנעם קבלת פנים, און אויך די מענשען פון די ארומיגע שטעדט זיינען געקומען אבגעבען כבוד דעם גרויסען גאסט. אלע האבען געווארט מיט גרויס אונגעדולד. און ענדליך האט מען זיך שוין דערוואַרט. מען הערט א גערויש פון רעדער און א קלאפען פון פערדישע פאטקאָוועס, און מען זעהט א וואלקען פון שטויב — דער גאסט קומט! ער קומט! און אט איז ער — דער עולם בוקט זיך פאר איהם, שרייט „הורא" און ציינט איהם גרויס אכטונג. דער דאקטאר פאהרט אריין גלייך אין הויז פון דעם אייגענטימער פון דער שטאדט, וואו עס האבען זיך פערזאמעלט די פני פון דער שטאדט איהם צו בעגריסען.

נאכדעם ווי מען האט אפגע'פטר'ט די צערעמאניעס, האט מען געבעטען דעם דאקטאר אז ער זאל צייגען עפעס פון זיינע גרויסע וואונדער. האט ער געזאגט: „אדרבה, קלייבט אייך אויס א קראנקען מענשען, א חולה מסוכן, און ברענגט איהם צו מיר."

האט מען געזוכט אן ערנסטען חולה און מען האט ניט געקענט געפינען. גראדע איז צו יענער צייט קיינער ניט קראנק געווען. קוים מיט צרות האט מען אויסגעפונען איי־נעם א קצת חולה. עס הייסט: קראנק איז ער ניט געווען, נאר ער האט געהאט א ביסעלע קאפּוועהטאג. האט מען איהם געבראכט צום דאקטאר, ער זאל איהם היילען.

„אזוי גלייך היילען קען איך ניט," האט דער דאקטאר ערקלערט. „איך מוז דעם חולה האלטען אונטער מיין אויפ־זיכט באטש פאר א קורצע צייט, אום אויסצוגעפינען פון

וואס די קראנקהייט איז איהם געקומען, און ערשט דאן קען איך אנפאנגען די קוראציע."

האט ער געהייסען אז מען זאל פאר דעם חולה אבגעבען א צימער, איהם מאכען צוערשט א וואנע. מען האט איהם אנגעטאהן אנדערע וועש און אריינגעלייגט אין א בעט. נאכ־דעם האט ער דעם חולה אנגעזאגט אז ער זאל גארנישט נעהמען אין מויל פאר א טאג צייט. דער דאקטאר האט איהם דאן גענומען קורירען און אין א וואך צייט איז דער חולה אוועקגעשטארבען.

די שטאדט־לייט זיינען געווארען אויפגערעגט. „וואס איז דאס פאר א דאקטאר?" האבען זיי געשריען. „אפילו א קאפוועהטאג קען ער ניט אויסהיילען, און ווען א מענש מיט א לייכטען קאפוועהטאג איז פון זיין קוראציע געווארען א בר־מנן, היינט מיט וואס איז שוין זיכער א מענש וואס איז אן אמת'ער חולה?"

דער רייכער מאן, וואס האט דעם דאקטאר אראפגע־בראכט, האט גענומען טענה'ן צו איהם: „זעה וואס פאר א שאנדע דו האסט געמאכט מיר און דיר! ערקלער מיר, וואס זאל עס בעדייטען? די וועלט האלט דאך דיך פאר א גרויסען דאקטאר!"

האט דער דאקטאר געענטפערט: „זאלסט וויסען, מיין געעהרטער פריינד, אז איך האב מיט א כיון געלאזט דעם מענשען שטארבען. איך האב איהם געמאכט פאר א קרבן פאר דער טובה פון די אנדערע מענשען פון דער שטאדט. ווען איך האב געזעהן ווי אלע האבען זיך געפרעהט מיט מיין קומען, האב איך זיך געטראכט: ווען איך וועל די מענשען לאזען גלויבען אז איך קען אלעם היילען און קיין קראנקהייט איז פאר מיר ניט צו שווער אויסצוקורירען, וועלען זיי אויפ־הערען צו היטען זייער געזונד, זיי וועלען פרעסען און זויפען אהן א מאס, אלע שעדליכע אכילות; זיי וועלען זיך אבגעבען צו אלע פערגניגענס וואס שוואכען אב דעם געזונד; זיי

וועלען הוליענען גאנצע נעכט און זיך קיינמאל ריכטיג ניט אויסרוהען, דען זיי וועלען זיך טראכטען: מיר האבען א גוטען דאקטאר, וואס וועט אונז צוריק געזונד מאכען אין פאל מיר וועלען קראנק ווערען. אבער איהר ווייסט דאך, מיין פריינד, אז דער בעסטער דאקטאר איז דער מענש וואס היט זיין געזונד, אז ער זאל ניט קראנק ווערען. און אט דער־פאר האב איך געמוזט מאכען איין מענשען פאר א קרבן, כדי די אנדערע זאלען זעהן אז אויף א דאקטאר קען מען זיך ניט אימער פערלאזען.״

## נ מ ש ל

נאכדעם אז דער אייבערשטער האט די אידען געגעבען א תורה און זיי געמאכט פאר א פאלק, האט ער זיי אויך גע־געבען א דאקטאר, וואס זאל היילען זייערע זינד. דאס איז א כהן גדול, וואס פלעגט מקריב זיין קרבנות אום זייערע זינד זאלען פערגעבען ווערען. אבער אום די אידען זאלען ניט צופיעל זיך פערלאזען, אז דורך די קרבנות וועלען אלע זייערע זינד פערגעבען ווערען, האט ער געמאכט אז נדב און אביהוא, אהרן׳ס צוויי זיהן, זאלען שטארבען פאר א קליינעם טעות וואס זיי האבען געמאכט. און דאס איז געווען צו צייגען, אז די אידען זאלען זיך ניט צופיעל פערלאזען אויפ׳ן „דאק־טאר״ מיט זיינע „רפואות״. עס הייסט, אויפ׳ן כהן גדול און די קרבנות, אז זיי זאלען בעסער ניט זינדיגען און ניט דארפען אנקומען צו קרבנות.

## 114
# זיך אָנגעמאַכט אַן אומזיסטען גלות

צוויי שכנים האָבען געהאַט צוויי גרויסע הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען איינע נעבען די אַנדערע. אין איין הויז האָט געוואוינט אַ רייכער מאַן, אַ גרויסער גביר, און אין דער אַנדער הויז האָט געוואוינט אַן אָרימאַן, אַן אביון. אַמאָל איז דער אָרימאַן אויך געווען זעהר רייך, נאָר ער האָט זיין פערמעגען פערלאָרען און אַלעס וואָס ביי איהם איז געבליבען איז די גרויסע הויז, מיט וועלכער ער האָט שטאָלצירט און נים געוואָלט פערקויפען, כדי מען זאָל איהם נאָך האַלטען פאַר אַ בעל־הבית.

איינמאָל, אַז עס איז געקומען זומער, האָט דער רייכער מאַן זיך ארויסגעצויגען מיט זיין פאַמיליע אויף אַ דאַטשע, און זיין הויז האָט ער פאַר די עטליכע זומער־חדשים פערדונגען צו אַן אַנדערען פאַר אַ שעהנע סומע געלד. האָט דער אָרימאַן געזאָגט צו זיין פרוי: „געדענקסט די יאָהרען ווען מיר פלעגען אויך פערלאָזען די שטאָדט זומער־צייט און פאָהרען אויף אַ דאַטשע? אָבער יעצט האָבען מיר קיין געלד נים אויף אַזעלכע פערגניגענס. עס וואָלט אָבער געווען זעהר שעהן, אַז מיר זאָלען אויך אַוועק פון שטאָדט. מיר וועלען מיטנעהמען די קינדער און געהן איבער דער מדינה. גוטע מענשען זיינען דאָ איבעראַל. מיר וועלען חלילה נים פערפאַלען ווערען. און ענדע זומער וועלען מיר קומען צוריק אַהיים. דערווייל וועט מען אין שטאָדט מיינען, אַז מיר זיינען אויך געווען אויף אַ דאַטשע."

דער פרוי איז דער פּלאַן זעהר געפעלען געוואָרען.

„אפשר זאָלען מיר אויך פערדינגען אונזער הויז צו אַן אַנ־דערען אויפ'ן זומער?" האָט די פרוי געזאָגט.

„ניין," האָט דער מאַן געענטפערט. „דאָס קענען מיר ניט טאָהן, ווייל מיר קענען ניט וויסען ווען מיר וועלען קומען צוריק אַהיים. אפשר וועלען מיר זיין געצוואונגען צו קומען גלייך צוריק, וועלען מיר דאַך ניט האָבען וואו צו זיין."

איז ביי זיי געבליבען אַז זיי זאָלען אין דער הויז אַריינ־לאָזען אַ שכן גאַנץ אומזיסט, אָהן דירה־געלד, בלויז ער זאָל היטען די הויז פאַר זיי, און זיי האָבען מיט איהם אָבגע־מאַכט, אַז ווען זיי קומען צוריק, זאָל דער שכן מוזען אַרויס־ציהען.

דער שכן האָט זיך אין דעם הויז אַריינגעצויגען און דער אָרימער בעל־הבית מיט ווייב און קינדער האָבען זיך געלאָזט איבער דער מדינה, פון שטאָדט צו שטאָדט, און זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער. עס איז געווען אַ שווערער, אַ ביטערער לעבען פאַר זיי, אָבער זיי האָבען זיך געטרייסט מיט דעם וואָס די מענשען אין זייער שטאָדט האָבען נעווייס געדענקט אַז זיי זיינען אויף אַ דאַטשע . . .

אַ פּאָר חדשים האָבען זיי אַזוי זיך אַרומגעשלעפּט, ביז זיי זיינען געבליבען אָהן כחות. „לאָמיר שוין געהן אַהיים," האָט זיך די פרוי געבעטען. „איך קען שוין מעהר אַזאַ לעבען ניט אויסהאַלטען."

דער מאַן האָט שוין אויך געוואָלט געהן צוריק אַהיים, אָבער ער האָט זיך אַרומגעזעהן אַז ער איז שוין געווען וויַיט, וויַיט, זעהר וויַיט פון דער היים, און ניט ער און ניט זיין פרוי האָבען געהאַט כחות צו געהן צופוס צוריק, און געלד צו פאָהרען האָבען זיי ניט געהאַט.

„איך זעה," האָט דער אָרימאַן געזאָגט, „אַז עס איז מיר בעשערט צו ליידען גלות אומזיסט און אומנישט און אַז

א פרעמדער זאָל וואוינען אין מיין הויז גאַנץ פריי. אָט דאָס קומט מיר פאַר וועלען שפּיעלען א ראָלע פון א נגיד.״

נמשל

דאָס איז א משל געגען גלות מצרים און דעם יעצטיגען גלות. אין מצרים האָבען מיר בעקומען בעצאָהלט און מיר זיינען געזעסען אויפ׳ן טעפּעל פליישׁ, „על סיר הבשר״, און מיר זיינען דאָרט געווען בלויז אויף א בעשטימטער צייט. אָבער דער יעצטיגער גלות איז א גאַנץ אַנדערער. מיר ווערען פערשוואַרצט און מיר קריגען ניט קיין לוין פאַר דעם, און ווען דער גלות וועט זיך ענדיגען ווייסען מיר ניט. און דער־וויל זיצען פרעמדע אויף אונזער לאַנד און זיינען דאָרט די בעלי־בתים.

# 115
## אַלעס ליגט אין דער צונג

איינער האָט געוואָלט פערקויפען זיין הויז. איז געקו־מען א סוחר די הויז אָנקוקען. דער סוחר האָט אַלעס בע־טראַכט און האָט, ווי דער שטייגער איז, גענומען זוכען פעה־לערען: די סטעליע איז געווען א ביסעל אויסגעבויגען, פון דעם אויווען זיינען אַרויסגעפאַלען א פּאָר קאַכלעס, די טיהר צו דער גאַס דאַרף רעמאָנטירט ווערען, די שלאָף־צימערען זיינען זעהר קליין, און נאָך אַזעלכע פעהלערען האָט ער אויפ־געוויזען, כדי דעם בעל־הבית מאַכען פיהלען שלעכט, אז ער זאָל פערקויפען וואָס ביליגער.

דער סוחר האָט די הויז אָבגעקויפט גאַנץ ביליג. א צייט שפּעטער האָט זיך געמאַכט, אז דער פריהערדיגער בעל־הבית האָט געוואָלט צוריק האָבען זיין הויז. איז ער געקומען צום

נייעם בעל הבית פרעגען אויב ער וועט איהם צוריק פער־קויפען די הויז. יענער איז געווען צופריעדען, בתנאי ער זאל קריגען א גרעסערען מקח ווי ער האט בעצאהלט. „עס איז א פיינע הויז“, האט דער נייער בעל הבית געזאגט צום פריהערדיגען. „עס איז שוין איינמאל א הויז! געבויט אזוי שטארק ווי אייזען, די שלאפצימערן לופטיגע און בעקוועמע, דער שפייזע זאל איז אזוי גרויס, אז מען קען דארט מאכען חתונות, דער אויווען איז אזא גוטער דאס אין די גרעסטע פרעסט ווארימט ער א מחיה, און די געגענד דא ארום איז אזוי שעהן, אז די וואס ציהען ארויס פון דאנען קומען גלייך צוריק.“

ווען דער אלטער בעל הבית האט געהערט ווי יענער לויבט אזוי די הויז, האט ער איהם געפרעגט: „זאגט מיר, פאר וואס, אז איהר האט געקויפט די הויז, האט איהר דיזע מעלות ניט געזעהן, נאר פעהלערען האט איהר געזעהן?“

## נ מ ש ל

וואס יענער האט איהם געענטפערט איז ניט וויכטיג. וויכטיג איז דאס וואס מענשען זוכען וואס זיי פאסט. פאסט זיי, זוכען זיי פעהלערען. פאסט זיי, זוכען זיי מעלות. „המות והחיים ביד הלשון“ — טויט און לעבען איז אין דער מאכט פון דער צונג.

## 116
# דורך פרעמדע הענד

א רייכער ישוב'ניק האט געשיקט זיין זוהן צו א מלמד אין שטאדט לערנען. דער ישוב'ניק האט אבגעמאכט מיט'ן מלמד, אז דער אינגעל זאל ביי איהם האבען א צימער, אבער עסען וועט דער אינגעל קריגען צוגעשיקט פון דארף. יעדען טאג פלעגט א רייטער ברייגגען פאר'ן אינגעל פרישע בול־קעלעך, פיש, פלייש און דאס גלייכען. דער פאטער פלעגט שיקען א ביסעל מעהר ווי זיין אינגעל קען אויפעסען, ער האט זיך גערעכענט אזוי: דער מלמד איז דאך אן ארימאן און ער האט קינדער וועלכע האבען מסתמא ניט צופיעל, און טאמער נעהמט די מלמד'יכע עפעס ארונטער פאר איהרע קינדער וועט אלץ בלייבען גענוג פאר זיין זוהן.

אבער דער מלמד מיט זיין מלמד'יכע האבען אנדערש געטאהן. זיי האבען אין גאנצען צוגענומען די שפייזען וואס דער ישוב'ניק פלעגט שיקען פאר זיין זוהן און דאס אוועק־געבען צו זייערע קינדער. און דעם אינגעל פלעגען זיי געבען שווארץ ברויט מיט הערינג און נאך אזעלכע גראבע אכילות צו וועלכע דער אינגעל איז ניט געווען געוואוינט. דער אינ־געל איז געווארען בלאס און מאגער. אום צו בעהאלטען זיין שולד, פלעגט דער מלמד אפט זאגען צום אינגעל: „איך קען ניט פערשטעהן ווארום דיין פאטער איז געווארען אזוי קארג צו דיר? אין דער היים פלעגט ער דיך קארמענען מיט אל־דאס־גוטס און אז דו ביזט אין שטאדט שיקט ער דיר אזעלכע ארימע עסענס!"

דער אינגעל האט אבער פערשטאנען אז דער פאטער שיקט איהם יא גוטע עסענס, נאר דער מלמד מיט זיין גע־

זינדעל בערויבען איהם. האט דער אינגעל געמאכט א שווייג און האט גארנישט געזאגט. סוף זמן, ווען דער אינגעל איז געקומען אהיים אויף יום טוב, און דער פאטער האט איהם געפרעגט ווארום ער זעהט אויס אזוי שלעכט, האט דער אינגעל אויסגעזאגט ווי מען האט כסדר בע׳גנב׳עט זיינע עסענס און ווי ער האט צוליעב דעם געמוזט הונגערען.

## נ מ ש ל

דער אייבערשטער שיקט צו פאר יעדען מענשען געווג. נאר ביז עס קומט אן צום מענשען, געהט עס דורך פרעמדע הענד וועלכע נעהמען צו די בעסטע חלקים פאר זיך.

## 117
## דער קלוגער פעטער

א יונגער מאן וואס האט ערשט אנגעפאנגען צו האנדלען איז געקומען אין א גרויסער שטאדט וועגען מסחר. ער איז דארט אריינגעפאהרען אין א גרויסע אכסניא, און גלייך ווי ער האט זיך א ביסעל אויסגערוהט פון וועג, איז ער געגאנגען בעזוכען זיינעם א פעטער, און האט איהם דערצעהלט וועגען וואס ער איז געקומען. דער פעטער האט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען און איהם געגעבען א פאר קלוגע עצות, וואס צו קויפען און ווי צו קויפען. נאכדעם איז דער יונגער מאן צוריק אוועק אויף זיין אכסניא.

דער פעטער האט גלייך אנגעהויבען ארומלויפען צו אלע גרויסע סוחרים און פאבריקאנטען פון שטאדט און האט זיי אנגעזאגט: „אין יענער און יענער אכסניא געפינט זיך א יונגער מאן מיט א סך געלד וואס איז אהער געקומען איינקויפען סחורה. געהט צו איהם און מאכט מיט איהם גע־

שעפטען." עס פערשטעהט זיך, אז די סוחרים און פאבריקאנטען זיינען געגאנגען און גענומען האנדלען מיט דעם יונגען סוחר און מאכען מיט איהם געשעפטען.

נאכדעם ווי דער יונגער סוחר האט זיך שוין גענוג אנגעקויפט ביי די סוחרים, איז דער פעטער, גאנץ בשתיקה, אז זיין פלימעניק זאל גאר ניט וויסען, געגאנגען צו אנדערע סוחרים און זיי געשיקט צו פערקויפען זייערע סחורות. די סוחרים זיינען געקומען איינער נאך דעם אנדערען, דער ארויס, דער אריין, און האבען דעם יונגען סוחר ניט געגעבען א מינוט רוה.

צוויי וואכען זיינען אזוי אוועק ביז דער יונגער סוחר האט אויסגעגעבען זיין גאנצע געלד, און נאכדעם האט ער גענומען זיך קלייבען צו פאהרען צוריק אהיים. ער איז אריין צו זיין פעטער זיך זעגענען מיט איהם און האט איהם דערצעהלט וואס פאר א סחורות ער האט געקויפט און וואס פאר א מקחים ער האט געצאהלט. נאכדעם האט ער מיט א זיפץ בעמערקט: „אבער די סוחרים וואס זיינען צו מיר געקומען זיינען געווען אזוי פיעל, דאס איך האב מיין גאנצע געלד אויסגעגעבען אויף די סחורה און איך האב די גאנצע צייט קיין ביסעל רוה ניט געהאט."

האט דער פעטער מיט א שמייכעל געענטפערט: „מיין קינד! דאס האב איך דיר געשיקט סוחרים אז זיי זאלען פערנעהמען דיין גאנצע צייט. איך האב זיך געטראכט: דו ביזט נאך א יונגער מענש, און געלד האסטו א סך, האב איך מורא געהאט אז דו וועסט זעהן די פיעלע פערגעניגענס פון דער גרויסער שטאדט, וועסטו זיך ארייגלאזען אין זיי, וועסט בעזוכען די טעאטערע, די שפיעל פלעצער, און וועסט אויסברענגען דיין געלד אויף נארישקייטען. אט דערפאר האב איך אנגעשיקט די סוחרים אז זיי זאלען דיר ניט געבען קיין צייט צו טראכטען פון נארישע פערגעניגענס און דו זאלסט דיין געלד פערווענדען אויף א ניצליכען וועג."

## נ מ ש ל

דער מענש קומט אויף דער וועלט וועלכע איז פול מיט לײדענשאַפטען און אויסגעלאַסענע פערגעניגענס. דערפאַר האַט דער אייבערשטער אונז פערזאָרגט מיט א תורה און מיט א סך מצוות אז מיר זאָלען אויף זיי פערווענדען אונזער גאַנ־צע צייט און ניט האָבען קיין צייט אויף נאַרישקייטען.

# 118
# דער קוּבער און דער דאָקטאָר

אַ פירשט האָט געהאַט ביי זיך אַ קוּבער וואָס איז גע־ווען אַ גרויסער קינסטלער אויף צו מאַכען אַלע טייערע מאַכלים. אַז דער קוּבער איז שוין געוואָרען אַלט, האָט דער פירשט אָנגעהויבען צו זוכען אַ גוטען דאָקטאָר, וואָס זאָל זיך געפינען אימער אין זיין פּאַלאַסט. נאָך אַ לאַנגען זוכען האָט דער פירשט געפונען אַ זעהר גוטען דאָקטאָר, אַ מומחה, און ער האָט מיט'ן דאָקטאָר אָבגעמאַכט, אַז ער זאָל קומען צו איהם און זיין ביי איהם אין הויף, און דאָרטען וואוינען. אָבער דער דאָקטאָר דאַרף ניט קומען אַזוי לאַנג ווי דער קוּ־בער לעבט נאָך, נאָר נאָכדעם אַז דער קוּבער וועט שטאַרבען זאָל דער דאָקטאָר קומען.

די דיענער און די קנעכט פון דעם פירשט האָבען מיט גרויס אונגעדולד ארויסגעקוקט אויף דעם דאָקטאָר'ס קומען, און זיי האָבען אַלע גערעדט צווישען זיך: „ווען וועט שוין דער קוּבער אַמאָל שטאַרבען, און עס זאָל שוין קענען קומען צו אונז דער גרויסער דאָקטאָר!" אָבער ווען דער פירשט האָט דערהערט דיזע רייד איז ער געוואָרען בייז און ער האָט אויף זיינע דיענער אָנגעשריען: „שוטים וואָס איהר זייט!

פערשטעהסט איהר דען ניט ווארום איך ברענג ניט אראפ דעם דאקטאר יעצט, בעת דער קוכער לעבט נאך? איך האב ביי זיך געגעבן פלאץ פאר ביידען, נאר אזוי לאנג ווי דער קוכער לעבט נאך, דארף איך קיין דאקטאר ניט, ניט איך און ניט מיין גאנצע הויז־געזינד, נאר, טאמער, חלילה, שטארבט מיין קוכער אוועק, האב איך שוין מורא, און איך האב זיך דארום בעצייטענס פערזארגט מיט א גוטען דאקטאר. בעסער זאל דער קוכער לעבען און איך זאל ניט דארפען אנקומען צו א דאקטאר."

## נ מ ש ל

די גמרא זאגט אויף דעם: „פאלג דעם דאקטאר איידער דו דארפסט איהם האבען", (אוקיר לאסיא עד לא תצטרך ליה). בעסער אז מען פאלגט די געזונדהייטס־פארשריפטען און מען היט זיך מיט'ן עסען וועט מען קיין דאקטאר ניט דארפען.

## 119
## א קנאפער נחת

איינער האט געהאט צוויי זיהן אין א ווייטער שטאדט. איינער פון זיי איז געווען זעהר רייך. דער אנדערער א גרויסער ארימאן. דער רייכער האט קיינמאל זיך ניט געקימערט וועגען זיין ארימען ברודער, ווייל דער רייכער איז געווען א קארגער און א שלעכטער. איינמאל האט זיך דעם רייכען פערגלוסט צו פאהרען צו זיין פאטער אויף א בעזוך און איהם פערשאפען א ביסעל נחת. דער וועג איז געווען א ווייטער און די רייזע האט איהם אבגעקאסט א סך געלד. און ווען דער זוהן איז געקומען צו זיין פאטער, האט ער איהם

געצייגט א חשבון פון דעם ווי פיעל עס האט איהם אבגע־
קאסט די רייזע און ער האט געזאגט צו זיין פאטער: „זעה,
טאטע, דא האסטו א בעווייז ווי ליעב און ווי טייער דו ביזט
ביי מיר. איך האב ניט געזשאלעוועט קיין געלד און איך
האב געמאכט די לאנגע רייזע, אום דיר צו פערשאפען א
ביסעל פערגעניגען".

דער פאטער האט א קוק געטאהן אויפ'ן חשבון, האט
א שאקעל געטאהן מיט דעם קאפ און געזאגט:

„מיין זוהן! דו האסט מיר געקענט פערשאפען א פיעל
גרעסערען נחת ווען דו וואלסט פערבליבען אין דער היים
און די געלד וואס דו האסט אויסגעגעבען אויף דער רייזע
וואלסטו אוועקגעגעבען צו דיין ארימען ברודער, וועלכער איז
אין גרויס נויטה".

## נ מ ש ל

מיר פאסטען א תענית און מיר מיינען אז מיט דעם
פערשאפען מיר דעם אייבערשטען פיעל נחת. אבער א
פיעל גרעסערען נחת קענען מיר איהם פערשאפען ווען מיר
גיבען אז ארימאן אבצועסען.

## 120

# א פוהר מיט גלעקלעך

אמאל איז געווען א גרויסער סוחר וואס פלעגט ארומ־
פאהרען איבער די שטעטלעך און פערקויפען סחורה צו קרע־
מער אויף בארג, אז זיי זאלען בעצאהלען א בעשטימטען
טערמין. דיזע שטעטעלעך זיינען אלע געווען ארימע און
די סוחרים זיינען געווען שלעכטע צאהלער וואס האבען פיינד
געהאט צו צאהלען אפילו ווען זיי האבען געהאט געלד. מיט

דער גרינער גאַל פּלעגט דעם סוחר אָנקומען צו קריגען פון זיי עפּעס, כאָטש אַ קליינע סומע אויפ'ן חוב. נאָר אײן שטאָדט איז געווען אַ רײכע און די קרעמער דאָרט זײנען געווען גוטע צאָהלער וואָס פּלעגען צאָהלען פּינקטליך צו דער צייט.

ווען דער סוחר פּלעגט אַרויספאָהרען וועגען געשעפט, פּלעגט ער זיך אין יענע אָרימע שטעדטלעך אויף לאַנג ניט אָפּשטעלען, נאָר ער פּלעגט דורכפאָהרען אויף גיך, און אויב אימיצער האָט איהם געפרעגט אויב ער האָט עפּעס גוטע סחורה צו פערקויפען, פּלעגט ער ענטפערען אונטער דער נאָז: „איך האָב נישט“, און פּלעגט ווייטער פאָהרען. אָבער ווען ער פּלעגט אָנקומען ביי יענער שטאָדט וואו עס האָבען זיך געפונען די פיינע סוחרים, די גוטע צאָהלער, פּלעגט ער אָנטשעפּען גלעקלעך אויף זיין פוהר און ער פּלעגט אַריינפאָהרען מיט גרויס פּאַראַד, אום אַז אַלע זאָלען וויסען אַז ער קומט, אַז ער איז שוין דאָ.

די קרעמער פּלעגען הערען די גלעקלעך, פּלעגען זיי זיך דערפרעהען, און זיי פּלעגען אַלע לויפען צו זיין אכסניא, און איהם אָפּגעבען וואָס זיי זיינען איהם שולדיג געווען פון פריהער און זיי פּלעגען בעקומען פרישע סחורה אויף אַ נייעם חשבון.

איינמאָל האָט געטראָפען אַן אומגליק, אַז די שטאָדט האָט אָבגעברענט, און די אַלע פיינע סוחרים זיינען געבליבען אָרים און הייל־נאַקעט. פון דער סחורה און זייערע קראָמען זיינען פערבליבען אָבגעברענטע רעשטלעך. עס איז זיי געווען גוט ביטער אויפ'ן האַרצען, דען זיי האָבען געוואוסט אַז דער סוחר וועט באַלד קומען מאַהנען געלד פאַר זיין סחורה און זיי האָבען ניט וואָס איהם צו געבען.

דער סוחר איז געקומען און, ווי זיין שטייגער איז אימער געווען, איז ער דיזען מאָל אויך אַריינגעפאָהרען אויף אַ פוהר מיט גלעקלעך . . . און ווען די פעראָרימטע קרע־

מער האבען געהערט דעם קלינגען האבען זיי זיך צואווײנט, און אלע האבען זיך א לאז געטאהן צום סוחר מיט זייערע אבגעברענטע רעשטלעך איז די הענד און האבען געזאגט: „אט דאס איז אלעס וואס מיר פערמאגען; דאס איז אלעס וואס עס איז אונז פערבליבען פון דער גרויסער שרפה, וואס האט אונז אונגליקליך געמאכט. ווילסטו, קענסטו אונזער ביסעל פערבליבענעם דלות נעהמען אויפ'ן חוב."

ווען דער סוחר האט געזעהן אז זיי זיינען פערארימט, דאס זיי ווילען צאהלען נאר זיי קענען ניט, האט ער זיי גע־טרייסט און האט זיי ווידער געגעבען סחורה אויף בארג.

נמשל

דער אייבערשטער שפייזט די גאנצע וועלט און ער ער־ווארטעט אז יעדער איינער זאל בעצאהלען מיט מצוות און מעשים טובים. זיינען אבער דא א סך שלעכטע צאהלער, אנזעצער, וואס דרעהען זיך אוים פון צאהלען. וויל דער אייבערשטער מיט זיי ניט האנדלען. ער וויל האנדלען בלויז מיט זיינע צדיקים, מיט גוטע צאהלער. און ווען אפילו עס טרעפט אז די צדיקים בלייבען שולדיג און קענען ניט צאהלען, בארגט ער זיי דאך ווייטער, ווייל ער ווייס אז זיי וועלען סוף כל סוף בעצאהלען.

## 121
## מיר לעבען מיט נסים

א פאטער האט געשיקט זיין זוהן לערנען אין אן אנדער שטאדט. האט ער אבגעמאכט מיט א דארטיגען בעל־הבית, אז ער זאל דעם זוהן בייזיך האלטען, זאל איהם געבען עסען און טרינקען און א צימער צו שלאפען, און ער האט מיט

איהם אבגעמאכט וויפיעל ער זאל איהם צאהלען פון וואך, אדער פון חודש. דערוויל איז דארט דער זוהן קראנק געווארען און האט פערלארען דעם אפעטיט, אזוי דאס ער האט כמעט ווי אויפגעהערט צו עסען. סוף זמן, אז דער פאָ־טער איז געקומען אבנעהמען זיין זוהן אויף יום־טוב אהיים, האט ער ניט געוואלט בעצאהלען די גאנצע סומע וויפיעל עס האט ארויסגעקומט פאר דעם אינגעל'ס קעסט. דער פאטער האט גע'טענה'ט, דאס אזוי ווי דער אינגעל האט די גאנצע צייט ווייניג געגעסען, צוליעב זיין קראנקהייט, בכן קומט באר איהם ניט אזוי פיעל. אבער דער בעל־הבית, ביי וועמען דער אינגעל איז געשטאנען, האט גע'מענה'ט, אז גראדע ווייל דער אינגעל איז געווען קראנק קומט איהם ארויס נאך מעהר, ווייל עס קאסט מעהר געלד און מיה צו שפייזען און פפלעגען א קראנקען מענשען ווי א געזונטען.

## נמשל

עס זיינען דא אזעלכע אידען וואס טענה'ן אזוי: ווען מיר זיינען געווען אויף אונזער לאנד און דער אייבערשטער האט אויף אונז גוט אויפגעפאסט, זיינען מיר מחויב געווען איהם צו דיענען; אבער יעצט, אז מיר זיינען אין גלות און מיר ליידען אזוי פיעל, פארוואס קומט איהם אז מיר זאלען איהם דיענען? איז דער תירוץ אויף דעם אזוי: אין גלות געשעהען מיט אונז יעדען טאג מעהר נסים ווי ווען מיר זיינען געווען אויף אונזער אייגען לאנד, נאר מיר זיינען צו בלינד זיי צו זעהן.

## 122
# דער מרה שחורה׳ניק

ביי א מלך איז געווען א זוהן, וואס איז געווען א גרויסער מרה־שחורה׳ניק. ער איז שטענדיג ארומגעגאנגען זעהר אומעטיג און האט רק געזיפצט. קיינמאל האט מען ניט געזעהן קיין שמייכעל אויף זיינע ליפען, אדער געהערט פון איהם א פרעהליכען ווארט. האט דער מלך זיך בעראטהען מיט זיינע מיניסטארען, און זיי האבען געגעבען אן עצה, אז דער מלך זאל פאר זיין זוהן אויסבויען א פרעכטיגען פא־לאסט, מיט א שעהנעם גארטען ארום, און אין דעם פאלאסט זאלען די ווענט זיין געמאהלען מיט הערליכע קאלירען, און אלע דיענער פון דעם פאלאסט זאלען זיין געזונטע מענשען און מיט פרעהליכע, ליכטיגע פנים׳ער. יעדע נאכט זאל שפיעלען א גרויסער ארקעסטער און עס זאלען קומען די בעסטע טענצער און טאנצען.

אזוי האט דער מלך געטאהן.

אבער אנשטאט צו ווערען פרעהליכער איז דער בן־מלך נאך אומעטיגער געווארען. ער איז געווארען נאך א פיעל גרעסערער מרה־שחורה. האט דער מלך ניט געקענט פערשטעהן ווי אזוי דאס קומט. האט ער געלאזט צוזאמענ־רופען די גרעסטע דאקטוירים פון לאנד און זיי פרעגען וואס צו טאהן, ווי אויסצוהיילען דעם בן־מלך פון זיין קראנקהייט.

די דאקטוירים האבען ארומגערעדט דעם ענין דריי טעג און דריי נעכט, און עס איז ביי זיי געבליבען אז מען דארף טאהן פערקעהרט ווי די מיניסטארען האבען געראטהען. מען קען ניט געהן געגען דער נאטור פון א מענשען און היילען א מרה־שחורה׳ניק דורך מוזיק און טענץ. נאר גראדע פער־

קעהרט, מען דארף די רפואה צופאסען צו זיין נאטור, מען דארף איהם געבען וואס זיין נאטור פאדערט. און זיי האבען געראטהען דעם מלך, אז ער זאל פאר דעם חולה קריגען אן ארימע שטיבעל מיט שווארצע ווענט, און משרתים זאל ער איהם געבען קאליקעס, קראנקע, וואס האלטען בסדר אין קרעכצען און זיפצען: די מעבעל אין דער הויז זאל זיין אלט און צובראכען און די פענסטער זאלען זיין פערשמירט מיט מאזשע, אז עס זאל אריין ווייניג ליכט. דעם מלך איז אפילו די עצה ניט געווען גאר צום הארצען. ער האט קיין הארץ ניט געהאט אזוי צו טאהן צו זיין אייגענעם זוהן, אבער ער האט פערשטאנען אז דאס איז דער בעסטער וועג איהם צו היילען, און אז נאכדעם ווי דער מרה־שחורה'ניק וועט פאר א צייט ליידען אמת'ע צרות, ניט קיין איינגעבילדעטע, וועט ער זיך פרעהען ווען מען וועט איהם פון דער ארימער שטיבעל אוועקנעהמען.

דער מלך האט געפאלגט די עצה פון די דאקטוירים, און נאכדעם ווי דער בן־יחיד איז אבגעווען אין דער שטיבעל עטליכע חדשים האט ער זיך דערפרעהט ווען דער מלך האט איהם צוריקגענומען אהיים. ער האט זיך געפרעהט מיט יעדער זאך וואס ער האט געזעהן ביי זיין פאטער אין פאַ־לאסט, און ער האט שוין מעהר ניט געטרויערט.

## נ מ ש ל

דערפאר איז ניט גוט פאר א אידען זיך צו פרעהען אין גלות. פון א פרעהליכען געזאנג ווערט דער איד נאך אומעטיגער, נאר ווען ער הערט א סקארבאווען נגון, וואס נעהמט איהם פאר'ן הארצען, ווערט איהם לייכטער . . .

## 123
## ביי וועמען עס איז גוט צו פרעגן

אז ארימאן, וועלכער האט ניט געהאט פון וואס צו לעבען, האט זיך געוואלט אוועקלאזען איבער דער מדינה, אום צו געהן איבער די הייזער. אזוי ווי דער ארימאן איז קיינמאל ניט ארויס פון זיין שטעדטעל און האט גאנץ ווייניג געוואוסט וועגען רייזען איבער דער וועלט, האט ער גענומען טראכטען ביי וועמען מען פרעגט אן עצה. ער האט געוואוסט אז דער גביר פון שטעדטעל פאהרט גאנץ אפט אין אנדערע שטעדט וועגען געשעפט, איז ער אוועק צו איהם און האט געזאגט:

„איך בין געקומען צו אייך איהר זאלט מיר געבען עפעס א ידיעה, ווי איז מען זיך נוהג אז מען פאהרט ארום איבער דער וועלט. איהר זייט דאך א מענש וואס מאכט גאנץ אפט ווייטע נסיעות צוליעב אייערע געשעפטען, און איך וויל זיך אויך יעצט אוועקלאזען זעהר ווייט צוליעב מיין פרנסה, וועט איהר דאך מיר מסתמא געבען א גוטע עצה."

דער גביר האט זיך צולאכט און געענטפערט:

„אז דו ווילסט זיך לאזען איבער דער וועלט צו געהן איבער די הייזער קומסטו מיך פרעגען אן עצה? וואס ווייס איך וועגען אזעלכע זאכען? דו דארפסט פרעגען ביי אזעלכע ארימע־לייט ווי דו, וואס ווייסען וואו מען קריגט אויפ'ן וועג א פרייעם נאכטלעגער, אדער א פרייעם מאהלצייט. אבער וואס פאר אן עצה קען איך דיר געבען?"

### נמשל

„לב יודע מרת נפשו" — נאר א הארץ וואס איז אליין

פערביטערט קען פערשטעהן דעם הארצוועהטאג פון אַן אַנדערען.

## 124
## אַ שלאָפּעדיגער גאַסט

אַ יונגער־מאַן האט איבערגעלאָזען זיין שטאָדט און זיין משפּחה און איז אַוועק אין אַן אַנדער שטאָדט, אין אַן אַנדער לאַנד, גאַנץ ווייט פון זיין היים. עס פערשטעהט זיך אַז ער האט שטאַרק געבענקט נאָך זיינע אייגענע, און ער פלעגט אַלץ אַרויסקוקען, טאָמער קומט אַמאָל אַ מענש פון זיין שטאָדט, ביי וועמען ער זאָל קענען אויספרעגען וואס זיין משפּחה מאַכט.

איינמאָל איז דורכגעפאָהרען אַן אָרימאַן, וואס געהט איבער די הייזער, און ווען דער אָרימאַן איז אַריין צום יונגען־מאַן אין הויז, האט ער איהם דערקענט אַז ער קומט פון זיין שטאָדט. דער יונגער־מאַן האט זיך שטאַרק דער־פרעהט מיט דעם אָרימאַן, האט איהם געבעטען צו זיצען מיט איהם און פערברענגען און שמועסען וועגען זייער שטאָדט און וועגען זיין משפּחה. האט דער אָרימאַן גע־זאָגט:

„איך בעט דיך, האַלט מיך ניט אָב. איך בין אָהער געקומען צו קלייבען נדבות און מיין צייט איז מיר זעהר טייער."

„איך וועל דיר בעצאָהלען פאַר דער צייט," האט דער יונגער־מאַן געענטפערט. „וויפיעל קענסטו אַנקלייבען אין אַ טאָג? צוויי, דריי גילדען — טאַ נאַ דיר דריי גילדען און זיץ מיט מיר."

דער אָרימאַן האט צו דעם איינגעווילינגט. דער יונגער־

מאַן האָט געהייסן גרייטן צום טיש פאַר'ן גאַסט, גוטע זאַכן צו עסן און ווײַן צו פאַרטרינקען. דער אָרימאַן האָט קודם כּל זיך זאַט אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען, און נאָכדעם האָט איהם אָנגעהויבן צו שלעפערן. דער יונגער־מאַן פרעגט זיך נאָך אויף זײַנע אייגענע און דער אָרימאַן גיט עפּעס אַ זאָג אונטער'ן נאָז, גיט אַ גענעץ און דרעמעלט איין. און צום סוף זאָגט דער אָרימאַן: „נאָך אַזאַ גוטער סעודה ווילט זיך אַ ביסעל שלאָפען. זײַ אַזוי גוט און צייג מיר אַ בעטעל וואו איך זאָל זיך קענען גוט אויסשלאָפען.“

ווען דער יונגער־מאַן האָט דאָס געהערט, איז ער געוואָרען אויסער זיך פאַר כּעס און ער האָט אָנגעשריען אויף דעם אָרימאַן: „דו, שנאָרער איינער! אַט אויף דעם האָב איך דיר געגעבען עסען און טרינקען, כּדי דו זאָלסט נאָכדעם קענען שלאָפען און צו מיר אַ וואָרט ניט וועלען ריידען . . .“

## נ מ ש ל

דער אייבערשטער בענקט שטאַרק נאָך דער נשמה, וואָס ער האָט געגעבען דעם אידען, און ער וויל פון איהר הערען. דערפאַר האָט ער דעם אידען געגעבען דעם שבת, אַ טאָג אין וועלכען דער אייבערשטער נעהמט דעם אידען צו זיך אויף קעסט, כּדי צו הערען עפּעס פון דער נשמה. נאָר אויב דער איד עסט זיך אָן און טרינקט זיך אָן און לייגט זיך נאָכדעם שלאָפען, ניט ריידענדיג פון עפּעס נשמה־זאַכען, האָט ער, כּביכול שטאַרק פאַראיבעל.

## 125
# העלפען און שענקען

איינער האט זיך געשטעלט אין גאס אויף א לייטער, וואס איז געווען צוגעשפארט צו א הויז. דער לייטער האט זיך אנגעהויבען צו שאקלען און דער מאן האט אנגעהויבען צו רופען א פארבייגעהענדען אין גאס, אז ער זאל צוהאלטען דעם לייטער. „איך האב דיך ניט געבעטען צו קריכען אויפ'ן לייטער און איך דארף דיך ניט צוהאלטען!" האט דער פאר־בייגעהער געענטפערט. פלוצלונג איז דער מאן ארונטערגע־פאלען און האט זיך צובראכען דעם נאקען. ער איז געבליבען ליגען אויף דער ערד א פערבלוטיגטער. דאן איז דער פער־בייגעהער צו איהם צוגעלאפען, האט איהם אויפגעהויבען מיט גרויס רחמנות און געטראגען אין שפיטאל.

אין שוהל, בין מנחה למעריב, האט דער „בעל טובה" זיך בערימט פאר אלעמען, אז ער האט היינט פערדיענט א גרויסע מצוה און ער האט דערצעהלט די גאנצע געשיכטע. האט איינער צו איהם געזאגט: „א פיעל גרעסערע מצוה וואלסטו פערדיענט ווען דו וואלסט אונטערגעהאלטען דעם לייטער, אז דער אונגליקליכער זאל ניט ארונטערפאלען."

### נמשל

די תורה האט אונז געלערנט צו העלפען מענשען, אז זיי זאלען קענען שטעהן אויף זייערע אייגענע פיס און ניט דארפען אנקומען צו אונז אז מיר זאלען זיי געבען נדבות. דאס מיינט „וחי אחיך עמך" — דיין ברודער זאל קענען לעבען אזוי ווי דו.

## 126
# אַ ריכטיגער סימן

צוויי אָרימע־לייט זיינען אָנגעקומען אין אַ שטאָדט, האָבען זיי בעמערקט ווי אין איין הויז קאָכט מען און מען באַקט, און מען גרייט צו אַזוי ווי צו אַ גרויסער שמחה. זאָגט דער עלטערער אָרימאַן צו דעם אינגערען: „אָט דאָ לאָמיר אַריינגעהן אין הויף און זיך דאָרט אַרומדרעהען, ביז עס וועט זיך אָנפאַנגען די סעודה, דאַן וועלען מיר אַריינ־געהן אין הויז, וועט מען אונז אויך געבען עסען פון דער סעודה."

זיינען זיי אַריין אין הויף און זיך דאָרט אַוועקגעזעצט. ביי אַ שטונדע זיינען זיי אַזוי געזעסען און געוואַרט, און צו זייערע נאָזלעכער האָבען זיך פון קיך דערטראָגען אַלערליי ריחות פון געשמאַקע בראַטענס און געבעקס. מיט אַמאָל הויבט זיך אויף דער עלטערער אָרימאַן און זאָגט צום אינ־גערען: „קום, לאָמיר אַוועקגעהן. מיר האָבען געמאַכט אַ טעות. דאָ ווערט בלויז געקאָכט און געבאַקען פאַר דער סעודה. עסען די סעודה וועט מען אין אַנדער אָרט."

זיינען זיי אַרויס אין גאַס און גענומען נאָכפרעגען. האָט מען זיי געזאָגט: „דאָ גרייט מען נאָר אָן די סעודה. עסען וועט מען די סעודה דאָרט און דאָרט."

„זאָגט מיר," האָט דער אינגערער אָרימאַן געפרעגט דעם עלטערען, „ווי אַזוי האָט איהר עס פערשטאַנען, אַז די סעודה וועט מען ניט עסען אין דער הויז וואו עס ווערט געקאָכט?"

„איך וועל דיר דאָס ערקלערען," האָט דער עלטערער געענטפערט. „איך האָב געזעהן ווי די באַלעבאָסטע האַלט כסדר אין נאַשען פון די מאכלים, און איהר מאַן מיט די

קינדער האט זי אויך געגעבען צו עסען פון די מאכלים. טראכט איך מיר, דער שטייגער פון א פרוי איז, אז ווען זי האט א סעודה ביי זיך אין הויז, נאשט זי ניט יעדע ווײלע פון די טעפלעך און איהר מאן און איהרע קינדער גיט זי אויך גארנישט. זי וויל בעסער אז אלע זאלען עסען ביי דער סעודה, ביי א געגרייטען טיש, און הנאה האבען מיט אלע געסט צוגלייך. אבער אזוי ווי זי נאשט פריהער און גיט דעם מאן מיט די קינדער צו עסען ווען די מאכלים זיינען נאך היים, איז א סימן אז שפעטער וועט ניט זיין וואס זיי צו געבען, דען ווען וועט די גאנצע סעודה צונעהמען פון זייער הויז."

## נמשל

די רשעים ווייסען אז די סעודה וואס ווערט אנגעגרייט אויף דער וועלט וועט מען עסען אויף יענער וועלט. אבער זיי וועלען פון דער סעודה גארנישט געניסען, דארום זוכען זיי וואס מעהר צו נאשען און ארייצוכאפען פון דער סעודה, אזוי לאנג ווי זיי זיינען נאך אויף דער וועלט.

## 127
## דער פער'משכונ'טער פוטער

איינער האט געהאט א טייערען פוטער, און צוליעב א נויט האט ער איהם געמוזט פער'משכונ'ען. דער פוטער איז געלעגען ביים מלוה א לאנגע צייט, ביז ער האט זיך שוין מייאש געווען אז דער אייגענטימער וועט אמאל קומען דעם פוטער אויסלייזען. האט דער מלוה געשיקט נאך א שניידער און ביי איהם בעשטעלט אז ער זאל דעם פוטער צושניידען און איבערנעהען אויף זיין מאס. ווען דער ארי־

מער איינגענטימער פון פוטער האט זיך פון דעם דערוואוסט, האט ער זיך געלאזט לויפן צו זיינע פריינד און האט פאר זיי גענומען וויינען און זיי בעטן, אז זיי זאלן אויסלייזן זיין פוטער.

„זאג מיר," האט איינער פון די פריינד געפרעגט, „שוין אזא לאנגע צייט ווי דער פוטער ליגט אין משכון און דיך האט עס קיינמאל ניט געארט, טא ווארום קלאגסטו יעצט אזוי שטארק?"

„איך וועל אייך זאגן," האט דער יורד ערקלערט. „די מעשה איז אזוי: אזוי לאנג ווי מיין פוטער איז געווען א גאנצער און איז נאך אלץ געווען גוט פאר מיין מאס, האב איך נאך געהאט האפנונג אז איך וועל איהם אמאל אויס־לייזן. אבער יעצט, אז יענער וויל איהם צושניידען און איבערמאכען אויף אן אנדער מאס, וועל איך שוין קיינמאל ניט קענען האפען אויף צוריק צו קריגען מיין פוטער."

## נ מ ש ל

דער אייבערשטער האט די אידען אוועקגעגעבען אין משכון צו די גוים, אז די אידען זאלען זיין אין גלות ביז ער וועט זיי אויסלייזען. אזוי לאנג ווי די אידען האבען גע־לערנט תורה, געהיט אידישקייט און געלעבט לויט זייער אייגענם אלטען שניט, האבען זיי נאך געקענט האפען אויף צו ווערען אויסגעלייזט; אבער יעצט, אז זיי האבען אנגענומען פרעמדע זיטען און די גוים האלטען ביים איבערמאכען זיי לויט זייער מאס, דארף מען בעטען און שרייען אז דער איי־בערשטער זאל אונז וואס פריהער אויסלייזען.

## 128
# אַן אשת חיל

אַ מאַן איז געקומען אַהיים עסען מיטאָג. די קינדער זיינען נאָך געווען אין חדר און מען האָט זיך געאיילט אַז זיי וועלען אויך באַלד קומען עסען. אין הויז האָט זיך געפֿערט אַ געמיש פֿון פֿערשיעדענע געשמאַקע ריחות פֿון בראַטען און געבעקס. דער מאַן האָט געוואַשען די הענט און האָט זיך געזעצט צום טיש דערוויל עפּעס איבערבייסען. „געדענקסט, מיין פֿרוי," האָט דער מאַן געזאָגט, „ווי אַמאָל זיינען מיר געווען זעהר אָרים. מיר האָבען געוואוינט אין אַן ענגער דירה און קוים פֿערדיענט אויף אַ לעבען. אָבער יעצט, ברוך השם, האָבען מיר אַלעס בהרחבה."

„דאָס האָט אונז דער אייבערשטער געבענשט צוליעב אונזערע קינדער," האָט די פֿרוי געענטפֿערט. „מיט יעדען קינד שיקט ער אונז צו נייע מזל וברכה."

דערוויל האָט די מוטער דערזעהן דורכ'ן פֿענסטער אַז איהרע קינדער קומען, האָט זי געזאָגט: „אָט קומען זיי שוין, אונזערע טייערע קינדערלעך!" און זי האָט דערלאַנגט צום טיש מעהר טעלער מיט גוטע זאַכען.

„דו טוהסט אַזוי ווי דער אייבערשטער," האָט דער מאַן געזאָגט. „דו דערלאַנגסט אויך מעהר צום טיש צוליעב אונזערע קינדער."

### נ מ ש ל

אַז אשת חיל איז אַ ברכה פֿון הימעל.

## 129
## די דריי גוטע פריינד

איינער, א גרויסער עושר, האט אוועקגעשיקט זיין בן־יחיד לערנען אין אן אנדער שטאדט. פאר זיין אבפאהרען האט איהם דער פאטער אויסגעקליידט אין די פיינסטע מלבושים. נאכדעם ווי דער זוהן איז אנגעקומען אין יענער שטאדט, האט זיך איהם געטראפען א סיבה: געהענדיג נעבען א בלאטע, האט ער זיך אויסגעגליטשט, איז ארייננגעפאלען אין וואסער און האט פערשמוצט זיינע קליידער.

אין דעם זעלבען חדר וואו דער אינגעל האט געלערנט איז געוועזן נאך א אינגעל, וועלכער האט איהם שטארק מקנא געוועזן און האט אין הארצען געטראגען א שנאה אויף דעם רייכען בן־יחיד. האט דער שלעכטער חבר, דער ניט־פערגינער, אוועקגעשריבען א בריעף צום בן־יחיד׳ס פאטער בזה הלשון: „איהר זאלט וויסען זיין אז אייער אינגעל איז דא געווארען זעהר ווילד און צולאזען: ער שפרינגט און טאנצט אין מיטען גאס ווי א משוגענער, און איינמאל איז ער אריינגעשפרונגען אין א בלאטע און האט איבערגעפיהרט זיינע קליידער, אזוי אז עס איז א חרפה אויף איהם א קוק צו טאהן. איהר מוזט איהם שיקען נייע קליידער.“

א פריינד, וואס איז געוועזן אין דער זעלבער שטאדט, האט זיך דערוואוסט וואס יענער שלעכטער חבר האט געשריבען צום בן־יחיד׳ס פאטער, האט ער גלייך אוועקגעשריבען א בריעף מיט די ווערטער: „די מעשה איז שקר וכזב. אייער אינגעל האט זיך גאנץ אומגערן אויסגעגליטשט און האט זיך א ביסעל בעשפריצט מיט וואסער. אבער זיינע קליידער זיינען גוט ווי געווען, בלויז א קליינער פלעק איז

געוועז צו זעהן, און דעם פלעק האט מען שוין אויך ארויס־גענומען.״

נו, דער פריינד האט דעם בן־יחיד געטאהן נאך אז ערגערע רעה ווי דער שלעכטער חבר. דעז ווען דער פאטער האט בעקומען דעם ערשטען בריעף איז ער טאקע שטארק בייז געווארען אויף זיין זוהן, וואס ער איז אזוי ווילד גע־ווארען, אבער אז זיין כעס האט זיך א ביסעל אבגעקיהלט, האט ער זיך בערעכענט אז עס איז דאך א רחמנות צו לאזען א קינד ארומגעהן אין שמוציגע קליידער. האט ער זיך גע־נומען גרייטען צו שיקען איהם אנדערע קליידער. אבער באלד איז אנגעקומען דער בריעף פון דעם פריינד, אז דער איינגעל איז גארניט שולדיג און די קליידער זיינען נאך גוט, האט זיך דער פאטער געפרעהט, אבער אנדערע קליידער האט ער דעם זוהן ניט געשיקט.

שפעטער האט דער פאטער בעקומען א דריטען בריעף. דאס איז געוועזן פון נאך א פריינד, און דיזער איז שוין גע־וועזן קליגער. ער האט געשריבען: „עס איז טאקע דאך אמת, אז די קליידער זיינען אינגאנצען איבערגעפיהרט גע־ווארען, אבער אייער זוהן איז גארניט שולדיג. אייער זוהן איז זיך רוהיג, שטאטנע געגאנגען אין גאס, ווי א גוטער איינגעל, נאר א שייגעץ האט איהם געגעבען א שטארקען שטויס און ער איז געבער אריינגעפאלען אין בלאטע.״

אט דער פריינד האט דעם איינגעל געטאהן די ריכטיגע טובה: אי ער האט בערוהיגט זיין פאטער, אז ער זאל ניט זיין בייז אויף זיין קינד, אי ער האט געמאכט אז דער פאטער זאל איהם שיקען אנדערע קליידער.

## נ מ ש ל

אום צו זיין גוט דארף מען זיין אויך קלוג און וויסען ווי צו טאהן אימיצען א טובה. פון א טובה וואס א נאר טוהט קען זיך אניסלאזען א רעה.

## 130
# אַ אינגעל מאַכט אַ חשבון

אַ קליינער אינגעלע איז אַרומגעלאָפּן איבער׳ן צימער, רייטענדיג אויף אַ בעזים. זיין פאָטער האָט ניט געקענט פערטראָגן דעם טומעל, האָט ער צו איהם געזאָגט: „הער אויף, מיין קינד, צו פאָהרען אויף דיין פערדעל און איך וועל דיר דערפאַר געבען דריי גראָשען.״ אויף מאָרגען, אַז דער אינגעל האָט ווידער אָנגעהויבען צו רייטען אויפ׳ן בעזים, האָט איהם דער פאָטער ווידער געגעבען דריי גראָשען, אַז ער זאָל אויפהערען. דער אינגעל האָט געזעהן אַז עס איז אַ גוטער געשעפט, האָט ער יעדען טאָג זיך אַרויפגעזעצט רייטען אויפ׳ן בעזים און האָט גלייך אָבגענומען דריי גראָשען ביים טאַטען.

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען ביז דער פאָטער האָט גע־דאַרפט אוועקפאָהרען אויף אַ לאַנגער צייט אין אַ ווייטער לאַנד. עטליכע יאָהר כסדר האָט דער פאָטער פערבראַכט אין דעם ווייטען לאַנד, און אין דער צייט פלעגט דער אינגעל יעדען טאָג נעהמען אַ בעזים, זיך אַרויפזעצען אויף דעם רייטען, אַ ביסעל אַרומלויפען איבער׳ן צימער, און נאָכדעם פלעגט ער אַרונטערקריכען און פערשרייבען אין אַ ביכעל, אַז עס קומט איהם אַרויס פון טאַטען דריי גראָשען.

ווען דער פאָטער איז ענדליך געקומען אַהיים, איז דער אינגעל שוין געווען אַ היבשער בחור׳ל. און ווי נאָר דער פאָטער האָט זיך אַ ביסעל אָבגערוהט פון וועג, האָט איהם דער בחור׳ל געציינט אַ חשבון אין זיין ביכעל, אַז עס קומט איהם אַרויס אַ סך געלד. האָט דער פאָטער זיך געוואונדערט און געפרעגט: „צי קען איך דיר צאָהלען דריי גראָשען פאַר

יעדען טאג וואס דו ביזט ניט געפאהרען רייטענדיג אויפ'ן בעזים?"

„איך זאג דיר, טאטע, אז דריי גראשען איז א קליי־ניגקייט. ביי אן אנדערען וואלט איך גענומען ניט ווייניגער ווי א גילדען," האט דער זוהן געענטפערט.

ווען דער פאטער האט געהערט אזעלכע ווערטער, האט ער מיט כעס אויסגערופען:

„דו, נאר אייבער! ווען דו ביזט געווען א קליינער איינ־געלע פלעג איך דיך אונטערקויפען מיט דריי גראשען, כדי דו זאלסט זיך ניט נאריש מאכען. אבער יעצט, אז דו ביזט א גרויסער, דארפסטו זיך נאר שעהמען צו פאהרען רייטענדיג אויף א בעזים, און ווען איינער זאל דיר דערפאר וועלען צו־צאהלען צעהן גילדען, דארפסטו זיך שעהמען דאס צו טאהן. און דו פערלאנגסט נאך אז איך זאל דיר בעצאהלען פאר דעם וואס דו האסט זיך ניט נאריש געמאכט?"

### נ מ ש ל

א סך מענשען ווילען אז מען זאל זיי צוצאהלען דער־פאר וואס זיי האלטען זיך ארענטליך. זיי פערגעסען אז צו האלטען זיך ארענטליך איז זייער פפליכט צו זיך אליין.

## 131
## ד ע ר  ג ב ו ר

א גרויסער גבור איז ארומגעפאהרען פון שטאדט צו שטאדט צו צייגען זיינע גבורות. ער איז געקומען אין א גרויסער שטאדט, וואו דער מלך אליין האט געוואוינט, און די שטאדט האט געהאט גרויסע טויערען און פאלאסטען און

שטארקע פעסטונגען. און אז דער מלך האט איהם געבעטען צו צייגען זיינע גבורות, האט דער גבור זיך אוועקגעשטעלט נעבען א גרויסער מויער, זיך אנגעשפארט אן דער וואנט מיט זיין גאנצען כח, און דער מויער איז איינגעפאלען. נאכדעם איז ער צוגעגאנגען צו א גרויסען פאלאסט, האט א בלאז געטאהן מיט'ן מויל, זיינען אלע שויבען פון די פענסטער ארויסגעפאלען. דער מלך און אלע זיינע הארען, ווי אויך די איינוואוינער פון דער שטאדט, האבען דעם גבור שטארק בע־וואונדערט און איהם געגלויבט, אז ער איז דער גרעסטער גבור אין דער וועלט.

פאהרענדיג ווייטער אויף זיין וועג, איז דער גבור דורכ־געפאהרען א קליין שטעדטעלע. די מענשען זיינען דארט גע־ווען ארימע, דליתים, און זיי האבען געוואוינט אין אלטע חורבות מיט איינגעבויגענע ווענט. א סך פון די הייזער זיינען געווען האלב איינגעזונקען אין דער ערד. איז דער גבור ארונטער פון זיין וואגען און האט מיט זיינע הוילע הענט ארויסגעשלעפט פון דער ערד א הויז, וועלכע איז געווען א טייל איינגעזונקען. נאכדעם אז ער איז אנגעקומען אויף א קרומער וואנט, האט ער די וואנט אויסגעגלייכט. אט אזוי איז דער גבור ארומגעגאנגען איבער'ן גאנצען שטעד־טעל, דא האט ער אויסגעגלייכט אן איינגעבויגענע וואנט, דא האט ער אויפגעשטעלט אן איינגעזונקענע הויז אדער אן איינגעזונקענעם דאך, און די איינוואוינער פון דעם קליינעם שטעדטעל האבען אויך בעוואונדערט זיינע גבורות.

נאר דער אונטערשיעד פון די גבורות, וואס דער גבור האט בעוויזען אין דער גרויסער שטאדט, ביז די וואס ער האט בעוויזען אין דעם קליינעם שטעדטעל, איז דאס: אין דער גרויסער שטאדט האט ער געמאכט גרויסע שאדענס מיט זיין גבורה, אבער אין דעם קליינעם שטעדטעל האט ער מיט זיין גבורה א סך גוטעס געטאהן.

נ מ ש ל

יעדער מענש וואס האט מאכט עפעס אויפצוטאהן קען זיין מאכט פערוועגדען אויף גוטעס און אויף שלעכטעס. אבער אום צו ווערען גרויס דארף מען ניט פערוועגדען די מאכט אויף שלעכטעס.

## 132

# שטויב און בלאָטע

איינער האט געבויט א הויז. האט ער געוואלט אז די הויז זאל זיין פאלקאמען אין אלע פרטים, און אז עס זאל אין דעם ניט זיין קיין פעהלער. איבערהויפט האט ער בע־זארגט אז עס זאל ערגעץ ניט אין די ווענט, אין די טיהרען אדער אין די פענסטער פערבלייבען עפעס א לאך, אדער א שפאלט דורך וועלכען עס קען אריין שטויב, אדער שמוץ אין הויז. מיט איין ווארט: ער האט געוואלט אז די הויז אינוויינינג זאל זיין זעהר ריין און בעשיצט געגען אונריינקייט.

ווען די הויז איז פערטיג געווארען און דער בעל הבית האט שוין אין דעם אריינגעצויגען מיט זיין פאמיליע, האבען מענשען וואס האבען איהם בעזוכט געזעהן ביי איהם אין הויז בעזימער. האבען זיי געפרעגט: „צו וואס דארפסטו די בעזימער, אז דיין הויז איז געבויט אזוי, אז עס זאל אין דעם ניט אריין קיין שטויב און קיין שמוץ?“

„אמת, טאקע“, האט דער בעל הבית געענטפערט, „מיין הויז איז טאקע אזוי געבויט אז עס איז ניטא דורך וואנען עס זאל אריין א טראפען רעגען, אדער א זעמדעלע, אדער א שטויבעלע, אבער דאך, אזוי ווי עס קומען אריין פרעמדע מענשען פון דער גאס, און צו זייערע שטיוועל איז אפטמאל

צוגעקלעפט בלאטע און שטויב, און זיי טראגען דאס אריין מיר אין הויז, דארף איך האבען בעזימער אויסצוקעהרען."

### נ מ ש ל

די נשמה זיצט בעהאלטען טיעף, אין דעם מענשענס קערפער. די נשמה איז בעשיצט פון אלע טיילען פון דעם מענשענס קערפער: פון די הענד, וואס טארען ניט טאהן קיין שלעכטס; פון דעם מויל, וואס טאר קיין שלעכטס ניט ריידען; פון די אויערען, וואס טארען קיין שלעכטס ניט הערען און אזוי ווייטער. די נשמה וואלט קיינמאל ניט בעקור־מען אויף זיך קיין פלעק, ווען דעם מענשען וואלט ניט אויס־געקומען צו געהן האנדלען און וואנדלען, און דאן מוז ער זיך אננעהמען שטויב און בלאטע (ווען עס קומט איהם אמאל אויס צו זאגען א ליגען, אדער בעגעהן אן עולה), און דער שטויב מיט די בלאטע פאלען אויף דער נשמה, און עס העלפט איהר ניט וואס זי איז בעהאלטען און בעשיצט.

## 133
## דער ציגיינער

א ציגיינער האט גע'גנב'ט 2 איגגלער און האט זיי געפיהרט אין זיין וואגען צו זיך אהיים. די אינגלער האבען געוואוסט אז עס ערווארטעט זיי א ביטערער סוף, אבער זיי האבען נעבעך ניט געוואוסט וואס צו טאהן. דער ציי־גיינער איז געווען גרעסער און שטארקער פון זיי.

אויפ'ן וועג איז דער ציגיינער דורכגעפאהרען א שטעד־טעל און ער איז געפאהרען זעהר שנעל, טרייבענדיג זיינע פערד מיט א גרויסען בייטש. די אינגלער האבען פון ווייטען געזעהן ווי אין גאס געהען בעקאנטע מענשען, קרובים.

שרייען צו זיי האבען זיי מורא געהאט, טאמער וועלען די קרובים ניט הערען און דער ציגיינער וועט זיי נאכדעם געבען א הארבע שטראף. זאגט איין אינגעל צום אנדערען שטיל אויפ'ן אויער: „לאמיר זיך ארונטערוואַרפען פון וואגען. דער ציגיינער וועט זיך מוזען אבשטעלען, מענשען וועלען אנלויפען, און מיר וועלען זיי דערצעהלען אז ער האט אונז גע־גנב'ט פון דער היים".

„איך האב מורא", האט דער אנדערער אינגעל געענט־פערט. „איך האב מורא אז איך וועל זיך צוקלאפען און עס וועט מיר וועה טהאן פון דעם פאל".

„דו נאר איינער!" האט דער ערשטער אינגעל געזאגט. „וואס מיינסטו אז דער ציגיינער וועט דיך ברייננגען צו זיך א היים וועט ער דיך פיהרען אונטער די הענד ווי א בן יחיד? ער וועט דיך אראבשליידערען פון וואגען אזוי ווי א שעפס וואס מען פיהרט צו דער שחיטה, און וועט דיך צווינגען צו טאהן אלע שווערע ארבייט. איז דאך פיעל בעסער צו ליידען פון א פאל יעצט און נאכדעם זיין פריי אויף אימער, איידער זיין פערשקלאפט אויפ'ן גאנצען לעבען."

## נ מ ש ל

דער יצר הרע, דאס איז דער ציגיינער, וואס פאנגט דעם מענשען און שלעפט איהם אין זיין וואגען איהם צו מאכען פאר א קנעכט. דער צדיק ווייס אז אום ארויסצורייסען זיך פון דעם יצר הרע מוז ער ליידען, אבער עס וויל בעסער ליידען אויף א ווייל'ע, אויף דער וועלט, איידער ליידען אויף יענער וועלט אז אייביגקייט.

## 134
# זיך אַליין גענאַרט

א ישוב׳ניק איז שולדיג געווען דעם פּריץ א גרויסע סומע געלד, אבער אז עס איז געקומען דעם טערמין צו בע־צאָהלען האט דער ישובניק ניט געהאט דאס גאַנצע געלד ביי זיך. איז ער געזעסען ביי זיך אין דער היים און גע־צעהלט וואס ער האט געהאט, און אום זיך צו טרייסטען, האט ער געצעהלט פאַלש. א רובעל האַט ער געצעהלט פאַר דריי און פינף רובעל פאַר צעהן. זאָגט צו איהם זיין פרוי: „ביזט משוגע, צי חסר דעה? דו צעהלסט דאך פאַלש!“

ווערט דער מאַן אין כעס און שרייט אַן צוריק: „דו, א אידענע, ווערסט מיך לערנען ווי צו צעהלען? פערלאָז זיך אויף מיר אז איך צעהל שוין ריכטיג“.

הערענדיג אַזעלכע ווערטער האט שוין זיין פרוי מורא געהאט איהם ווייטער איבערצושפּארען. אבער אויף מאָר־גען, אז עס איז געקומען דער טערמין, און דער ישובניק האט אויסגעצעהלט דאס געלד פאַר׳ן פּריץ, און דער פּריץ האט איהם אויך געזאגט אז ער צעהלט פאַלש, האט שוין דער ישוב׳ניק איהם ניט געקענט ענטפערען מיט דער זעלבער חוצפה ווי ער האט געענטפערט זיין ווייב.

נ מ ש ל

אפּטמאָל, ווען א מענש זוכט צו נאַרען אַנדערע, נאַרט ער בלויז זיך אַליין.

## 135
# די גרויסע שיסעל

א אינגעל איז געקומען פון חדר זעהר הונגעריג און האט געזאגט צו זיין מוטער: „מאמע, גיב מיר עסען!“ די מוטער האט איהם געוואלט געבען עסען, אבער דערווייל האט זי דורכ'ן פענסטער געזעהן אז דער פאטער קומט א היים. האט זי גענומען א גרויסע שיסעל מיט א קאכלעפעל און האט גענומען איבערגיסען פון טאפ אין שיסעל אריין. דער אינגעל שטעהט נעבען איהר אוןווארט. „גענוג, מאמע, דאס וועט זיין גענוג פאר מיר“, האט ער געזאגט. אבער די מאמע האט ווייטער געגאסען. „מאמע, וואס דארף איך אזוי פיעל? ווי וועל איך דאס אלעס קענען אויפעסען?“ האט דער אינגעל ווייטער געפרעגט. די מאמע האט ווייטער גע־גאסען און געזאגט: „נארעלע, דאס איז ניט אלעס פאר דיר. די שיסעל איז פאר דיר מיט'ן טאטען. א ביסעל וועסטו אבגיסען פאר זיך אויף א טעלער און א ביסעל וועט ער נעהמען צו זיך, אין זיין טעלער.“

### נ מ ש ל

ווען א איד זעהט אז ער האט הצלחה, עס הייסט א פולע שיסעל, מעהר ווי ער אליין קען פערברויכען, זאל ער וויסען אז דער אייבערשטער האט דאס צוגעשיסט ניט פאר איהם אליין, נאר אז ער זאל פון דער שיסעל אויך געבען צו די גוטע און פרומע, אין וועמענס זכות ער לעבט.

## 136
## דעם זוהנ׳ס טענה

ביי א רייכען מאן האט זיך פערזינדיגט א זוהן. האט איהם דער פאטער ארויסגעטריבען. דער זוהן האט זיך ארומ־געשלעפט פון הויז צו הויז, גענעכטיגט אמאל ביי איינעם און אמאל ביי אן אנדערען. האט איהם איינער א שנארער. וואס געהט איבער די הייזער, געגעבען אן עצה: „ווילסט מיך פאלגען, דאן פערגעס אז דו ביזט א רייכען מאן׳ס א זוהן, לאז זיך אוועק איבער דער וועלט און געה איבער די הייזער, אזוי ווי איך, וועסטו האבען געלד און עסען.” דעם אינגעל איז די עצה געפעלען געווארען, און ער האט זיך גע־טראכט, אז אויב יא ארומגעהן איבער די הייזער, וועט ער טאקע אנפאנגען פון זיין אייגענער שטאדט, וואו אלע קענען איהם און וואו ער וועט זיכער קריגען שעהנע און גרעסערע נדבות. האט ער אנגעהויבען ארומצוגעהן איבער די הייזער פון זיין שטאדט, און ווען ער איז פערביי־געגאנגען זיין פא־טער׳ס הויז, האט ער זיך געטראכט, אז ער וועט אהין אויך אריינגעהן און קריגען א נדבה. איז ער אריין און זיך גע־שטעלט ביים טיהר. אבער ווען זיין פאטער האט איהם דער־זעהן האט ער א געשריי געטאהן: „דו, אויסוואורף! ארויס פון מיין הויז!” האט דער אינגעל זיך צוואויינט און האט געזאגט: „אויב דו ווילסט אויף מיר קיין רחמנות ניט האבען, ווי א פאטער אויף זיין קינד, האב זשע כאטש מיט מיר מיט־לייד, אזוי ווי דו האסט מיט פרעמדע מענשען וואס קומען ביי דיר בעטען דיין הילף.”

### נ מ ש ל

אזוי טענה׳ן די אידען צום רבונו של עולם: אויב מיר־

האבען זיך אזוי פערזינדיגט, אז דו ווילסט אונז ניט מעהר בעטראכטען פאר דיינע קינדער, טא האב זשע אויף אונז רחמנות, אזוי ווי אויף די גוים, וועמען דו שיקסט צו זייער שפייז און אלעם וואס זיי דארפען.

## 137

## ער האט „אויסגעפידרט"

ביי איינעם איז געווען א איינגעל, א גרויסער עקשן, וואס האט אלץ געוואלט אונמעגליכע זאכען, דעם טעלערעל פון הימעל. איינמאל האט דער איינגעל געזעהן ביי זיין פאטער טייערע פערל און בריליאנטען. האט דער איינגעל גע־בעטען אז דער פאטער זאל איהם געבען א פאר פערל אדער א בריליאנט. דער פאטער האט ניט געוואלט געבען. האט דער איינגעל אויסגעשריען: „איך בעשווער דיך, אז דו וועסט מיר יא געבען!" דער איינגעל האט געמיינט, ווייל ער האט געשווארען וועט שוין זיין פאטער איהם מוזען געבען. און דער פאטער האט איהם טאקע געגעבען, אבער ניט קיין פערל און ניט קיין בריליאנט, נאר א פאר גוטע פעטש. „נא דיר!" האט דער פאטער אויסגעשריען. „דו האסט מיך בעשווארען אז איך מוז דיר עפעס געבען, טא גיב איך דיר!"

### נ מ ש ל

אזוי טרעפט עס אויך מיט רשעים, וואס בעשווערען דעם אייבערשטען אז ער זאל זיי געבען זאכען, גיט ער זיי — מכות!

## 138
# דעם פאַטערס כתב

איינער, אַ מיטעלער בעל־הבית, האָט פערלאָרען זיין הויז און אַלעם וואס ער האט פערמאָגט אין אַ שריפה. האָבען איהם דער רב און די בעלי־בתים פון שטאָדט געגעבען אַ „כתב“, אַ בריעף, אין וועלכען עס איז געווען אויסגעשריבען אַז דער מאַן, וועלכער איז יעצט אַ נשרף און זעהר אָרים, איז אַ פיינער בעל־הבית, פון שעהנעם יחוס, אַ לערנער און אַן אָרענטליכער מענש. איז דער נשרף מיט דעם כתב אַרומגע־פאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט און וואו ער איז געקומען פלעגט ער בעזוכען די רייכע בעלי־בתים, און יעדער איינער פלעגט איהם געבען אַ שעהנע נדבה.

אַזוי האָט ער אַנגעזאַמעלט אַ ביסעל געלד, איז געקומען צוריק אין זיין שטעדטעל, האָט געעפענט אַ געשעפט און עס איז איהם אַוועק זעהר גוט. מיט דער צייט איז ער געוואָרען אַ גרויסער עושר.

ווען ער איז געוואָרען אַלט, האָט ער זיך גרייט געמאַכט אַוועקצופאָהרען אין ארץ ישראל, אום דאָרט אויסצולעבען זיינע לעצטע ביסעל יאָהרען. איידער ער איז אַוועקגעפאָהרען האָט ער צוטיילט דעם גרעסטען טייל פון זיין פערמעגען צו זיינע קינדער. זוכענדיג צווישען זיינע ווערטה־פּאַפּירען איז ער אָרויפגעקומען אויף יענעם כתב וואָס זיינע שטאָדט־לייט האָבען איהם אַמאָל געגעבען, ער זאָל מיט דעם קענען אַרומ־פאָהרען קלייבען נדבות.

„ווּעמען זאָל איך דאָס געבען?“ האָט דער פאָטער גע־פרעגט ביי זיינע קינדער.

די קינדער האָבען איבערגעקוקט דעם כתב און געלאַכט.

זיי זיינען געווען רייך — טא וואס טויג זיי אזא פאפיר?
אבער איינער פון זיי האט געזאגט:

„פאטער! מיר איז זעהר געפעלען וואס דער רב און די שטאדט־לייט שרייבען וועגען דיר. איך האף אז איך וועל קיינמאל ניט דארפען אנקומען צו צדקה, אבער אזא כתב איז דאך אמאל גוט צו צייגען מענשען אפילו אין גוטע אומ־שטענדען, און אגב — קיינער וייס ניט וואס מארגען קען זיין.“

### נמשל

א גוטער נאמען קומט אימער צוניץ.

## 139
## דער תלמיד און דער בעהעלפער

א רבי האט איינמאל בעמערקט אז איינער פון זיינע תלמידים איז זעהר אומעטיג און פערטראכט. זאגט ער צום אינגעל: „וואס איז דיר? ווארום ביזטו אזוי צוטראגען? האב איך דיר אפשר שלעכטס געטאהן?“

האט דער אינגעל געענטפערט:

„ניין, רבי, צו אייך האב גארנישט. איך האב אבער א הארץ אויף אייער בעהעלפער, ווייל ער איז זעהר שטרענג מיט מיר און איך האב פון איהם גרויסע צרות. איך טראכט מיר אליץ, ווען וועט שוין אמאל קומען א צייט אז איך זאל זיך קענען בעפרייען פון איהם?“

„דארפסט אליין וויסען, מיין קינד,“ האט דער מלמד ערקלעהרט, „אז דו וועסט קיינמאל זיך ניט בעפרייען פון דעם בעהעלפער סיידען דו וועסט זיך שטארק נעהמען צום לערנען, מיט גרויס חשק, און דו וועסט פערשטעהן וואס דו לערנסט

אהן די הילף פון א בעהעלפער, און וועסט ניט דארפען אז ער זאל מיט דיר איבערלערנען א צווייטען און א דריטען מאל. אבער אזוי לאנג ווי דו פוילסט זיך אונטער און לערנסט אהן חשק, וועסטו מוזען אנקומען צו דעם בעהעלפער.״

נ מ ש ל

דער אייבערשטער האט מיט אונז געלערנט תורה ביים בארג סיני. און ווען מיר וואלטען די תורה געלערנט מיט חשק און געהיט אלעס וואס עס שטעהט אין דער תורה, וואלטען מיר ניט געדארפט אנקומען צו די רשעים, וואס טוהען אונז אן צרות צו דערמאנען אונז אז מיר זיינען אידען . . .

## 140
## זיינע צוויי ווייבער

א מאן האט גענומען א פרוי פון א זעהר נידריגע משפחה, און אליין איז די פרוי געווען א שלעכטע און איהר אויפפיהר איז איהם געווען ניט צום הארצען, און האט איהם געמאכט צו חרפה פאר לייטען. דאך האט ער זי ליעב געהאט.

אין א צייט ארום איז די פרוי געשטארבען. האט דער מאן אויף זיך גענומען, אז יעצט זאל ער נעהמען א פרוי וואס זאל זיין פון א שעהנער משפחה, גוט און פרום. און ער האט זיין פערלאנג בעקומען. ער האט בעקומען א פיינע, ארענט־ליכע פרוי, און ער האט זי אויך שטארק ליעב בעקומען. דאך האט ער זיין ערשטע פרוי ניט געקענט פערגעסען, און גאנץ אפט פלעגט ער וועגען איהר ריידען פאר זיין צווייטע פרוי.

איינמאל, א שבת, אדער א יום־טוב, ווען זיין צווייטע

פרוי האט זיך אנגעטאהן און צוגעפוצט. האט ער צו איהר געזאגט: „ווייסט, מיין טייערע, אט אזוי ווי איך קוק דיך יעצט אן, ווי דו שיינסט און לייכסט, דאכט זיך מיר ווי מיין ערשטע פרוי, עליה השלום, איז פון קבר אויפגעשטאנען און זי שטעהט יעצט נעבען מיר."

„וואס?" האט די פרוי מיט כעס אויסגערופען. „דו פערגלייכסט מיר צו יענער מרשעת? אויב דו ליעבסט נאך יענע פרוי, דאן איז דאך א בעוויז אז דו ליעבסט מיך נים. און אויב דו ליעבסט מיך, טא ווי קענסטו נאך ליעבען יענע מרשעת?"

נמשל

גוטעם און שלעכטעם קענען נים געהן צוזאמען.

# 141
# אז מ'גיט א נאר א מתנה

איינער, א גרויסער קינסטלער, האט אויסגעארבייט מיט זיין שכל א וואונדערבארען קאסטען, וועלכער איז געווען זיכער פון פייער און גנבים, און קיינער, אויסער דעם בעל־הבית, האט איהם נים געקענט עפענען. דריי אזעלכע קאס־טענס האט ער געמאכט און האט זיי פערטיילט צו דריי מענשען. איינער פון זיי איז געווען א באנקיר, האט ער דעם קאסטען אריינגעשטעלט אין זיין באנק און האט אין דעם בעהאלטען זיין געלד און אלע זיינע וויכטיגע פאפירען און וועקסלען. דער צווייטער איז געווען אן ארימאן, און אזוי ווי דער קאסטען האט איהם געשיינט צו זיין א נוצליכע זאך, האט ער אין דעם געהאלטען קארטאפעל. דער דריטער איז געווען א נאר, האט ער נים געוואוסט צו וואס מען דארף

אזא קאסטען, האט ער איהם אוועקגעשטעלט ביי זיך אין הויף, וואו דער קאסטען איז פערראסט געווארען.

ווען דער קינסטלער האט זיך דערוואוסט וואס אלע דריי האבען געטאהן מיט די קאסטענס, האט ער פון דעם ערשטען געהאט גרויס נחת וואס ער האט געוואוסט ווי זיך צו בענוצען מיט דער שעהנער מתנה. אויף דעם צווייטען האט ער געהאט מיטלייד וואס ער האט גענומען אזא טייערע כלי און האט זיך מיט דעם בענוצט פאר אזא פשוט'ע זאך ווי קארטאפעל. אבער ער האט זיך געטרייסט וואס יענער האט דאך געמאכט עפעס א נוצען פון דעם קאסטען. אבער מיט דעם דריטען האט ער זיך ניט געקענט טרייסטען וואס פון אזא שעהנער מתנה האט ער קיין שום נוצען ניט געקענט מאכען.

## נ מ ש ל

דער אייבערשטער האט דעם מענשען געגעבען שכל און פערשטאנד. דער צדיק בענוצט דעם שכל צו לערנען און צו פערשטעהן די גוטע וועגען אין וועלכע א מענש דארף זיך פיהרען אין לעבען. פון איהם האט דער אייבערשטער נחת. ווייל ער זעהט ווי דער צדיק מאכט א גוטען נוצען פון זיין חכמה. אז אנדערער גיט אוועק זיין שכל פאר געשעפט, פאר מאכען גרויסע פערמעגענס. אויף איהם האט דער אייבערשטער רחמנות וואס ער נעהמט אזא טייערע זאך ווי חכמה און פארווענדעט עס אויף נארישקייטען. אבער דער אייבערשטער טרייסט זיך דאך וואס דער מענש האט געמאכט כאטש עפעס א נוצען פון זיין שכל. אבער דער רשע, וואס לעבט ווי א נאר, אהן שכל, און פערדארבט זיין נשמה מיט זיין גוף צוזאמען, אויף איהם האט שוין דער אייבערשטער א גרויסען פערדרוס. דו האסט בעקומען אזא טייערע מתנה און דו ווארפסט עס ארויס און ווייסט גאר ניט וואס פאר א נוצען פון דעם צו מאכען.

## 142
## דער מענש און זיין מזל

איינער וואס האט בעקומען א גרויסע ירושה פון זיינע עלטערן האט געוואלט אנפאנגען א נייעם געשעפט, אבער אזוי ווי ער האט געהאט זעהר ווייניג ערפאהרונג אין מסחר און קיין גרויסער חכם איז ער ניט געווען, האט ער געוואלט וויסען אויב ער איז א בר־מזל. איז ער אוועק צו א קארטענ־ווארפער פרעגען, אויב ער האט מזל. האט איהם דער קאר־טענוווארפער אזוי געזאגט: „דו ווארט ביז דיין געבורטסטאג, און אין יענעם טאג זאלסטו שפיעלען קארטען. וועסטו גע־ווינען, איז א סימן אז דו האסט מזל, ; וועסטו פערשפיעלען, איז דאס א סימן אז דו ביזט געבוירען אהן מזל און דו דארפסט דעם נייעם געשעפט ניט אנפאנגען."

דער נארישער יורש האט זיך קוים דערווארט אויף זיין געבורטסטאג, האט אויסגעזוכט עטליכע געניטע קארטענ־שפיעלער און האט זיך געזעצט מיט זיי שפיעלען. ער האט גלייך אנגעהויבען צו פערשפיעלען. האט עס איהם פער־דראסען, ניט אזוי די ביסעל געלד וואס ער האט פערלארען, נאר דער סימן אז ער האט קיין מזל ניט. האט ער גענומען ווייטער שפיעלען, אפשר וועט זיך זיין מזל בעסערען. האט ער ווידער פערלארען. און אזוי האט ער געשפיעלט און גע־שפיעלט ביז ער האט פערלארען זיין ירושה. נאכדעם האט ער געקלאגט: „ווארום האב איך קיין שכל ניט געהאט אויפ־צוהערען שפיעלען גלייך אין אנפאנג, נאכדעם ווי איך האב געזעהן אז איך קען ניט שפיעלען?"...

נ מ ש ל

שכל איז פיעל וויכטיגער ווי מזל.

## 143
# שלעכט געלערנט

א איד, אן עושר, האט איינמאל געזאגט צו זיין איידים וואס איז ביי איהם געזעסען אויף קעסט: „שוין צייט אז דו זאלסט זיך לערנען מסחר. נעהם און פאהר אריבער אין לייפציג און ווער א סוחר פאר זיך!"

„אבער ווי קען איך פאהרען אין לייפציג, אז איך ווייס ניט וואס דארט צו טאהן און ווי מען פאנגט אן צו האנדלען?" האט דער איידים גע'טענה'ט.

„וואס איז דארט צו וויסען?" האט דער שווער געזאגט. „איך וועל דיר מיטגעבען געלד און דו פאהר און זעה וואס די אנדערע סוחרים טוהען, און דאס וואס זיי טהוען זאלסטו אויך טאהן."

דער איידים האט מיטגענומען א היבשע סומע געלד און איז אוועקגעפאהרען. די רייזע אין יענע צייטען איז געווען מיט פוהרען און האט זיך געצויגען זעהר לאנג. די ערשטע נאכט, אז ער האט זיך אבגעשטעלט אין אן אכסניא, האט ער זיך גענומען צוקוקען וואס אנדערע סוחרים טוהען. ער האט געזעהן אז זיי בעשטעלען פון דער קיך געבראטענע גענזלער מיט ווארעניקעס און דערצו פלעשער וויין. האט ער אויך געטאהן דאס זעלבע. נאכדעם אז די סוחרים האבען זיך געזעצט שפּיעלען קארטען, האט ער אויך געשפּיעלט מיט זיי. אזוי האט ער אויך געטאהן אויף מארגען, ווען ער האט זיך אבגעשטעלט אין א צווייטער אכסניא אין אן אנדער שטאדט, און אזוי האט ער געטאהן אויף יעדער אכסניא, ביז ער איז אנגעקומען אין לייפציג.

ווען ער איז אנגעקומען אין לייפציג, האט ער א קוק

געטאהן אין זיין בייטעל און דארט איז שוין ניט געווען קיין גאנצער גילדען. ניט ער האט געהאט פארוואס צו קויפען סחורה און ניט ער האט געהאט מיט וואס צו פאהרען אהיים. האט ער געשריבען צו זיין שווער, אז ער זאל איהם שיקען נאך געלד, ווייל ער מוז עס נויטיג האבען. ווען דער שווער האט בעקומען דעם בריעף, האט ער זיך שטארק געפרעהט. ער האט געמיינט אז זיין איידים האט אנגעקויפט א סך סחורה, גוט און ביליג, און ער האט איהם גלייך געשיקט געלד. ווען דער איידים האט בעקומען דאס געלד, איז ער געפאהרען אהיים און אויפ'ן וועג אהיים האט ער געטאהן דאס זעלבע: געגעסען און געטרונקען און געשפיעלט אין קארטען, אזוי ווי יענע סוחרים.

אבער ווען דער איידים איז געקומען אהיים אהן סחורה און אהן געלד, האט דער שווער גענומען מאכען קולות, גוואלדען: „דו, צולאזענער יונג איינער! האסט מיר אויס־געבראכט א פערמעגענס מיט געלד און קיין סחורה האסטו ניט געבראכט!"

„וואס ווילט איהר פון מיר?" האט דער איידים גע־טענה'ט. „איהר האט מיר אנגעזאגט אז איך זאל קוקען אויף די אנדערע סוחרים און אז וואס זיי טוהען זאל איך אויך טאהן. נו, האב איך געטאהן וואס זיי האבען געטאהן."

„דו, פרא אדם!" האט דער שווער בייז אויסגערופען. „וואס פערשטעהסטו ניט? יענע זיינען פריהער געווען אין לייפציג, זיי האבען דארט געמאכט גאלדענע געשעפטען, גע־מאכט א גוטען קויף, האבען זיי אויפ'ן וועג צוריק זיך ער־לויבט א ביסעל פערגעניגען. אבער דו האסט אנגעהויבען צו הוליען נאך אין דער צייט ווען דו ביזט געווען טויזענד מייל ווייט פון לייפציג!"

## נמשל

אזוי איז דער וועג צו דער תורה. אויב איינער וויל זיך

איינקויפען תורה און מעשים טובים, דארף ער אויפ'ן וועג זיין צופריעדען איסצוקומען מיט ברויט און זאלץ און אויס־מיידען לוקסוסען. ערשט נאכדעם אז ער קויפט זיך שוין איין תורה און מעשים טובים, קען ער ערוואַרטען צו געניסען פערגניגענס און הנאה האבען. אנדערש איז אבער מיט אונזער היינטיגען דור. אין זייערע יונגע יאהרען, ווען זיי פאנגען ערשט אן די לאנגע רייזע, כאפען זיי זיך שוין צו אלע פער־גניגענס און ווילען נאר הוליען, בלייבען זיי אזוי ווי יענער איידים, אהן געלד און אהן סחורה — עס הייסט: אהן גע־זונד און אהן מעשים טובים.

## 144

# די קלוגע צוואה

א גרויסער גביר וואס האט געהאט א סך געשעפטען און פאבריקען, האט דערצו געהאט א גרויסען וויינשענק וואו מען פלעגט אויך פערקויפען פיינע צובייסענס. דאס איז געווען דער איינציגער וויינשענק אין שטאדט. דער גביר האט געהאט צוויי זיהן. איינער איז געווען א שטילער און אן ארענטליכער. דער אנדערער איז געווען א פער־שווענדער און א זולל וסובא, וואס האט רק געהאלטען אין שכור'ן און אין פרעסען.

ווען דער גביר איז שוין געווארען אלט האט ער גע־מאכט א צוואה. אלע זיינע פאבריקען און געשעפטען האט ער אבגעשריבען צו דעם נאר, דעם שכור און פרעסער. פאר דעם קלוגען און דעם ארענטליכען האט ער אבגעשריבען דעם וויינשענק.

האבען די נאהנטע פריינד פון דעם גביר איהם גע־פרעגט: „ווי קומט־עס אז דעם גרעסטען פערמעגען אייערען

האט איהר איבערגעלאזט צו דעם זולל וסובא, וואס פער־
שטעהט גאר ניט דעם ווערטה פון געלד, און פאר אייער
גוטעז זוהן, דעם פיינעם, דעם ארענטליכען, האט איהר אי־
בערגעלאזט דעם וויינשענק?"

האט זיי דער גביר אזוי ערקלערט:

„וואס איך האב געטהאן האט איך געטהאן על פי שכל.
ווען איך זאל איבערלאזען דעם וויינשענק צו מיין שלעכטען
זוהן, וויים איך אז אין א קורצער צייט וועט ער אלעם אויס־
טרינקען מיט זיינע חברה און די הויז וואו דער שענק גע־
פינט זיך וועלען צונעהמען קרעדיטארען. דארום האב איך
אנדערש געטהאן. דעם שענק האב איך איבערגעלאזט צו
מיין גוטען זוהן, און צו מיין שלעכטען זוהן האב איך איבער־
געלאזט מיינע פאבריקען מיט די קראמען. און אזוי ווי קיין
אנדער שענק איז אין שטאדט ניטא וועט מיין שלעכטער
זוהן מוזען פרעסען און זויפען מיט זיינע חברים ביי מיין
גוטען זוהן. ממילא וועט ער ביי איהם אויסבריינגען זיין
גאנצען חלק ירושה, און מיין גוטער זוהן וועט האבען אי
דעם שענק, אי די פאבריקען און די קראמען".

## נ מ ש ל

דער צדיק האט ניט וואס מקנא צו זיין דעם רשע,
וועלכער איז רייך. סוף כל סוף לאזט איבער דער רשע זיין
פערמעגען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט בלייבט
ביים צדיק דעם רשע'ס חלק אויך.

## 145
## פערקויפט זיין קעסט

אז איידעם איז געזעסען ביי זיין שווער אויף קעסט. דער שווער פלעגט איהם געבען צו עסען די טייערסטע מאכלים, אזוי ווי מען טוהט מיט אן איידים די ערשטע צייט באלד נאך דער חתונה. האט זיך דער איידעם געטראכט: יעצט, די ערשטע צייט, איז נאך די ליעבשאפט פון מיין שווער און שוויגער זעהר גרויס. אבער שפעטער וועלען זיי זיך צו מיר צוגעוואוינען און די ליעבשאפט וועט זיך אבקיהלען, וועלען זיי שוין מיר מעהר ניט געבען אזעלכע טייערע מאכלים. איז בעסער אז איך זאל בעטען ביים שווער אז ער זאל מיר אויסצאהלען מיט מזומן געלד פאר די עטליכע יאהר קעסט וואס ער האט מיר נאך צו געבען, און איך וועל מיט דעם געלד מאכען א תכלית.

האט דער איידעם א רעד געטאהן מיט'ן שווער און דער שווער האט איהם אויסגעצאהלט, ניט לויט די עסענס וואס ער וואלט איהם געגעבען שפעטער, נאר לויט די טייערע עסען וואס ער האט איהם געגעבען יעצט, אין אנפאנג.

נמשל

א צדיק, ווען ער איז נאך יונג, לערנט ער מיט חשק און מיט גרויס ליעבשאפט. אבער ער טראכט זיך אימער: ווער וויים, אפשר אז איך וועל ווערען עלטער און שוואכער וועל איך ניט קענען אזוי פיעל לערנען. און ער פלייסט זיך צו לערנען וואס מעהר ווען ער איז נאך יונג. און דער־פאר רעכענט איהם צו דער אייבערשטער זיין גאנצען שכר פון אנפאנג אן, אזוי ווי ער וואלט געלערנט יאהרען און

יאהרען, גראדע אזוי ווי יענער אידים וואס האט בעקומען אויסגעצאהלט פאר זיין קעסט אין פאראוים.

## 146

# ווען דער זאטער גלויבט דעם הונגעריגען

שפעט ביי נאכט האט אן ארימאן אנגעקלאפט אין טיהר פון א רייכען מאן. פון דעם טומעל האבען זיך אויפ־געכאפט די דיענער מיט דעם בעל־הבית. אז מען האט דעם ארימאן אריינגעלאזען אין הויז האט ער געבעטען עסען, ווייל ער האט שוין צוויי טעג גארנישט געהאט אין מויל. אבער דער בעל הבית איז געווען אזוי בייז דערפאר וואס דער ארימאן האט איהם אויפגעוועקט פון שלאף, דאס ער האט דעם ארימאן געהייסען ארויסווארפען.

אויף מארגען איז געווען א תענית. האט דער רייכער מאן אויך געפאסט. אין אווענד, נאכ'ן תענית, האט דער עושר געשיקט רופען דעם ארימאן, ער זאל מיט איהם עסען צוזאמען. און ווארום איז דער רייכער מאן מיט אמאל געווארען אזוי גוט? ווייל דורך דעם תענית האט ער דער־פיהלט וואס עס הייסט הונגעריג זיין און ער האט רחמנות בעקומען אויף דעם ארימאן.

### נמשל

נאר דער וואס האט אליין געהונגערט קען פערשטעהן די ליידען פון דעם הונגעריגען ארימאן.

## 147
# די צוויי ברידער

צוויי ברידער האבען געוואוינט אין איין שטאדט. איי־נער האט געהאט א גרויסען הויף פון וועלכען ער האט גע־האט א סך פרנסה און האט געלעבט זעהר ברייט. און דער אנדערער האט געהאט א קליינע הייזעל, א חורבה, און האט קוים פערדיענט אויף טרוקען ברויט. איינמאל האט זיך געמאכט אן אונגליק, דעם ארימאן'ס צובראכענע הייזעל האט אבגעברענט און ער איז געבליבען מיט גארנישט. מענ־שען האבען רחמנות בעקומען, און וויל זיי האבען געוואוסט אז דער רייכער ברודער איז ניט קיין געבער, האבען זיי דעם ארימאן געשטיצט מיט געלד. יעדער איינער וואס פלעגט איהם זעהן פלעגט איהם שענקען א נדבה. און אז אין זיין שטאדט האט ער מעהר ניט געקענט קריגען קיין געבער, האט דער ארימאן גענומען ביים רב א כתב אז ער איז א נשרף, און איז מיט דעם כתב ארומגעפאהרען איבער דער מדינה, און האט אנגעקליבען א פערמעגענס. איינמאל, אז ער איז געקומען אויף יום טוב אהיים, האט צו איהם דער רייכער ברודער געזאגט:

„יעצט, אז דו האסט שוין אנגעקליבען א סך געלד, און ביזט שוין אזוי רייך ווי איך, און אפשר רייכער, וואלט געווען א שכל אז דו זאלסט זיך אויסבויען א גרויסען הויף ווי מיינער און האבען פרנסה בכבוד, און ניט ארומפאהרען און שנארען".

„ניין", האט דער אנדערער געענטפערט, „איך האב יעצט א טייערע פרנסה ביי זיך און איך וועל זי ניט ארויסלאזען פון האנד. יעצט, ווען איך דארף דיך ניט מיט

דיין הילף קומסטו מיר געבעז עצות, אבער וואו ביזטו געווען ווען איך האב יא גערארפט האבען דיין הילף?"

**נ מ ש ל**

אט אזוי זיינען מאנכע מענשען. איז א נויט ווילען זיי אפילו אן אייגענעם ברודער ניט העלפען, אבער אז יענער ווערט א מצליח קומען זיי איהם געבען עצות.

## 148
## דער ארימער שותף

א רייכער סוחר האט צוגענומען צו זיך פאר א שותף אן ארימען יונגען מאן וועלכער איז געווען א געניטער געשעפטס מאן. אלעם וואס דער יונגער מאן האט אריינגעלייגט אין געשעפט איז זיין ביסעל שכל, דען קיין געלד האט ער ניט געהאט. דערפאר אבער האט ער פערשטאנען דעם געשעפט בעסער פון דעם רייכען. דער ארימער שותף האט געהאט א ווייב וואס האט שטארק מקנא געווען דעם רייכען שותפ'ס פרוי, דערפאר וואס יענע האט געהאט א סך שעהנע קליידער און פיעל ציערונג. האט זי אלץ גע'טענה'ט צו איהר מאן: „זאג מיר וואס פאר א שותף ביזטו? אז יענעמ'ס ווייב האט אזעלכע שעהנע קליידער און דימאנטען און בריליאנטען, און איך געה ארום ווי א שלעפערקע! אט דאס הייסט ביי דיר שותפות?"

די פרוי האט ניט געוואלט הערען איהר מאנ'ס טענה אז ער קריגט בלויז צעהן פראצענט פון דעם ריינעם פערדיענסט וואס דער געשעפט טראגט איין. זי האט ניט געוואלט וויסען פון דעם. „א שותף איז א שותף!" האט זי גע'טענה'ט. „דו האסט א קראם אנגעלאדען מיט כל טוב

און מאכסט גוטע געשעפטען, און דיין שותפ'ס ווייב געהט ארום ווי א פרינצעסין און האט פון פויגעל מילך, און פאר דיין ווייב קענסטו ניט קויפען אפילו א בראסלעטעל!"

איז דער ארימער שותף געקומען צו דעם רייכען און געזאגט:

„איך פערלאנג אז מיר זאלען היינט מאכען א חשבון און זעהן וואס איך האב אין דעם געשעפט און וואס איז אייער חלק"

„איך פערשטעה אייך ניט", האט דער רייכער שותף זיך געוואונדערט. „וואס איז אייך פלוצים איינגעפאלען צו פאדערען חשבון?"

„איך וועל דאס אייך ערקלערען", האט דער ארימער שותף געענטפערט. „איך וויל מאכען א חשבון ניט ווייל איך וויל וויסען וויפיעל איך פערמאג אין דעם געשעפט, נאר וויפיעל איך פערמאג ניט. זאל מיין פרוי, די מרשעת, טאקע זעהן און הערען אז די סחורה איז ניט מיינס, און זאל זי זיך ניט איינריידען אז איך בין א גביר און זי איז א גבירה".

## נמשל

דער מענש וויים אז זיינע יאהרען אויף דער וועלט זיינען געצעהלטע און ער דארף זיי ניט פערברייגגען אין נארישקייטען. אבער דער יצר הרע קומט און זוכט איהם איינצוריידען מיט פאלשע חשבונות אז ער האט נאך יאהרען און יאהרען צו לעבען, צו זינדיגען און טאהן תשובה. דער־פאר האט דוד המלך געבעטען: „הודיעני ה' קצי ומדת ימי מה היא". דוד האט געוואלט וויסען ניט ווי פיעל, נאר ווי ווייניג ער האט נאך צו לעבען.

## 149
# אַ קבצנ׳ישער גביר

אַז אַרימאַן איז פּאַר אַ לאַנגע צייט געגאַנגען איבער די הייזער. נאָכדעם אַז ער האָט אָנגעקליבען אַ ביסעל געלד, האָט ער זיך בעזעצט אין אַ קליין שטעדטעל און האָט דאָרט אָנגעהויבען צו שפּיעלען די ראָלע פון אַ נגיד, אַ בעל גאוה, און האָט כסדר זיך בעריהמט מיט זיינע עשירות.

איינמאָל איז אין דער שטעדטעל אָנגעקומען אַ מאַן וואָס האָט דעם נייעם גביר דערקענט, און הערענדיג ווי ער בעריהמט זיך מיט זיינע עשירות האָט ער צו איהם געזאָגט: „דו נאַר איינער! אַז דו פלעגסט אַרומגעהן איבער די הייזער ביזטו געוואוינט געווען צו צעהלען דיין פּערמעגען אויף גראָשענס, אַז דו האָסט געהאַט דריי רובעל האָסטו ביי זיך גערעכענט אַז דו האָסט דריי הונדערט קאָפּיקעס. און יעצט מסתמא זיינען דיינע הונדערטער און דיינע טויזענדער אויך אויף קאָפּיקעס און גראָשענס. אָבער רעכען צוזאַמען דיינע קאָפּיקעס אויף רובעלס, וועסטו זעהן אַז דו ביזט אי אַ קבצן, אי אַ שוטה“.

נ מ ש ל

אַזוי בעריהמט זיך אָפט אַ רשע מיט זיינע צדקות. ער רעדט אַ סך, אָבער ניט ווייניג.

## 150
# אַן אומזיסטער געווין

צוויי אידען זיינען געשטאַנען יום כפור אין שוהל און געבעטען און געוויינט. איינער איז געווען אַן אָרימאַן און דער אַנדערער—אַ גביר. דער אָרימאַן האָט געבעטען: „רבונו של עולם! דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ גרויסער אביון איך בין. מיין ווייב און מיינע קינדער ליידען הונגער. זיי האַבען אויף זיך ניט קיין גאַנצען בגד. זיי געהען אָרום באָרפוס. איך בעט דיך, רבונו של עולם, שיק מיר צו אויפ'ן נייעם יאָהר אַ ביסעל פּרנסה, כדי מיין ווייב און מיינע קינדער זאָלען ניט ליידען אַזוי פיעל נויטה".

און דער גביר האָט געבעטען: „רבונו של עולם! אמת, דו האָסט מיר געגעבען פּרנסה מיט אַ פולער האַנד, איך מאַך גוטע געשעפטען. מיר פעהלט קיין זאַך ניט. מיין ווייב און מיינע קינדער האָבען אַלעס פון דאָס בעסטע. אָבער, רבונו של עולם, עס איז דאָ נאָך אַ גביר וואָס שטעהט דאָ אין מזרח וואַנט, און ער איז אַ סך רייכער פון מיר. פרעג איך דיך, פאַר וואָס קומט איהם אַז ער זאָל האָבען אַזוי פיעל, נאָך מעהר פון מיר? ווער איז מיר! מיין האַרץ פּלאַצט דאָך פאַר קנאה..."

עס פערשטעהט זיך אַז צו דעם אָרימאַן'ס געווין האָט זיך דער אייבערשטער צוגעהערט און האָט איהם געהאָלפען. אָבער צום גביר האָט ער געזאָגט: „אַז דו קענסט וויינען אומזיסט און אומנישט, וועל איך מאַכען אַזוי אַז דו זאָלסט טאַקע האָבען פאַר וואָס צו וויינען". און אויפ'ן נייעם יאָהר איז דער גביר געוואָרען אַן אָרימאַן.

נ מ ש ל

די אידען אין מדבר האבען געהאט דעם מן און די ענני כבוד. גרויסע נסים זיינען זיי געשעהן, און דאך זיינען זיי געווען אונצופריעדען און האבען געוויינט, זיך פערבייינקט נאך מצרים. האט צו זיי דער אייבערשטער געזאגט: „איהר וויינט יעצט אומזיסט, וועל איך שפעטער מאכען אז איהר זאלט אין דעם זעלבען טאג האבען פאר וואס צו וויינען, אויף אן אמת.“ און אין דעם טאג איז שפעטער חרוב געווארען דער בית המקדש.

# 151
# דער רייכער אביון

א סוחר האט אנגענומען א כך סחורה אויף קרעדיט און האט ניט געוואלט בעצאהלען. האבען איהם די קרעדי־טארען געלאדען אין געריכט. דער סוחר האט זיך בעראטהען מיט זיינע פריינד וואס צו טאהן, האבען זיי איהם אן עצה געגעבען אז ער זאל שווערען אין געריכט אז ער האט ניט מיט וואס צו בעצאהלען ועט איהם דער ריכטער פריי לא־זען. דעם סוחר איז די עצה שטארק געפעלען געווארען און ער איז אוועק אהיים מיט א פרעהליכען געמיטה וואס ער וועט איינשפארען צו צאהלען א גרויסע סומע געלד.

אין דעם טאג וואס ער האט געדארפט געהן אין געריכט האט ער זיך צוגעפוצט אין זיינע בעסטע קליידער און האט אנגעטאהן א טייערען פוטער. ער האט אויך געלאזט איינ־שפאנען זיינע בעסטע פערד אין אן עלעגאנטער קארעטע, און האט זיך געלאזט צום געריכט. „וואס טוהסטו, דו נאר!“ האט זיין פרוי אויף איהם זיך צושריען. „האסט זיך צוגע־

פוצט ווי א גראף און דו געהסט שווערען אז דו ביזט אז ארימאן — מען וועט דאך דיין שבועה ניט גלויבען. אויב דו ווילסט אז מען זאל דיר גלויבען זאלסטו אנטאהן דיינע אלטע קליידער און א פאר צוריסענע שיך, און איז געריכט זאלסטו געהן צופוס ווי אן ארימאן — אט דאן וועט מען גלויבען דיין שבועה".

נמשל

עס זיינען דא אזעלכע „אנזעצער" וואס אז עס קומט זיי אוים צו געבען צדקה זאגען זיי אז זיי קענען ניט געבען, אבער פאר זיך אליין האבען זיי מעהר ווי גענוג.

## 152
## אַ גנב מאַכט אַן אָנשטעל

א רייכער פריץ, וואס האט געהאט א סך גיטער, פעלדער און גערטנער, האט צוגעטיילט די ארבייט זיינע ארבייטער, די דארפסלייט, אז זיי זאלען טאהן די גאנצע ארבייט, אקערען, זייהען און פלאנצען, און ווען די תבואות פלענען ווערען פערטיג, פלעגען זיי דאס אראבנעהמען פון די פעלדער און ברייננען איז דעם פריצ'ס שייערען. קיינער פלעגט ביי זיי ניט צעהלען, קיינער פלעגט ביי זיי ניט פאר־דערען קיין חשבון. יעדער ארבייטער איז געווען בעגלויבט, אז וואס ער נעהמט אראב פון די פעלדער ברענגט ער צום פריץ.

די ארבייט איז געווען פערטיילט צו יעדען לויט זיינע קרעפטען, אדער פעהיגקייטען. א יונגער מאן וואס איז גע־ווען געזונד און שטארק האט בעקומען צוויי פעלדער צו בעארבייטען. און אמאל גאנצע דריי. אן עלטערער מענש

האט בעקומען בלויז איין פעלד. אזוי האט עס זיך געפיהרט פאר א לאנגע צייט.

איינמאל איז צום פריץ געקומען איינער פון זיינע קנעכט, אן עלטערער מענש, וועמען מען האט געגעבען בלויז איין פעלד צו בעארבייטען און האט געזאגט: „אדוני פריץ! איך האב ניט גענוג ארבייט. דו האסט מיר געגעבען בלויז איין פעלד, אבער איך פיהל אז איך וואלט געקענט בעאר־בייטען צוויי פעלדער. טא, היים מיר געבען נאך א פעלד. מיט וואס בין איך ערגער פון אנדערע וואס האבען צוויי און דריי פעלדער צו בעארבייטען?"

ווען דער פריץ האט איהם אויסגעהערט, האט ער גע־ענטפערט:

„פון דעם וואס דו בעטעסט אזוי שטארק מעהר ארבייט פערשטעה איך דו ביזט א גנב! איך וועל ביי דיר די איין פעלד אויך אוועקנעהמען. וועלכער מענש געהט עס בעטען מעהר ארבייט ווי מען לייגט אויף איהם ארויף? דערפון פערשטעה איך וואס דיין כונה איז. אז דו וועסט האבען מיט א פעלד מעהר וועסטו קענען מעהר גנב'ענען".

## נמשל

אזוי האט משה געזאגט צו קורח'ן און זיין באנדע: ניט גענוג וואס איהר זייט לויים און דער אייבערשטער האט אייך געשטעלט העכער פון אנדערע אידען און געגעבען אייך אן אמט אין משכן, ווילט איהר נאך מעהר פפליכטען אויף זיך, איהר ווילט אויך האבען כהונה! דערפון פערשטעהט מען אז אייער צוועק איז בלויז צו האבען אן אייגענעם נוצען פון דעם.

# 153
## ער האָט געוואָלט אַפּעטיט

אַ גרויסער נגיד איז געווען בעוואוסט פאַר אַ מכניס אורח. ווער עס פלעגט קומען צו איהם אין הויז אַ הונגע־ריגער פלעגט ער ארוים אַ זאַטער.

איינמאָל איז צו איהם געקומען אַן אורח. האָט איהם דער נגיד אוועקגעזעצט צום טיש מיט די אַנדערע אורחים און איהם געבעטען עסען. האָט דער אורח געזאָגט: „דער־ווייל בין איך ניט הונגעריג, נאָר אַז איהר וועט מיר געבען אַ שנאַפּס וועל איך מסתמא קריגען אַפּעטיט." האָט איהם דער נגיד געענטפערט:

„מיין שטייגער איז זאַט צו מאַכען די הונגעריגע, אָבער ניט הונגעריג צו מאַכען די זאַטע. און צו וואָס זאָל איך דיך מאַכען הונגעריג, אַז דו ווילסט ניט עסען?"

### נ מ ש ל

דער אייבערשטער האָט ליעב צו געבען דעם מענשען וויפיעל עס איז איהם נויטיג, אָבער עס זיינען דאָ מענשען וואָס ווען זיי האָבען אַ ביסעל ווילען זיי מעהר, און ווען זיי קריגען מעהר ווילען זיי אַ סך מעהר. אַט דיזע זיינען אַזוי ווי יענער וואָס זוכט צו ווערען הונגעריג, כדי ער זאָל קענען עסען.

## 154
## דעם אלטענס פּאַלאַסט

א רייכער מאַן האָט געהאַט א גרויסען מויער, א זעלטען שעהנע געביידע, א ריכטיגער פּאַלאַסט. מענשען פלעגען קו־מען פון דער גאַנצער מדינה אַנצוקוקען די שעהנע געביידע. ווען דער רייכער מאַן איז שוין געווען אויף דער עלטער האָט אויסגעבראָכען א גרויסער פייער און האָט דעם פּאַלאַסט חרוב געמאַכט. עס איז מעהר ניט פערבליבען ווי א פליגעל פון דער געביידע, און דאָרט אין איין־איינציגען צימער, אין גרויס ענגשאַפט, האָט דער אַלטער געמוזט זיך אויפהאַלטען מיט זיין פאַמיליע.

ביי דעם אַלטען איז געווען א קליינער אינגעלע, א מיזשיניק, און דער מיזשיניק האָט זיך איינמאָל צוּוויינט פאַר'ן פאָטער און האָט געזאָגט: „טייערער פאָטער! פאַר־וואָס בעמיהסטו זיך ניט צוריק אויפצובויען דיין הויז און מאַכען אַז דיין פּאַלאַסט זאָל זיין אַזוי שעהן ווי אַמאָל?" האָט דער אַלטער געענטפערט:

„מיין קינד! די ארבייט איז זעהר א גרויסע און א שווערע, און איך בין שוין אַלט און שוואַך. איך קען אויף זיך ניט אַננעהמען אַזאַ ארבייט, ווייל איך ווייס ניט ווי לאַנג איך האָב נאָך צו לעבען. פאַר מיינע ביסעל יאָהרען איז די וואוינונג וואָס איך האָב שוין גענוג . . ."

ווען דער אינגעל האָט געהערט די רייד האָט ער זיך נאָך מעהר צוּוויינט, און ער האָט געזאָגט צום פאָטער: „דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט איז אַן אויסרייד פאַר דיר אַליין, דיך אַליין צו בערוהיגען מיט אַזאַ תירוץ, אַז דו

ביזט שוין אַז אַלטער מאַן און דו ווייסט ניט ווי לאַנג דו וועסט נאָך לעבען. אָבער דו דאַרפסט רחמנות האָבען אויף מיינע יונגע יאָהרען. איך הויב ערשט אָן צו לעבען אויף דער וועלט, און וואָרום זאָל איך זיין אָהן אַ היים? וואָרום זאָל איך ניט צוריק קריגען דעם שעהנעם פּאַלאַסט אין וועלכען איך בין געבוירען געוואָרען?"

## נ מ ש ל

אַמאָל זיינען מיר געווען זעהר רייך און מיר האָבען געהאַט אַ גרויסען פּאַלאַסט, אַ בית המקדש, וואָס איז געווען דער וואונדער פון דער גאַנצער וועלט. נאָכדעם האָט דער פּאַלאַסט אָבגעברענט, און מיר זיינען געוואָרען אָרים און דערוויטערט פון אונזער לאַנד און אונזער גרויסקייט. די עלטערע מענשען וואָס געפינען זיך אין אונזער דור קענען זיך טראַכטען: צו וואָס לוינט עס זיך אונז אָוועקצוגעבען אונזערע כחות און זיך בעמיהען צוריק צו בויען אונזער פּאַלאַסט און צוריק צו קריגען אונזער לאַנד? וויפיעל האָבען מיר נאָך צו לעבען? אָבער איהר, אידישע יוגענד, ווי קענט איהר געדולדיג פערטראָגען דעם גלות און צוזעהן די צרות וואָס אידען ליידען איבעראַל? אויף אייך ליגט דער חוב צו בעטען דעם אייבערשטען און זיך אַליין אויך צו בעמיהען אַז מיר זאָלען צוריק קריגען אונזער לאַנד, און אונזער פּאַ־לאַסט זאָל ווידער אויפגעבויט ווערען."

## 155
## ער דארף ניט קיין פּאַספּאָרט

א שעהנער בעל־הבית, וועלכער איז בלינד געוואָרען, איז אַרויסגעפאָהרען איבער דער וועלט קלייבען נדבות, און ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַספּאָרט, אַז ער זאָל מעגען אַריי־בערגעהן דעם גרעניץ און פאָהרען אויך אין אויסלאַנד. דער בלינדער האָט מיט זיך גענומען אַ משרת, וועלכער פלעגט איהם פיהרען. ווען ער איז געקומען צום גרעניץ האָט מען ביי איהם געפרעגט אַ פּאַספּאָרט. האָט ער אַרויסגענומען און געציינגט. האָט איהם דער גרעניץ־וועכטער געפרעגט: „דאָס איז דיין פּאַספּאָרט, אָבער וואו איז אַ פּאַספּאָרט פאַר דיין משרת?"

„דער פּאַספּאָרט איז אויך פאַר מיין משרת," האָט דער בלינדער געענטפערט. „אַט לעזט עס איבער וועט איהר זעהן אַז מיין משרת איז אויך אַריינגערעכענט אין דעם פּאַספּאָרט. לעזט עס אַז איך זאָל עס אויך הערען."

דער גרעניץ־וועכטער האָט עס גענומען לעזען אויפ'ן קול: „דער פּאַספּאָרט איז אַרויסגעגעבען געוואָרען צו יענעם, דער זוהן פון יענעם, און זיין פאַמיליען־נאָמען איז אַזוי און אַזוי. ער איז אַלט אַזוי פיעל און אַזוי פיעל. ער קומט פון דער און דער שטאָדט. ער איז אַ בלינדער—"

„גענוג!" האָט דער בלינדער איבערגעהאַקט. „עס איז אייך פערשפּאָרט ווייטער צו לעזען. ווייבאַלד עס שטעהט אַז איך בין אַ בלינדער, פערשטעהט זיך שוין ממילא אַז איך האָב אַ פיהרער. דען ווי קען אַ בלינדער פאָהרען אַליין, אָהן אַ פיהרער?"

נ מ ש ל

די תורה האָט געזאָגט „את ד׳ אלקיך תירא,“ פאַר גאָט, דיין האַר, זאָלסטו האָבען מורא. רבי עקיבא האָט גע׳דרשנ׳ט אַז דער וואָרט „את“ מיינט די תלמידי חכמים, עס הייסט אַז פאַר אַ תלמיד חכם דאַרף מען מורא האָבען, אַזוי ווי פאַר דעם אייבערשטען. און עס איז גאָר ניט נויטיג געוועז אַז די תורה זאָל זאָגען דייטליך אַז מען דאַרף מורא האָבען פאַר אַ תלמיד חכם, ווייל דער תלמיד חכם איז דאָך דער פיהרער וואָס פיהרט אונז, מענשען, אין אייבערשטענס וועגען און אָהן איהם קענען מיר ניט געהן.

## 156
## אַ נגיד צווישען גבירים

אין אַ קליין שטעדטעל האָט אַמאָל געלעבט אַ נגיד וואָס האָט פערמאָגט זיינע הונדערט רענדלעך. אין זיין שטעדטעל האָט ער זיך גערעכענט פאַר דעם רייכסטען מאַן און אַלע האָבען איהם געשמייכעלט און אַלע האָבען איהם אָבגעגעבען כבוד. האָט ער זיך איינמאָל בערעכענט אַז ער וועט אַריבערציהען אין אַ גרויסער שטאָדט. דאָרט זיינען דאָך אַ סך מענשען, וועט ער האָבען מעהר כבוד. אָבער ווען ער איז געקומען אין דער גרויסער שטאָדט האָט ער אויסגעפונען אַז דאָרט וואוינען גרויסע גבירים, וואָס געגען זיי איז ער אַ קבצן, אַן אָרימאַן . . .

נ מ ש ל

דער וואָס קריכט ניט צו הויך וועט ניט פאַלען נידעריג.

## 157
## זיי האָבען געזוכט פּרנסה

צוויי מענשען זיינען געפאָהרען אין וועג זוכען פּרנסה. אין אַן אַכסניא האָבען זיי זיך צוזאמענגעטראָפען און האָבען זיך צורעדט. איינער איז געווען אַ דאָקטאָר, וואָס איז געפאָהרען זוכען אַ שטאָדט וואו ער זאָל קענען האָבען פּראַקטיקע, און דער אַנדערער איז געווען אַ קוכער, וואָס האָט געזוכט אַן אָרט וואו צו עפענען אַ רעסטאָראַן. זאָגט דער דאָקטאָר צום קוכער: „אַז מיר האָבען זיך שוין צוזאמענגעטראָפען אין איין וועג, לאָמיר זיך בעזעצען אין איין שטאָדט."

„ניין, דאָס טויג ניט," האָט דער קוכער געזאָגט, „ווייל איהר דאַרפט האָבען אַ שטאָדט וואו עס געפינען זיך אַ סך קראַנקע און שוואַכע מענשען, אָבער איך דאַרף האָבען געזונטע און שטאַרקע מענשען, וואָס האָבען אַ גרויסען אַפּעטיט און קענען אַ סך עסען."

„עס מאַכט ניט," האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, „אַז איהר וועט קאָכען וועל איך שוין זיין בעזאָרגט מיט חולאים . . ."

### נ מ ש ל

אזוי לאַנג ווי דער מענש האַלט זיך אַן ביי זיינע תאוות וועט איהם קיין תשובה ניט העלפען. דער יצר הרע וועט איהם ווידער בעהערשען.

## 158
## אויף פרעמדע איז ער ניט קארג

א פאטער איז איינמאל געפאהרען אין וועג וועגען מסחר און ער האט מיטגענומען זיין אינגעל. ווען זיי זיינען אנגעקומען אויף אן אכסניא, איז דער פאטער אריינגעפאהרען אין הויף אויסשפאנען די פערד און זיי געבען עסען, און צו זיין זוהן האט ער געזאגט: „דו געה אריין אין אכסניא און פרעג וואס זיי האבען צו עסען." דער אינגעל איז אריינגעקומען און געפרעגט, האט מען איהם אויסגערעכענט א לאנגען צעטעל פון גוטע מאכלים, ווי געבראטענע קאטשקע, לעבערלעך, גענזענע גריבענעס, פלאדען, קאמפאט און נאך אזעלכעס. דער אינגעל האט געהייסען די אלע מאכלים גרייטען צום טיש.

ווען דער פאטער איז אריין אין הויז און האט דערזעהן די גרויסע סעודה וואס איז אנגעגרייט אויפ'ן טיש, האט ער זיך געוואונדערט, אבער ער האט געשוויגען און האט קיין ווארט ניט געזאגט. האבען זיי אבגעגעסען, אבגעבענשט, בעצאהלט דעם בעל־הבית וויפיעל עס האט איהם געקומט, און גלייך נאך דעם מאהלצייט האט דער פאטער איינגעשפאנט די פערד און איז אוועקגעפאהרען ווייטער. באטש עס איז שוין געווען שטארק פינסטער, אזוי ווי ער וואלט פון דארט געלאפען.

דער אינגעל איז געזעסען אין וואגען און געקרעכצעט. „וואס איז דיר?" האט דער פאטער געפרעגט. און דער אינגעל האט געענטפערט: „נאך אזא מאהלצייט ווילט זיך שלאפען, און שלאפען אין וואגען קען איך ניט, וויל איך בין צו דעם ניט געוואוינט."

„מיין זוהן, האט דער פאטער געזאגט, „דו האסט גע־מאכט א פעהלער וואס דו האסט בעשטעלט אזא גרויסע סעודה, ווייל פון דעם שלעפערט זיך מיר אויך. אז מען פאהרט אין וועג דארף מען עסען גאנץ לייכטע אכילות. און פערגעס ניט, מיין קינד, אז דער וועג איז נאך א ווייטער. מיר האבען נאך פיעל צו פאהרען.“

אזוי ווי זיי זיינען געפאהרען ווייטער, זיינען זיי אנ־געקומען אין א דארף, און דארט איז געווען א ברית אין דער הויז פון א אידישען ארענדאר. גראדע האבען אויסגעפעהלט צוויי מענשען צום מנין. האט מען געבעטען דעם סוחר מיט זיין אינגעל, אז זיי זאלען פערבלייבען אויפ׳ן ברית. דער סוחר האט זיך ניט געלאזט בעטען און האט זיך אבגעשטעלט. צו דער סעודה האט מען דערלאנגט טייערע מאכלים, טאקע פון אל דאס גוטס, עס האט ניט געפעהלט פון פויגעל־מילך. דער סוחר האט געגעסען מיט גרויס אפעטיט און געהייסען זיין אינגעל אויך עסען, ניט נעזשאלעוועט. האט דער אינגעל געפרעגט א קשיא:

„טאטע! דו האסט דאך מיר ערשט היינט געזאגט אז אין וועג דארף מען א סך ניט עסען און נאר לייכטע מאכלים, טא פארוואס עסטו יעצט אזוי פיעל און דו הייסט מיר אויך עסען א כך?“

„פערשטעהסטו מיך אזוי, מיין זוהן,“ האט דער פאטער ערקלערט, „מיר קענען פון דאנען סאי־ווי גלייך ניט אוועק־פאהרען. מיר מוזען דאך דא א ביסעל פערבלייבען. און אז עס מאכט זיך אונז דערצו אזא גוטע סעודה׳לע, וואס קאסט אונז קיין געלד ניט, טא וואס קענען מיר אנווערען? מיט דיר איז אבער געווען גאנץ אנדערש. דיין סעודה האט מיר געקאסט א שעהנע מטבע . . .“

## נ מ ש ל

דער אייבערשטער האט דעם אידען אנגעזאגט „ובחרת

בחיים.״ דאָס מיינט זאָלסט זיך נעהמען פון דער וועלט זוי־פיעל עס איז דיר גענוג אויף צו לעבען. אָבער טאָמער ווילסטו נעהמען פון דער וועלט אַלערליי פערגניגענס און תאוות, וואָס זיינען גאָר ניט נויטיג פאַר דיר, זאָלסטו וויסען אַז דו ביזט אויף אַ רייזע און דער איבערפּאַקען זיך וועט דיר שאַדען טאָהן, און אויסער דעם וועסטו דאַרפען גוט בע־צאָהלען פאַר די פערגניגענס . . .

## 159
## דער גרויסער טאָפּ

אַ אַלטער סוחר האָט איינמאָל געדאַרפט פאָהרען צו־זאַמען מיט זיינע צעהן זיהן אויפ׳ן ים. אין דער היים האָט דער סוחר געהאַט ביי זיך אַ סך קוכערס און משרתים, אָבער אויף דער רייזע האָט ער זיי ניט געוואָלט מיטנעהמען, ווייל עס וואָלט איהם צו טייער געקאָסט. דער אַלטער אַליין האָט קאָכען ניט געקענט, נאָר ער האָט זיך פערלאָזען אַז דער עלטסטער פון זיינע זיהן וועט קאָכען אויפ׳ן שיף, כדי זיי זאָלען ניט דאַרפען עסען טרפות, און ער וועט קאָכען פאַר איהם און פאַר די אַנדערע קינדער, וועלכע זיינען געוועזן נאָך צו קליין.

דער פאָטער האָט בעמערקט אַז דער עלטסטער זוהן האָט ניט שטאַרק ליעב זיינע אינגערע ברידער, האָט ער מורא געהאַט, טאָמער וועט דער זוהן וועלען זיי טאָהן צו להכעים און ניט קאָכען פאַר זיי.

וואָס האָט דער אַלטער געטאָהן? איידער זיי האָבען זיך געזעצט אויפ׳ן שיף האָט ער אָנגעזאָגט זיין משרת, וואָס האָט איינגעפּאַקט די זאַכען פאַר דער רייזע, אַז ער זאָל זיי מיטנעבען בלויז גרויסע טעפּ, און אַז וואו ער זעהט

א קליינעם טעפּעל זאָל ער דאָס בעסער צוברעכען. זיין מיין איז געווען אַזאַ: ווען דער זוהן וועט האָבען קליינע טעפּלעך וועט ער קאָכען נאָר פאַר זיך אַליין. אָבער אַז ער וועט קיין קליינע טעפּלעך ניט האָבען וועט ער מוזען קאָכען אין גרויסע טעפּ, און אין אַ גרויסען טאָפּ קען מען קיין ביסעל ניט קאָכען. וועט ער ממילא מוזען אריינטאָהן אין טאָפּ אַזוי פיעל אַז עס וועט שוין קלעקען פאַר אַלעמען.

## נ מ ש ל

די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט דורך דעם זכות פון די צדיקים. אָבער צו די צדיקים אַליין האָט דער אייבער־שטער קיין עשירות ניט געגעבען. זיי ווערען געשטיצט פון אַנדערע. און אַזוי האָט דער אייבערשטער געזאָגט צו אהרן הכהן: „בארצם לא תנחל וחלק לא יהיה לך,“ קיין חלק לאַנד וועסטו ניט קריגען צווישען אידען. עס הייסט קיין קליינעם טעפּעלע פאַר זיך וועסטו ניט האָבען. „כי אני חלקך ונחלתך בתוך בני ישראל,“ איך בין דיין חלק און דיין נחלה ביי אידען. עס הייסט: אַ גרויסען טאָפּ וועסטו האָבען. דורך דיין זכות וועלען אידען האָבען פּרנסה און עס וועט זיין גענוג פאַר דיר און פאַר זיי.

## 160

# אַן אוצר אין חלום

א סוחר איז געקומען אין לייפּציג איינצוקויפען סחורה. איין נאַכט, בעת ער איז געשלאָפען אין דער אַכסניא, האָט זיך איהם גע'חלום'ט אַז ער האָט געפונען אַן אוצר אונטער דער פאָדלאָגע פון דעם צימער, אין וועלכען ער איז געשלאָפען. ער האָט גענומען גראָבען און האָט געזעהן אַז דאָרט געפינט

זיך אַ אונגעהייער גרויסער אוצר פון גאָלד מיט זילבער, דימענטען און בריליאַנטען, אַזוי פיעל, דאָס מען וואָלט דאַר־פען אַ סך זעק זיי אַוועקצונעהמען. ער האָט בעשלאָסען: דעם גאַנצען אוצר צו נעהמען צו זיך אַהיים. אָבער נאָכדעם האָט ער זיך בערעכענט, אַז אויב דער בעל־הבית וועט זעהן ווי ער האָט איהם אויפגעריסען די פּאָדלאָגע און צוגראָבען די ערד אונטען, וועט ער איהם צוערשט אויסהאַקען די צייהן און נאָכדעם וועט דער בעל־אַכסניא אַליין זיך דערוויסען פון דעם אוצר, און ער, דער סוחר, וועט פון דעם גאָרנישט האָבען. האָט דער סוחר געזאָגט צו זיך: „איך וועל בעסער יעצט דעם אוצר ניט טשעפּען. איך וועל פאָהרען צוריק אַהיים, ברייננגען אַהער מיין ווייב און קינדער, אָבקויפען די אַכסניא, און נאָכדעם וועל איך אויסגראָבען דעם אוצר.“

האָט ער צוריק פערריכט די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע און האָט פערדעקט יעדען צייכען פון דעם אוצר. אַזוי האָט זיך איהם גע׳חלומ׳ט.

אין דער פריה, ווען דער סוחר האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער אינגאַנצען פערגעסען זיין חלום. ער האָט אָבגעדאַוונט, אָבגעגעסען און איז אַוועק וועגען זיינע גע־שעפטען. עטליכע טעג שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט אַלעם איינגעקויפט וואָס ער האָט געדאַרפט, איז ער אַוועקגעפאָהרען צוריק אַהיים.

ווען ער איז שוין געווען נאָהענט צו זיין היים, האָט ער זיך דערמאָנט אַן דעם אוצר מיט די גאָלד און זילבער, די־מענטען און בריליאַנטען, אָבער איין זאַך האָט ער פערגעסען: אַז דיזע זאַכען האָט ער אַלץ געזעהן בלויז אין חלום. און דאַרום האָט ער אָנגעהויבען צו גלויבען אַז ער האָט דעם אוצר געזעהן אויפ׳ן וואָהר. האָט ער זיך זעהר געפרעהט, און ווען ער איז אָנגעקומען אַהיים, האָט ער אָנגעזאָגט די שמחה צו זיין פרוי און קינדער. נאָכדעם האָט ער געמאַכט אַ מאָהל־צייט פאַר זיין גאַנצע משפּחה און האָט זיי אַלעמען דערצעהלט

ווי ער האט געפונען א גרויסען אוצר וואס איז ווערטה שווערע טויזענדער, מיליאנען.

דער סוחר האט זיך לאנג ניט געזאמט אין זיין שטעד־טעל. ער האט פערקויפט זיין קראם, זיין הויז, זיין מעבעל און אלע זיינע כלי בית, פשוט פאר קליינגעלד, און איז אוועק מיט זיין פאמיליע קיין לייפציג. ער איז אריינגע־פאהרען אין דער זעלבער אכסניא וואו ער האט געזעהן דעם אוצר אין חלום. ער האט געמאכט א רייד מיט דעם בעל־הבית, אויב ער וואלט איהם וועלען פערקויפען זיין הויז. דער בעל־הבית, וועלכער האט געמאכט שלעכטע געשעפטען, איז געווען ווילינג צו פערקויפען, אבער ער האט געבעטען א גוטען מקח. דער סוחר האט עס געמאכט איינס און צוויי, געגעבען וויפיעל יענער האט פערלאנגט, זיך אבגעשריבען און בעצאהלט.

אויף דער נאכט האט דער סוחר זיך גענומען צו גראבען דעם אוצר . . . ער האט אויפגעריסען די פארלאגע, גענומען גראבען — עס זעהט זיך ניט אן קיין אוצר . . . גראבט ער טיעפער, און די ווייב מיט די קינדער שטעהען אלע מיט גראבאייזענס און העלפען איהם גראבען . . . מען האט אונ־טערגעראבען די גאנצע הויז, מען האט פערגראבען אזש אין הויף, דעם פונדאמענט האט מען אויך צוגראבען, געמאכט א תל פון דער הויז, און פון אוצר איז קיין סימן ניט געווען צו זעהן. צום סוף האט דער סוחר זיך דערמאנט אז ער האט דעם אוצר געזעהן אין חלום . . . און ער מיט זיין גאנצע הויז־געזינד האבען אויסגעבראכען אין א ביטערען געוויין, וואס זיי האבען זיך אזוי חרוב געמאכט צוליעב א פוסטען חלום . . .

## נ מ ש ל

ווען א מענש האט הונדערט רענדלעך וויל ער צוויי הונדערט. אז ער האט צוויי, וויל ער פיער, און ער טראכט

זיך איין הארצען, אז ווען ער וועט שוין האבען צעהן טויזענד, וועט ער שוין מעהר ניט פערלאנגען און וועט זיך לעבען רוהיג. און אום צו קריגען די צעהן טויזענד שטעלט ער איין זיין געזונד און לעבען, ארבייט אונערמיעדליך, טאג און נאכט, עסט ניט און טרינקט ניט, און עס געהט איהם ניט איין דער שלאף פון קאפדרעהעניש. אט אזוי שווארצט ער אב א פאר יאהרען, און אז ער ווערט שוין רייך, לאזט ער זיך בויען א שעהנע הויז, מעבלירט עס אוים מיט די טייערסטע אנ־טיקען, און פלוצלונג — ניט ער א שטארב . . . און עס לאזט זיך אוים א פוסטער חלום פון זיין גאנצער מיה.

## 161

## פריינדשאפט איז ניט קיין האנדעלשאפט

א קרעמער האט מקנא געווען וואס א געוויסער בעל־הבית גיט צו לייזען אין פערשיעדענע קראמען און צו איהם קומט ער קיינמאל ניט אריין. האט דער קרעמער אלץ גע־טראכט פון דעם, ווי אזוי ער קען קריגען א ביסעל לייזונג פון דעם בעל־הבית. איינמאל, אז ער האט געזעהן דעם בעל־הבית פארבייגעהן, האט דער קרעמער איהם אבגעשטעלט און געזאגט: „איך מיט דיין פאטער, עליו השלום, זיינען געווען די בעסטע פריינד. מיר פלעגען לערנען צוזאמען און פער־בריינגען צוזאמען, און דו ביזט מיט מיר אזוי ווי א פרעמדער. מיר קענען זיך גארניט. אפשר וואלסטו אריינקומען יעצט צו מיר אין קראם און מיט מיר א ווייל זיצען, שמועסען און פערברייגען? אפשר וועלען מיר ווידער בענייען די אלטע פריינדשאפט?"

דער בעל־הבית האט איהם געטאהן די טובה און איז צו איהם אריין. נאכדעם פלעגט דער בעל־הבית קומען גאנץ

אפט צום קרעמער א ביסעל פערברייננגען די צייט און פלוי־דערען צוזאמען פאר גאנצע שטונדען. אבער האנדלען פלעגט דער בעל־הבית מיט אנדערע קרעמער, און ביי דעם פלעגט ער ניט קויפען אפילו פאר א גראשען.

דער קרעמער האט אלץ געווארט און געהאפט, טאמער וועט דער בעל־הבית איהם דאך געבען צו לייזען, און אז ער האט איינגעזעהן אז ער האט ניט וואס צו האפען, האט ער זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען און האט מיט כעס געזאגט צו איהם:

„מיין גאנצער מיין איז געווען אז דו זאלסט קומען צו מיר און מיר געבען צו לייזען, און יעצט, אז איך האב זיך ארומגעזעהן אז דו ביזט א שוטה און פערשטעהסט נאך אלץ ניט מיין כוונה, בעט איך דיך אז דו זאלסט אויפהערען צו קומען און מיר מעהר ניט נודיען מיט דיינע נארישע מעשיות. ווילסטו דולען א קאפ, געה צו יענע קרעמער, ביי וועמען דו קויפסט.“

נ מ ש ל

פאלשע גאסטפריינדשאפט און חניפה ברייננגען גאר־נישט אריין.

## 162

## די צוויי גנבים

צוויי גנבים האט מען איינמאל געכאפט צוזאמען, גנב'ענדיג. האט מען זיי ארעסטירט און געבראכט אין גע־ריכט. דער ריכטער האט יעדען פון די צוויי גנבים גענומען אויספרעגען ווער זיי זיינען און פון וואנען זיי קומען. איינער האט געזאגט זיין נאמען איז אזוי און אזוי, און קומען קומט

ער פון יעדער און יענער שטאדט. מענשען וואס זיינען דער־
ביי געשטאנען אין געריכט האבען אויסגערופען צום ריכטער:
„מיר קענען איהם! ער איז שוין איינמאל געזעסען אין
תפיסה. זיין טאטע איז געווען א גנב, און זיין זיידע איז
אויך געווען א גנב. זיין גאנצע משפחה בעשטעהט פון גנבים."
אז דער ריכטער האט גענומען אויספרעגען דעם צווייטען
גנב, האט יענער געענטפערט: „מיין טאטע איז געווען א
רב אין דער און דער שטאדט, און מיין זיידע איז געווען
א רב אין יענער און יענער שטאדט, און ער האט געשריבען
גרויסע ספרים. איך שטאם פון לויטער רבנים און גאונים."
נאכדעם ווי דער ריכטער האט דיביידע גנבים אויס־
געהערט, האט ער דעם גנב בן גנב געגעבען א לייכטע שטראף,
אבער דעם בן הרב האט ער געגעבען זעהר א הארבע שטראף.
האט דער בן הרב אנגעהויבען צו קלאגען:
„ס'טייטש! וואו איז דער יושר? יענער איז א גנב
שבגנבים, זיין טאטע און זיין זיידע זיינען אויך געווען גנבים,
קומט ער אב מיט א לייכטער שטראף, און איך, א בן הרב,
וואס קומט ארויס פון אזא שעהנער משפחה, ווער בעשטראפט
אזוי שווער!"
„וואס וואונדערסטו זיך?" האט איהם דער ריכטער
געענטפערט. „יענער איז געבוירען געווארען ביי גנבים און
האט זיך ערצויגען צווישען גנבים, קען מען איהם ניט אזוי
שטארק בעשולדיגען וואס ער איז אויך אויסגעוואקסען א
גנב, דען פון וועמען האט ער געקענט לערנען בעסערע זאכען?
אבער דו, וואס דו ביזט א בן הרב און האסט זיך ערצויגען
ביי פיינע, ארענטליכע עלטערען, און דאך ביזטו געווארען
א גנב, קומט דיר טאקע די גרעסטע שטראף!"

## נ מ ש ל

אונז, אידען, בעשטראפט דער אייבערשטער זעהר שווער
פאר אונזערע זינד, דערפאר ווייל מיר האבען געדארפט גע־

דענקען אונזער יחוס און אונזער ערציהונג וואס מיר האבען געהאט, אבער זיי, די אומות העולם, קומען אב מיט לייכטע שטראפען, ווייל זיי שטאמען ניט פון אזעלכע פיינע עלטערען, האבען ניט געהאט אזא גוטע ערציהונג, און דארום איז זייער שולד ניט אזוי גרויס.

## 163
## אַ ווערטאָג איז אַ גוטער סימן

איינעם האט אבגענומען א האנד. אלע זאלבען און מיטלען, וואס די דאקטוירים האבען איהם פערשריבען, האבען אלץ ניט געהאלפען. די האנד איז געבליבען ווי א שטיק האלץ און דער מענש האט גארניט געפיהלט אויף דער האנד. אמאל האט זיך געטראפען דאס איינער האט איהם איז האנד א שטארקען קלאפ געטאהן, און דער מענש האט דערפיהלט א גרויסען ווערטאג. האט ער זיך זעהר דערפרעהט און אויסגערופען: „אי, גוט! עס טוהט שוין וועה, דאנקען דעם אייבערשטען!“ האט מען איהם געפרעגט: „וואס איז די שמחה?“ האט ער געענטפערט: „וואס פערשטעהט איהר ניט? אז מיין האנד קען שוין פיהלען א ווערטאג, איז א סימן אז זי איז שוין געהיילט.“

נ מ ש ל

ווען א איד, וואס האט זיך פאר א צייט אבגעשיידט פון זיין פאלק און איז געווארען אז „עץ יבש“, אז אבגעטריקענטער צווייג, הויבט אן צו פיהלען דעם צער פון אנדערע אידען וואס ווערען פערפאלגט, דאן איז דאס א סימן אז עס לעבט נאך אין איהם די אידישע הארץ.

## 164
# אַן אָרימאַן׳ס גליק

א מלך האט געוואוינט אין א שטאדט וואס איז געווען בעזעצט דורכאוים פון בעלי מלאכה. און געוועהנליך, א בעל־מלאכה איז אן ארימאן, אבער דער מלך האט יעדען איינעם נעגעבען ארבייט און גוט בעצאהלט. און יעדער בעל־מלאכה איז געווארען רייך פון די ארבייט וואס ער האט געטאהן פאר׳ן מלך.

איינמאל איז דער מלך געגאנגען שפאציערען איבער׳ן שטאדט און זיינע אויגען האבען בעטראכט די פייז־ברוקירטע גאסען און די שעהנע הייזער. עס איז געווען דייטליך צו זעהן אז די איינוואוינער לעבען אלע בעקוועם און עס פעהלט זיי קיין זאך ניט. אבער אזוי ווי ער געהט ווייטער, דערזעהט דער מלך אן אלטע הייזעל, א האלב־איינגעפאלענע חורבה, וועלכע איז געווען פערוואקסען מיט מאָה, און פון אויבען א שטרויענער דאך, אין וועלכען די שטרוי איז געווען האלב צופוילט. דער מלך איז צוגעגאנגען נאהנט צו דער חורבה און האט אריינגעקוקט דורך א פענסטער. האט ער געזעהן אן ארימע פאר פאלק מיט קינדער, אלע האלב־נאקעט און בארפוס, און אין הויז איז ניט געווען קיין מעבעל, אויסער א צובראכענער טיש מיט א פאר בענקלעך.

דער מלך האט שטארק רחמנות בעקומען אויף דעם ארימאן. ער איז אריינגעקומען און האט דעם ארימאן גע־פרעגט: „פארוואס ביזטו ארימער פון אלע מענשען פון דער שטאדט?" האט דער ארימאן געענטפערט: „ווייל זיי אלע זיינען בעלי־מלאכה. יעדער איינער פון זיי האט א פרנסה

אין די הענד, אבער איך האב גארנישט און קען גארנישט. דערפאר בין איך געבליבען א דלפון, א קבצן.״

וואס האט דער מלך געטאהן? ער האט צוזאמענגע־רופען זיינע בעסטע ארבייטער און האט צו זיי געזאגט: „איך וויל אז איהר זאלט מיר אויסבויען א הויז וואס זאל זיין עפעס א נייעס, אזא וואס איהר האט נאך קיינמאל ניט געמאכט.״ האבען די ארבייטער געענטפערט: „צו מאכען עפעס א נייעס איז זעהר שווער, ווייל די בעסטע פלענער האבען מיר שוין אויסגענוצט.״

„איך וועל אייך ערקלערען וואס איך וויל,״ האט דער קעניג געזאגט. „ביז יעצט האט איהר אלץ געבויט רייכע, גרויסארטיגע פאלאסטען; יעצט וויל איך אז איהר זאלט מיר אויסבויען א הילצערנע הויז, וואס זאל אויסזעהן ווי די וואוי־נונג פון אן ארימען מענשען, א האלב־איינגעפאלענע חורבה, פערוואקסען מיט מאָד, און דער שטרויענער דאך זאל זיין פול מיט לעכער. אינווייניג זאלט איהר מיר מאכען א צו־בראכענעם טיש מיט א פאר צופאלענע בענקלעך. אין הויז זאלען זיך געפינען גיפסענע פיגורען, וואס זאלען פארשטעלען אן ארימע פאמיליע, האלב־נאקעט און בארפוס, און אלעס זאל זיין אזוי ריכטיג ווי אין לעבען.״

זיינען די ארבייטער ארויס איבער׳ן שטאדט זוכען א מאדעל, עס הייסט אזא ארימע הויז, וועלכע זיי זאלען קענען נאכמאכען. זיי האבען געפונען די ארימע הויז וואס דער מלך האט געזעהן, און די הויז איז זיי זעהר שטארק געפעלען געווארען, ווייל דאס איז געווען אזוי ריכטיג ווי דער מלך האט זיי פארגעשטעלט. האבען זיי פארגעשלאגען אז דער ארימאן זאל זיי די הויז פערקויפען. אין אנפאנג האט דער ארימאן געמיינט אז זיי לאכען פון איהם, אבער ווען זיי האבען איהם ערקלערט צו וואס פאר א צוועק זיי דארפען זיין חורבה, האט ער זיך ניט געפוילט צו בעטען א גוטען מקח.

די ארבייטער האבען איהם אבגעשאטען מיט גאלד פאר דער חורבה, און נאכדעם האבען זיי דעת ארימאן מיט זיין גאנצע הויז־געזינד געפיהרט צו א גרויסען קינסטלער, וועל־כער האט פון זיי נאכגעמאכט אזעלכע פיגורען ווי זיי, און דערפאר האט דער ארימאן ווידער בעקומען א סך געלד און איז זעהר רייך געווארען, ווייל דער גאנצער ציעל פון דעם סעניג איז געווען רייך צו מאכען דעם ארימאן.

## נמשל

די הימלען זיינען די שעהנסטע פאלאסטען, די הויכע וועלטען בעקומען זייער השפעה פון דעם גרויסען מלך און זיי האבען אלעס. נאר דער מענש וואס וואוינט אונטען, אויף דער ניתעריגער ערד, איז ארים אין גייסט. האט דער אייבערשטער געהייסען אז מען זאל פאר איהם בויען א משכן און אידען זאלען געבען גאלד און זילבער פאר'ן משכן, וואס אין הימעל האט עס גאר קיין ווערטה ניט, נאר דער צוועק איז, אז דער מענש זאל דערפאר בעקומען גוט בעלוינט פון הימעל.

## 165
## א לעבען אהן חשבון

אמאל איז געווען א סוחר, וואס האט געפיהרט א ניש־כשה'דיגען געשעפט, אבער ער האט ניט געקענט רעכענען און האט ניט געוואסט פון בוכהאלטעריע. נאר דער געשעפט האט זיך געדרעהט אהן חשבון.

איינמאל האט זיך געמאכט אז א גרויסער סוחר אין דער זעלבער שטאדט, וועלכער איז געווען זעהר רייך און האט געפיהרט זיין געשעפט מיט חשבון, מיט א בוכהאלטער.

האט באנקראטירט און די קרעדיטארען האבען צוגענומען אלעס וואס ער האט פערמאגט. ווען דער קלענערער סוחר האט זיך פון דעם דערוואוסט, האט ער גענומען ברעכען מיט די הענד און זיך שלאגען קאפ אן וואנד.

„וועה איז מיר!" האט ער גיזאגט. „ווען אזא גרויסער סוחר, וואס האט געפיהרט זיין געשעפט מיט חשבון, האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין אן ארימאן, היינט ווי איז שוין איך, וואס איך בין א קליינער סוחר און האב מיין געשעפט געפיהרט אהן חשבון, בין איך דאך זיכער א קבצן און וועל זיכער האבען א שווארצען סוף!"

## נמשל

ווען מיר זעהען גרויסע צדיקים, וואס לעבען מיט חשבון, ווערען בעשטראפט פאר זייערע זינד, היינט ווי דארפען מיר שוין, קליינע מענשעלער, וואס לעבען אהן חשבון, מורא האבען פאר שטראף.

## 166
# דער בלינדער גנב

אמאל איז געווען א בלינדער גנב, און כאטש ער האט ניט געקענט זעהן פלעגט ער אבטאהן די גרעסטע גנבות וואס די זעהענדיגע האבען ניט געקענט אבטאהן. איינמאל האט מען איהם געפרעגט: „ווי אזוי קענסטו אויסשטעלען דיין האנד עפעס צו לאטכענען? מילא אז דו זעהסט ניט, זעהסטו ניט, אבער אנדערע זעהען דיך יא, היינט ווי האסטו קיין מורא ניט אז מען זאל דיך כאפען ביי דער גנבה?"

„איך וועל אייך ערקלערען ווי אזוי איך טוה," האט דער גנב געענטפערט. „איך וויס אז איך האב א נאמען אין

שטאָרט פאַר אַ גרויסען גנב. אַלע קענען מיך, אַפילו קינדער אין די וויגען. און אַז איך קום אַריין אין אַ הויז, הער איך ווי מענשען זאָגען: ,אָט איז ער געקומען, דער בלינדער גנב! אָט איז ער געקומען עפּעס לאַטכענען.' ווייס איך אַז דאָ געפינען זיך מענשען און איך טראָג זיך אָב מיט אַ ביטער האַרץ. אָבער ווען איך קום אַריין אין אַ הויז און עס איז שטיל, קיינער זאָגט גאָרנישט, קיינער רעדט גאָר־נישט, דאַן ווייס איך אַז קיינער איז ניטאָ אין הויז, און דאַן נעהם איך צו וואָס נאָר איך קען טראָגען מיט זיך."

## נמשל

אַזאַ גנב קען אָבער אַמאָל מאַכען אַ טעות. ער קען אַריינקומען אין אַ הויז, און ווייל ער הערט קיינעם ניט ריידען מיינט ער אַז קיינער איז אין הויז ניטאָ. אָבער אין אמת'ן זיצט דאָרט איינער וואָס האַלט אַן אויג אויף איהם און שווייגט, כדי דער גנב זאָל מיינען אַז קיינער איז ניטאָ און ער זאָל דעם גנב קענען כאַפּען ביי דער האַנד. אַזאַ טעות האָט געמאַכט טיטוס הרשע. ווען ער איז אַריין אין בית־המקדש און האָט געזעהן אַז דער אייבערשטער שווייגט, האָט דער רשע געמיינט אַז דער בעל־הבית, כביכול, איז אַוועק פון דער היים, און ער האָט גענומען בערויבען די כלי־קודש און טאָהן מעשים תעתועים. עס איז איהם אָבער ניט איינגעפאַלען אַז דער בעל־הבית האָט געשוויגען און האָט איהם געלאָזט גנב'ענען, כדי איהם צו כאַפּען ביי דער האַנד און איהם נאָכדעם קענען בעשטראָפען.

## 167
## ווער האָט געצאָהלט מעהר?

איינער איז אריינגעקומען אין אַ קראָם קויפען אַ זייגער. האָט ער דאָרט געפונען נאָך איינעם וואָס האָט געהאַנדעלט אַ זייגער און האָט פאַר איהם בעצאָהלט צוואַנציג רענדלער. נאָכדעם ווי יענער קונה איז אַרויס, האָט ער געזאָגט צום קרעמער: „וויפיעל וועט איהר ביי מיר נעהמען פאַר אַזאַ זייגער?" האָט דער קרעמער געענטפערט: „ביי אייך וועל איך נעהמען בלויז פופצעהן רענדלער."

האָט ער צוגענומען דעם זייגער פאַר פופצעהן רענד־לער, אָבער אַרויסגעהענדיג האָט ער זיך גענומען פרעגען אַזעלכע שאלות: זאָל איך דענקען אַז צוואַנציג רענדלער איז דער ריכטיגער פרייז פון זייגער, האָט יענער בעצאָהלט דעם ריכטיגען פרייז און איך האָב געכאַפּט אַ גרויסע מציאה. אָבער זאָל איך דענקען אַז פופצעהן רענדלער איז דער ריכ־טיגער פרייז פון זייגער, האָב איך ניט געכאַפּט קיין מציאה און יענער האָט אַ סך איבערגעצאָהלט.

### נ מ ש ל

ווען מיר ווילען פערגלייכען אונזער לעבען צו דעם לעבען פון אונזערע עלטערען, קומט אונז אויס איבערצופרעגען די פראַגע פון די חכמי התלמוד: „אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אדם." אויב אונזערע עלטערען האָבען זיך אויפגעפיהרט אַזוי ווי מלאכים, זיינען מיר מיט אונזער אויפפיהר ניט מעהר ווי מענשען. „ואם הראשונים בבני אדם, אנו כחמורים." אָבער אויב אונזערע עלטערען האָבען זיך אויפגעפיהרט ניט מעהר ווי מענשען, זיינען מיר בלויז חמורים.

## 168
## פאַר אַ גנב איז ניטאַ קיין שלאָס

אמאָל זיינען געווען צוויי שכנים, ביידע אָרימע־לייט. איינער איז געווען אַ האַלצהעקער און דער אַנדערער איז געווען אַ גנב. דער האָט געהאַט טעכטער און דער האָט געהאַט טעכטער. אַז די מיידלעך זיינען אויסגעוואַקסן און געוואָרן כלה־מוידן, פלעגן דעם האָלצהעקערס טעכטער קריגן חתנים און חתונה האָבן, אָבער דעם גנב׳ס טעכטער פלעגן בלייבן זיצן.

זאָגט איינמאָל דער גנב צום האָלצהעקער: „זעה, דו ביזט דאָך אַזאַ אָרימאַן ווי איך, טאָ ווי קומט דאָס אַז דו גיבסט דיינע טעכטער נדן און דו מאַכסט פאַר זיי לייטישע חתונות, — וואו נעהמסטו דאָס געלד אויף דעם?"

האָט דער האָלצהעקער אַזוי דערצעהלט:

„איך בין זיך נוהג, אַז ווי אַ קינד ווערט ביי מיר געבוירן מאַך איך פאַר איהר אַ קליין קעסטעלע מיט אַ שלאָס אויף דעם, און פון אויבן אויף דער קעסטעלע אַ לעכעל, דורך וועלכע איך וואַרף אַריין יעדען טאָג אַ קליינע מטבע, וויפיעל נאָר איך קען אַבשפּאָרן, און ביז דער צייט ווען די מיידעל ווערט שוין אַ כלה־מויד קלייבט זיך אָן אַ היבשע סומע געלד. פאָלג מיר, טוה אַזוי ווי איך און קריג זיך אויך אַזאַ קעסטעל מיט אַ שלאָס און קלייב אָין דעם נדן פאַר דיינע טעכטער."

ווען דער גנב האָט געהערט די עצה האָט ער זיך צולאַכט.

„וואָס טויג מיר אַ שלאָס," האָט ער געזאָגט. „וואָס פאַר אַ ווערטה האָט ביי מיר אַ שלאָס? און ווי וועל איך זיך קענען איינהאַלטען ניט אויפצוברעכען די קעסטעל ווען עס

זועט אויף דעם היינגעז א שלאס? גרויסע שלעסער האבעז ביי מיר קיין ווערטה נים, היינט וואס א בעטרעף האט שוין אזא קליינינקער שלעסעל?"

נ מ ש ל

א פרומער איד, ווען ער גיט זיך א נדר, וועט ער עס האלטען. אבער א רשע, ווי קען ער האלטען א נדר, אז אפילו די הארבסטע געזעצען פון דער תורה פאלגט ער נים?

## 169
# די צוויי סוחרים

צוויי סוחרים זיינען געוועז אין איין שטאדט. ביידע האבען געהאנדעלט מיט די זעלבע סחורה. איינער פלעגט האנדלען מיט זיין אייגענעם ביסעל קאפיטאל, און האט קיינ־מאל נים געוואלט זיך דרעהען דעם קאפ מיט לייהען און בארגען פון אנדערע מענשען. דער אנדער סוחר האט גע־פיהרט א גרויסען געשעפט, און אזוי ווי ער האט נים געהאט גענוג אייגענעם קאפיטאל, פלעגט ער לייהען געלד ביי פריינד און פלעגט אויך נעהמען א סך סחורה אויף בארג.

איינמאל, אז דער קלענערער סוחר איז געוועז אין וועג, איז איהם אויסגעקומען צו פערבלייבען אויף דער נאכט אין אן אכסניא. ער האט ארייגעפיהרט זיין וואגען אין הויף, געגעבען זיין פערד א ביסעל היי און האבער, און נאכדעם ווי ער אליין האט עפעס גענומען צו עסען, האט ער זיך געלייגט שלאפען.

ווי נאר ער האט זיך אוועקגעלייגט, האט זיך דערהערט א רעש פון שווערע רעדער און דער קלאפען פון פערדישע

פּים. און באלד איז אריינגעקומען דער בעל־הבית פון דער אכסניא אין צימער און האט געזאגט צום סוחר: „זייט אזוי גוט, רב קרוב, שטעהט אויף און שלעפּט ארויס אייער וואגען פון הויף, ווייל עס קומט א גרויסער סוחר מיט עטליכע וואַגענס און פערד און ער דאַרף האבען דעם פּלאַץ. און איהר אַליין וועט מוחל זיין ארויסציהען פון דעם צימער און איך וועל פאר אייך מאכען א געלעגער אויפ'ן בוידים, ווייל פון יענעם גרויסען סוחר לייז איך זעהר פיעל."

אז דער קליינער סוחר איז ארויס אין הויף האט ער דערזעהן ווער דאס איז אנגעקומען. דאס איז געווען יענער סוחר, וואס פיהרט זיינע גרויסע געשעפטען מיט פרעמדע געלד און אויף בארג, און פאר יענעם האט ער דאס געדאַרפט מאכען פּלאַץ. ער האט אבער געמאכט א שווייג און ניט גע־זאגט קיין ווארט, כאטש אין הארצען האט עס איהם שטאַרק פערדראסען.

אין א צייט ארום האבען די קרעדיטארען פון דעם גרויסען סוחר אנגעהויבען צו מאהנען זייער געלד און איהם שטאַרק צו דריקען, און אזוי ווי ער האט ניט געהאט מיט וואס צו בעצאהלען זיינע חובות, האבען איהם די קרעדי־טארען פערקלאגט און ער האט געמוזט זיצען אין תפיסה. גוטע פריינד האבען זיך אויף איהם מרחם געווען און זיינען ארוים קלייבען פאר איהם נדבות, אום איהם צו בעפרייען. און אזוי ווי די גוטע פריינד זיינען ארומגעגאנגען זיינען זיי אויך אריין צו דעם קלענערען סוחר, וועלכער האט אמאל גע־מוזט אבטרעטען זיין פּלאַץ אין אכסניא פאר דעם גרויסען סוחר. און ווען דער קלענערער סוחר האט אויסגעהערט די געשיכטע און זיך דערוואוסט וואס מיט יענעם סוחר איז געווארען, האט ער אויסגערופען: „געבענשט זאל זיין דער אייבערשטער, וואס האט אין מיר אריינגעגעבען א ווילען צו זיין צופריעדען מיט דעם וואס איך האב און ניט צו פער־לאנגען קיין פרעמדעס!"

נמשל

ווען משיח וועט קומען און דער אייבערשטער וועט משפט'ן די גאנצע וועלט, וועלען די חיות, בהמות און אלע שטומע בעשעפענישען זיך פרעהען וואס זיי זיינען פערבליבען געמיין און ארים אין פערשטאנד, און צוליעב דעם האבען זיי ניט געדארפט טראגען אויף זיך אזא גרויסע פעראנטווארטליכקייט ווי דער מענש.

## 170
## ניט גֶעווֶען וואָס מְקנא צו זיין

צוויי מענשען זיינען אמאל געפאהרען אין איין וועג. איינער איז געפאהרען אין א לייכטער קארעטע, וואס איז געווען געשפאנט מיט צוויי גוטע, שטארקע פערד, אזעלכע וואס קענען גוט לויפען; דער אנדערער איז געפאהרען אין אן איינפאכען וואגען און עס האט איהם געשלעפט אן אלטע, אויסמאטערטע קליאטשע, קוים וואס זי האט זיך געריהרט.

עס פערשטעהט זיך אז דער וואס האט זיך געשלעפט אין דעם פראסטען וואגען מיט דער קליאטשע האט מקנא געווען יענעם וואס איז געפאהרען שנעל מיט די טייערע פאר פערד. דאס איז אבער געווען גאר אין אנהויב פון דער רייזע, אבער שפעטער, נאכדעם ווי דער מיט די שנעלע פערד איז שוין אוועק ווייט, גאנץ ווייט, האט דער וואס איז געפאהרען מיט דער אלטער קליאטשע אויסגעפונען אז ער, אזוי ווי יענער, האבעןביידע פערבלאנדזשעט און זיינען אוועק ניט אין דעם ריכטיגען וועג. האט ער זיך געפרעהט מיט דעם וואס ער האט ניט פיעל צו פאהרען צוריק אום צו קומען אויפ'ן ריכטיגען וועג, אבער יענער, וואס איז שוין

אוועק גאנץ ווייט, וועט האבען א לאנגען וועג צו קומען צוריק.

נ מ ש ל

עס טרעפט אמאל אז דער צדיק איז א ווײלע מקנא דעם רשע וואס ער לעבט אזוי בעקוועהם און שטופט זיך דורך די וועלט אזוי גלאט, אהן צרות, אהן שוועריגקייטען. אבער דערפאר אז דער צדיק בעגעהט אמאל א פעהלער, איז איהם לייכטער צו קומען צוריק אויף דעם ריכטיגען וועג, ווי דעם רשע, וועלכער פערפאהרט שוין צו ווייט.

## 171
## ווען עס פעהלט דער פינטעלע

א בעריהמטער ארכיטעקט האט בעקומען צוגעשיקט פון אן אנדער ארכיטעקט, אין א וויטער לאנד, א פלאן פאר א גרויסען פאלאסט. האט דער ארכיטעקט געגעבען איינעם פון זיינע געהילפען, אז ער זאל פון דעם פלאן מאכען א קאפיע. דער געהילף האט די קאפיע געמאכט און האט עס דערלאנגט צו זיין בעל־הבית. דער ארכי־טעקט האט די קאפיע גוט בעטראכט. אלעס איז געווען פינקטליך קאפירט, אבער אין דעם פונדאמענט האט געפעהלט א קלייניגקייט — א פינטעלע. האט דער ארכיטעקט גענומען שרייען און זיך בייזערען אויף זיין געהילף פאר דעם פעהלער.

„איך פערשטעה ניט," האט דער געהילף געענטפערט. „צוליעב אזא קליינע פינטעלע געפעלט אייך שוין ניט דער גאנצער פלאן?"

„דו, נאר איינער!" האט דער ארכיטעקט אויסגערופען. „אויפ'ן פלאן איז דאס בלויז א פינטעלע, אבער אז עס קומט

צו בויען דעם פאלאסט איז דאס א וויכטיגער טייל פון דעם פונדאמענט. און אט צוליעב דעם וואס עס פעהלט איין פינטעלע, קען די גאנצע געביידע זיין א דורכפאל.“

נמשל

דער אייבערשטער האט בעשאפען פיעלע גרויסע וועל־טען, און ער האט אויך בעשאפען דעם מענשען, וועלכער איז א קליינע וועלט, אן „עולם קטן.“ וואס ענטהאלט אין זיך אין א פערקלענערטער מאס אלעס וואס עס געפינט זיך אין די גרויסע וועלטען. און ווען דער מענש זינדיגט ווערט אין איהם א פגימה — עס פעהלט א פינטעלע, און צוליעב דעם וואס עס פעהלט א פינטעלע אין דער קליינער וועלט, קען חרוב ווערען א גרויסע וועלט.

## 172
## דער פייפעל

זיבען יאהר איז א זיידענער יונגערמאנטשיק געזעסען ביי זיין שווער אויף קעסט. און נאכדעם, אז ער איז פון קעסט אראב, האט ער זיך אוועקגעלאזט איבער דער וועלט זוכען עפעס א פרנסה, אדער א שטעלע. א ביסעל געלד האט ער אפילו געהאט ביי זיך, אבער, אזוי ווי ער האט קיין מסחר קיינמאל ניט געלערנט, האט ער ניט געוואוסט פאר וואס זיך צו נעהמען.

איינמאל קומט ער אן אין א גרויסער שטאדט, איז דארט צו יענער צייט געווען א שריפה. מענשען זיינען גע־לאפען פון אלע זייטען און עס האט זיך געטומעלט, אבער דער יונגערמאן האט דאס וויניג בעטראכט, דען ער האט זיך פעראינטערעסירט אין א מאדנער סצענע, וואס ער האט

נאָך אויף זיין לעבען ניט געזעהן. אויף א הויכען טורעם איז געשטאַנען א מאַן און געבלאָזען אין א פייפעל, געבלאָזען שטאַרק און נאָכאַנאַנד. און ער האָט געבלאָזען אַזוי לאַנג, ביז עס האָט אויפגעהערט צו ברענען.

„אי,“ זאָגט דער יונגערמאַן, „וואָס פאַר א טייערער פייפעל דאָס איז! אז מען בלאָזט אין איהם ווערט דער גרעסטער פייער אויסגעלאָשען. איך וועל אבקויפען דעם פייפעל און מיט דעם מאַכען א געשעפט. וואו עס וועט זיין א שריפה, וועל איך בלאָזען אין דעם פייפעל און די שריפה פערלעשען, און מען וועט מיר דערפאַר אבגילטען!“

האָט ער אַנגעבאָטען דעם מאַן מיט דער פייפעל, אז ער זאָל איהם דאָס פערקויפען פאַר א גוטען פרייז. און דער בלאָזער האָט עס איהם פערקויפט.

דער יונגערמאַן איז געקומען אהיים זעהר פרעהליך און האָט דערצעהלט אז עס האָט זיך איהם געמאַכט א זעהר גוטער געשעפט, אבער דערווייל קען ער נאָך ניט אויסזאָגען וואָס דאָס איז.

א קורצע צייט שפּעטער האָט אויסגעבראָכען א פייער אין דער שטעדטעל וואו דער יונגערמאַן האָט געוואוינט. האָט ער אַרויסגענומען דעם פייפעל, האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען גאַס און האָט גענומען בלאָזען. האָט ער גע־בלאָזען און געבלאָזען אַזוי לאַנג ביז ער איז פערמאַטערט געוואָרען בלאָזענדיג, אבער דער פייער האָט אַרומגענומען די שטעדטעל פון אַלע זייטען און מעהר ווי א העלפט פון די הייזער זיינען חרוב געוואָרען ביז׳ן גרונד.

זעהענדיג אז דער פייפעל האָט ניט געהאָלפען, איז דער יונגערמאַן געפאָהרען צוריק אין יענער שטאָדט, וואו ער האָט דעם פייפעל געקויפט, האָט אויסגעזוכט דעם וואָס האָט עס איהם פערקויפט און געזאָגט:

„גיב מיר צוריק מיין געלד. דער פייפעל איז א שווינדעל.

ביי אונז איז געווען א שריפה, איך האב געבלאזען, דער פייפעל האט אבער ניט געהאלפען."

„שוטה איינער!" האט יענער אויסגערופען. „דער פייפעל קען קיין פייער ניט לעשען. ער איז געמאכט געווארען צו רופען די פייער־לעשער, אז זיי זאלען קומען און לעשען. אויב אין דיין שטעדטעל זיינען ניטא קיין פייער־לעשער, קען דער פייפעל גארניט העלפען."

נ מ ש ל

דער שופר איז א מיטעל צו מאכען שטום דעם שטן. אבער די וואס מיינען אז דער שופר אליין איז דער מיטעל און קיין תשובה דארף מען ניט טאהן, האבען א גרויסען טעות.

## 173
## די בעסטע אכסניא

א רייכער סוחר פון א גרויסער שטאדט איז דורכגעפאהרען א קליין שטעדטעל און איהם איז דארט אויסגעקומען צו נעכטיגען. איז ער אריינגעפאהרען אין א הויז מיט א שילד אויפ'ן טהיר וואס האט אנגעצייגט אז דאס איז אן אכסניא, און האט זיך דארט אבגעשטעלט. ווען ער האט דארט בעטראכט די צימערען האט ער געזעהן א שרעקליכען דלות. און ווען מען האט איהם דערלאנגט עסען און ער האט געזעהן די צובראכענע טעלער און די צובויגטע לעפעל, גאפעל און מעסער און דעם ארימען מאהלצייט מיט די פערדארטע ברויט, האט איהם אבגענומען דער אפעטיט. ער האט ניט געוואוסט צי די גאנצע שטעדטעל איז אזוי ארים, אדער ער איז אריינגעפאהרען אין אזא אכסניא. האט

ער איבערגעלאָזט זיינע זאַכען און איז אַרויס איבער'ן שטעדטעל זוכען אַ בעסערע אכסניא, אָבער יעדען איינעם וועמען ער האָט געפרעגט, „וואו איז דאָ אַ גוטע אכסניא?" האָט איהם געענטפערט: „איהר זוכט אַ גוטע אכסניא? אַט דאָרט, אויף יענער גאַס, איז די בעסטע אכסניא אין דער וועלט. צימערען אַזוי ווי ביי אַ קיסר און עסען פון כל טוב, מאכלי מלכים!"

די אכסניא וואָס זיי האָבען איהם רעקאָמענדירט איז טאַקע געווען די אין וועלכער ער איז פערפאָהרען. דאַן האָט דער סוחר פערשטאַנען אַז די גאַנצע שטעדטעל בעשטעהט פון גרויסע אָרימע לייט, דליתים, נעבעך, וואָס ווייסען ניט פון בעסערס.

### נמשל

דעם מענשען'ס בעגריף פון לוקסוס און וואוילטאָג איז לויט די סביבה אין וועלכער ער לעבט.

## 174
## אַ פעהיגער מענש

ביי אַ גרויסען סוחר האָט פאַר יאָהרען לאַנג געדיענט אַ משרת אין זיין געשעפט. ווען דער משרת איז שוין גע־וואָרען אַלט, האָט דער סוחר צוגענומען נאָך אַ משרת, אַ יונגען מאַן, און ער האָט איהם געצאָהלט דריי מאָל אַזוי פיעל ווי ער פלעגט צאָהלען דעם אַלטען משרת. דער אַלטער האָט פאַר אַ לאַנגע צייט די זאַך געשטיקט ביי זיך אין האַר־צען, אָבער איינמאָל אַז עס האָט איהם שטאַרק אַנגעוויי־טאָגט, האָט ער זיך ניט איינגעהאַלטען און האָט געפרעגט דעם בעל הבית: „זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיט וואָס איז

אַט דער יונגער שנעק בעסער פון מיר? איך ארבייט שוין ביי אייך באלד 30 יאהר, און ער איז דאַ ערשט צוויי חדשים. קריגט ער דריי מאָל אזוי פיעל געהאלט ווי איך."

„איך וועל דיר באלד ציינען פארוואָס איך צאָהל איהם מעהר," האָט דער סוחר געענטפערט. „אָבער דערווייל, זיי אזוי גוט, געה ארויס אין גאַס, דאָרט ציהען זיך עטליכע פוהרען אין וועג. פרעג נאָך וואָס דאָס זיינען פאר פוהרען." דער אלטער איז ארויס און איז באלד צוריקגעקומען מיט א תשובה: „די פוהרען פיהרען האָלץ."

„וואָס איז דאָס פאר א האָלץ?" האָט דער סוחר גע־וואָלט וויסען.

דער אלטער איז ווידער ארויס אין גאַס פרעגען און איז צוריקגעקומען מיט א בעריכט: „א טייל פון די האָלץ איז צו בויען הייזער, און א טייל צו מאַכען מעבעל."

„צו וועמען געהערט די האָלץ?" האָט דער סוחר גע־פרעגט.

איז דער אלטער ארויס א דריטען מאָל און האָט גע־בראַכט דעם נאָמען פון דעם סוחר צו וועמען די האָלץ האָט געהערט.

„יעצט זעץ זיך אוועק דאָ און איך וועל דיר עפּעס ציינען," האָט דער בעל־הבית געזאגט.

דער בעל־הבית האָט צוגערופען דעם נייעם משרת און האָט איהם געהייסען ארויסגעהן אין גאַס און אויסגעפינען, וואָס זיינען דאָס פאר פוהרען וואָס פאָהרען דאָרט. דער משרת האָט זיך א ביסעל געזאמט, און אז ער איז צוריק אריין האָט ער אָבגעגעבען אויף איין מאָל א פולען בעריכט: די פוהרען פיהרען האָלץ, א טייל איז פאר בויען הייזער און א טייל צו מאַכען מעבעל. די האָלץ געהערט צו יענעם און יענעם סוחר. אזוי פיעל האָט ער בעצאָהלט פאר די האָלץ, אזוי פיעל וועט ער האָבען הוצאות ביז ער וועט עס ברייננען צום אָרט און ער האָפט צו בעקומען אזא און אזא מקח.

„יעצט,“ האט דער סוחר געזאגט צום אלטען משרת, „קענסטו זעהן דעם אונטערשייד צווישען איהם און דיר. מיט איין גאנג האט ער אויסגעפונען מעהר ווי דו האסט אויסגעפונען אין דריי מאל געהן. נו, איז ער ניט ווערטה דריי מאל אזוי פיעל געהאלט ווי דו?“

נ מ ש ל

מיט א פעהיגען מענשען איז גוט זיך צו שאפען.

## 175
## ער וואקסט א דלפון

אין א גרויסער שטאדט איז געווען א האטעל וואס איז געווען דער גרעסטער און רייכסטער פון אלע האטעלען. דארט האט אימער געשפיעלט מוזיק און זינגערס האבען דארט געזונגען. די בעסטע עסענס און די טייערסטע ווייגען פלעגט מען דארט סערווירען. איינשטעהן פלעגען דארט גראפען, פרינצען און מיליאנער־ען, וועלכע האבען געקענט גוט בעצאהלען פאר אלע לוקסוסען. פאר עטליכע שטונדען פערגניגען איז דעם האטעל פלעגט מען דארפען אבצאהלען א גרויסע סומע געלד.

איינמאל איז אין דעם האטעל איינגעפאהרען א אידישער סוחר, וואס פלעגט אפט קומען אין דער שטאדט וועגען געשעפט. אימער פלעגט ער איינשטעהן אין די קלענערע אכסניות, אבער דיזען מאל איז ער איינגעפאהרען גראדע אין דעם מיליאנערסקען האטעל. האבען די שטאדט־לייט געזאגט צווישען זיך: „ער מוז זיין א גרויסער גביר!“ האט איינער, א קלוגער מאן, געענטפערט: „ניין, ער איז אן ארימאן.“

„אבער ווי קען דאס זיין?“ האבען די שטאדט־לייט זיך געוואונדערט. „א מענש וואס איז ארים קען אזוי פיעל געלד ניט אויסגעבען.“

„יעצט איז ער אפילו רייך,“ האט דער חכם ערקלערט. „אבער אז ער ווארפט זיך אזוי מיט זיין געלד קענט איהר זיין זיכער אז ער וואקסט א דלפון!“

נ מ ש ל

א נגיד וואס לעבט אהן חשבון איז א קאנדידאט אויף א קבצן.

# 176
# דעם איידים׳ס טענה

איינער האט ביי זיך ערצויגען א פלימעניק, וועלכער איז געווען א יתום, אהן א טאטען און אהן א מאמען. ווען דער אינגעל איז אויסגעוואקסען און איז געווארען א חתן־בחור, האט דער פעטער אנגעהויבען צו זוכען פאר איהם א שידוך. רופט זיך אב איינער א פריינד: „וואס דארפסטו זוכען פאר איהם א שידוך מיט פרעמדע? דו אליין האסט דאך א טאכטער א כלה־מויד, טא מאך איהר חתונה מיט דיין פלימעניק.“

דעם פעטער איז די עצה געפעלען געווארען און ער האט אזוי געטאהן. נאך דער חתונה איז דער איידים אוועק אויף א שלעכטען וועג. ער האט זיך אריינגעלאזט אין שכרות און צולאזענקייט. און ווען ער פלעגט קומען אהיים שפעט ביינאכט פלעגט ער שלאגען זיין ווייב. די יונגע ווייבעל האט דערצעהלט איהרע צרות צו איהר פאטער. דער פאטער איז געווארען א צוקאכטער. ער האט געכאפט דעם איידים

פאַר'ן קאַרק און האָט איהם אָוועקגעשלעפּט צום רב, און דאָרט האָט ער איהם געהייסען געבען גט. דער יונגערמאַן האָט אויסגעבראָכען מיט אַ געוויין און גענומען בעטען ביי זיין שווער: „אמת, איהר זייט גערעכט, אָבער פערגעסט ניט אַז איך בין אייך ניט קיין פרעמדער. איך בין אייער בלוט און פלייש, און איהר דאַרפט אויף מיר אויך האָבען מיט־לייד. און אַז איהר וועט מיך פערטרייבען פון אייער הויז, וואו וועל איך געהן און וואו וועל איך זיך אהינטאָהן? . . ."

## נמשל

דאָס איז אַ משל געגען דער טענה וואָס אידען האָבען צום רבונו של עולם, „הנשמה שלך והגוף פעלך." עס איז אמת, רבונו של עולם, אַז דו דאַרפסט זיך אַנגעהמען פאַר די נשמה, וואָס איז דיין קינד און וועלכע מיר האָבען ניט גוט געהאַלטען, אָבער פערגעס ניט אַז הגוף פעלך, דער גוף איז אויך אַ שטיקעל קרוב מיט דיר. דאַרום שייד אונז ניט פון דער נשמה, נאָר „חוסה על עמלך," האָב מיטלייד מיט דיין אייגענער שאַפונג.

## 177
## ניט דער ריכטיגער וואונש

אַ גאַנצע קאָמפּאַניע אָרימע־לייט, וואָס זיינען אַרומ־געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט, האָבען זיך אָבגעשטעלט אין אַ דאָרף, אין דער הויז פון אַ רייכען ישוב'ניק, אַ מכניס אורח, ביי וועמען זיי פלעגען אימער קריגען אַ גוטען און זאַטען מאָהלצייט. צום אונגליק איז דער בעל־הבית ניט געוועזען אין דער היים און די משרתים, וועלכע האָבען גע־וואוסט אַז מען דאַרף די שלעפּער געבען צו עסען, האָבען

זיי געגעז א מאהלצייט, אבער זעהר א קארגען. און אזוי ווי די ארימע־לייט זיינען געווען שטארק הונגעריג און עסען איז ניט געווען פיעל, איז געווארען צווישען זיי א כאפעריי, און ווענמען עס איז אנגעקומען ווייניג און ווענמען גארנישט.

האט איינער, וועמען עס איז גארנישט אנגעקומען, גע־זאגט צו די אנדערע:

„הלואי וואלט יעצט אנגעקומען דער בעל־הבית, וואלט איהר זעהן וואס פאר א פסק איהר וואלט געהאט פון איהם דערפאר ווייל איהר האט אלעס צוכאפט און מיר גארנישט איבערגעלאזען! איך וויים וואס פאר א גוטער מענש ער איז און ווי ער קען קיין עולה ניט צוזעהן.“

„דו, שוטה איינער!“ ענטפערט איהם אן אנדער ארי־מאן. „הלואי וואלט ער נאר קומען, וואלט דיר געווען פער־שפארט זיך צו קלאגען פאר איהם אויף אונז, דען ער וואלט גלייך געהייסען אז מען זאל אונז געבען עסען און טרינקען, אז עס זאל זיין גענוג פאר אלעמען.“

## נמשל

ווען איין איד טהוט דעם אנדערען אן עולה צוליעב ארימקייט, אדער ווייל זיין געשעפט געהט איהם שלעכט, שרייט דער אנדערער צו דעם אייבערשטען און קלאגט אויף יענעם און בעט אויף איהם א שטראף. עס וואלט אבער בעסער געווען אז אלע אידען גלייך זאלען בעטען דעם רבונו של עולם, אז ער זאל זיי אלעמען געבען פרנסה מיט א פולער האנד און זיי זאלען ניט זיין געצוואונגען צו פערנעהמען עפעס איינער ביים אנדערען.

## 178
## ווען אַ פֿאָטער פֿרעהט זיך

איינער האָט געהאַט אַ סך קינדער, איז די גרעסטע צאָהל פֿון זיי אויסגעשטאָרבען און עס זיינען ביי איהם גע־בליבען גאַנץ ווייניג קינדער. האָט ער יעדען איינעם גע־געבען אַ הויז און אַ מחיה, און אויסער דעם פֿלעגט ער איינ־מאָל אין יאָהר מאַכען פֿאַר זיי אַ יום־טוב. די קינדער פֿלעגען זיך צוזאַמענקומען ביי איהם אין הויז, וואו עס איז געווען אָנגעגרייט אַ גרויסער מאָהלצייט, און דער פֿאָטער פֿלעגט יעדען איינעם פֿון זיינע קינדער און קינדס־קינדער געבען שעהנע מתנות.

איינמאָל האָט דער פֿאָטער אויסגעשיקט איינלאַדונגען צו זיינע קינדער, אַז זיי זאָלען צו איהם קומען אויף דעם יעהרליכען מאָהלצייט אין אַ בעשטימטען טאָג, זיינען די קינדער ניט געקומען אַלע צוזאַמען, נאָר יעדער איינער אין אַן אַנדער טאָג. האָט עס דעם פֿאָטער פֿערדראָסען און ער האָט דאָס די קינדער אויסגערעדט. האָבען די קינדער גע־פֿרעגט: „וואָס אַרט דאָס דיך, צי מיר קומען אַלע אויף אַמאָל, אָדער בעזונדער? וואָס איז דער אונטערשיעד?“ האָט דער פֿאָטער געענטפֿערט:

„עס איז ביי מיר יאָ אַן אונטערשיעד, און טאַקע אַ גרויסער אונטערשיעד. דער צוועק פֿון דעם וואָס איך לאַד אייך איין צו מיר, אַלעמען צוזאַמען, איז אַ טאָפּעלטער: ערשטענס, האָב איך אייך סתם ליעב, אַזוי ווי אַ פֿאָטער האָט ליעב זיינע קינדער; צווייטענס, איז מיין ליעבע צו אייך אַ גרעסערע ווי די געוועהנליכע פֿאָטערליעבע, ווייל איהר זייט מיר פֿערבליבען אַ גאַנץ קליינע צאָהל פֿון פֿיעלע. און

דערפאר קען מיין שמחה זיין גרויס נאר דאן, ווען איהר קומט זיך צונויף אלע צוזאמען. אבער ווען איהר קומט איינציגווייז, קען איך די צווייטע סארט ליעבע גאר ניט פיהלען און מיין שמחה איז צושטערט.“

**נמשל**

אזוי איז מיט אונז, אידען. ווען מיר דאווענען איינציג־ווייז, אדער אין קליינע מנינים׳לעך, איז דאס ביים אייבער־שטען ניט אנגענומען אזוי גוט, ווי אז מיר קלייבען זיך צוזאמען אין א גרויסער קהלה.

## 179
## אריינגעלעגט א תירוץ אין מויל

א איד אן עושר, וועלכער האט געהאט א טאכטער, האט זיך משדך געווען מיט א פיינעם בחור, א וואויל־לערנער, פון א שעהנער משפחה, אבער ניט קיין רייכע. דעם חתן׳ס פאטער האט אויף זיך גענומען צו בעקליידען זיין זוהן ווי געהעריג איז, און ווי עס פאסט זיך פאר א רייכען מאן׳ס אן איידים. האט ער איהם געקויפט אלעס וואס ער האט געדארפט: קליידער, שיך און אונטערוועש, און האט אויף דעם אויסגעגעבען זיין גאנצע געלד. און ווען עס איז גע־קומען צו קויפען אן אויבערמאנטעל פאר׳ן זוהן, האט ער שוין מעהר קיין געלד ניט געהאט.

איינמאל האבען זיך די צוויי מחותנים בעגעגענט אויף גאס. האט דער רייכער מחותן געזעהן אז דער ארימער מחותן איז זעהר אומעטיג און זעהט אויס צובראכען. פרעגט ער איהם: „וואס איז אייך געשעהן, מחותן?“ האט איהם יענער געענטפערט: „איך האב שטארק צער פון דעם וואס

איך קען מיין זוהן ניט געבען אַלעס וואָס איך האָב צוגע־זאָגט. איך האָב איהם שוין איינגעקויפט אַלע קליידער, אָבער אויף אַן אויבערמאַנטעל איז שוין ביי מיר מעהר קיין געלד ניט געווען, קרענקט עס מיך וואָס מיין זוהן וועט מוזען געהן צו דער חופּה אָהן אַן אויבערמאַנטעל."

„זאָל דאָס זיין אייער לעצטע דאגה," האָט איהם גע־טרייסט דער רייכער מחותן. „אין וועלכען שלחן ערוך שטעהט עס געשריבען אַז אַ חתן מוז געהן צו דער חופּה דוקא אין אַן אויבערמאַנטעל? עס וועט זיין גוט אָהן אַן אויבער־מאַנטעל."

דער אָרימער מחותן האָט איהם געדאַנקט און איז אַוועק.

ווען עס איז געקומען די צייט פון דער חתונה איז דעם חתן'ס פאָטער געקומען צו דער כלה'ס פאָטער און האָט געזאָגט: „יעצט איז שוין צייט אַז איהר זאָלט איינלייגען די טויזענד רענדלעך נדן. לאָמיר אויסקלייבען אַ שליש און ביי איהם איינלייגען דאָס געלד."

„עס וועט גוט זיין אָהן נדן אויך," האָט דער רייכער מחותן געענטפערט. „אין וועלכען שלחן ערוך שטעהט עס אַז איך דאַרף דוקא געבען טויזענד רענדלעך נדן? מען קען שטעלען אַ חופּה אָהן נדן."

„ס'טייטש?" האָט דער אָרימער מחותן גע'טענה'ט. „איהר האָט זיך דאָך מתחייב געווען צו געבען נדן. און ווי קענט איהר יעצט זאָגען אַז עס מאַכט ניט אויס ווען אפילו אָהן נדן?"

האָט דער רייכער מחותן געענטפערט: „פאַרוואָס דאַ־מאָלס, ווען איך האָב אייך געזאָגט אַז עס מאַכט ניט אויס אויב איהר וועט אייער זוהן ניט קויפען קיין אויבערמאַנטעל, זיינען מיינע רייד ביי אייך געווען זעהר גוט אָנגעלייגט? ..."

איז דער אָרימער מחותן אַוועק זיפצענדיג און קלאָגענ־דיג: „צוליעב אַן אויבערמאַנטעל האָב איך מיין זוהן שאַדען בעטאָהן אויף טויזענד רענדלעך!"

## נמשל

א סך מענשען זעהען נאר די עוולות וואס מען טוהט זיי, אבער וואס זיי טוהען צו אנדערע, דאס זעהען זיי ניט.

## 180
# די פורים סעודה ביים רב

אין א געוויסער שטאדט איז געווען א רב, וואס א חוץ דעם וואס ער איז געווען א גרויסער גאון, איז ער אויך געווען זעהר רייך, דער רייכסטער אין שטאדט. דאך האט ער זיך נעפיהרט מיט אלע מנהגים אזוי ווי א געוועהנליכער רב. פורים איז נעווען דער מנהג דאס אלע בעלי־בתים פלעגען איהם שיקען שלח מנות, גוטע זאכען צום עסען, וויין צום טרינקען און דערצו אויך געלד, ווער פיעל און ווער ווייניג. א מנהג איז דאך א מנהג, סאי דער רב דארף דאס געלד, אדער ער דארף עס ניט, און אין אווענד פלעגען אלע בעלי־בתים זיך צוזאמענקומען ביי דעם רב אין הויז צו דער סעודה און פערברענגען גאנץ שעהן, יום־טוב'דיג.

אין דער שטאדט איז געווען איינער א בעוואוסטער קמצן, א קארגער און א שלעכטער מענש, וואס האט פיינד געהאט צו געבען. נאר דיזען פורים איז איהם איינגעפאלען אז ער וועט אויך שיקען דעם רב שלח מנות און נאכדעם קומען צו איהם, צו דער סעודה. האט ער דעם רב צוגעשיקט עטליכע קליינע מטבעות און איז נאכדעם געקומען צו איהם אין הויז.

דער קארגער מענש זעהט ווי דער רב נעהמט אויף אלע־מען מיט גרויס פריינדליכקייט, נאר אויף איהם קוקט ער זיך ווייניג ארום. ווארט ער און וויל זעהן וואס דא וועט זיין.

א ווײַלע שפּעטער בעפרייט זיך דער רב אויף א ווײַלע פון זיינע געסט און רופט אריין דעם קארגען אין א זייטיגען צי־מער, גיט איהם צוריק זיינע עטליכע מטבעות וואס ער האט געשיקט שלח מנות און זאגט צו איהם: „דא האט איהר אייער געלד."

זאגט דער קארגער: „איך פערשטעה גאנץ גוט, רבי, ווארום איהר ווילט ניט אננעהמען מיין מתנה. א יהר דענקט דאס ווייל איך בין אזוי קארג פערגין איך אייך ניט און גיב דאס אייך ניט מיט'ן פולען הארצען. אבער וואס דארף אייך ארען וואס ביי מיר איז אין הארצען? מיינע א מטבע געהט אין מארק אזוי גוט ווי פון יענע וואס זיצען דארט."

ענטפערט דער רב: „איהר ווייסט דאך גוט אז איך בין רייך געגוג און אז איך דארף קיינעמס געלד ניט. נאר דער עיקר כוונה וואס איך נעהם אן פון יעדען דאס ביסעל געלד וואס ער שיקט, איז ווייל איך ווייס אז זיי זיינען מיר אלע איבערגעגעבען, מיט'ן גאנצען הארצען, און זיי ווילען פערשאפען א נחת רוח זיך און מיר, און דערפאר לאד איך זיי נאכדעם צו דער סעודה, אום ארויסצוצייגען מיין ליעב־שאפט צו זיי. אבער דו, וואס אין דיין גאנצען לעבען האסטו ניט געפיהלט קיין פריינדשאפט פאר קיינעם און די עטליכע מטבעות וואס דו האסט מיר געשיקט איז בלויז דערפאר ווייל דו שעהמסט זיך פאר לייטען, און דו מיינסט דערמיט יוצא זיין פאר דער וועלט, וויל איך דיר זאגען אז איך דארף ניט אזא מתנה וואס קומט ניט פון הארצען. איך נויטיג זיך דען אין דיין געלד? דו ווייסט דאך אז איך האב מעהר פאר דיר!"

## נ מ ש ל

דער נמשל איז געגען די רשעים וואס גיבען אמאל צדקה, ניט ווייל זיי האלטען פון דער מצוה פון העלפען אז ארימאן, נאר ווייל זיי ווילען זיך אויספיינען פאר לייטען,

אָדער זיי מיינען מיט דעם זיך איינצוקויפען אין פריינדשאַפט מיט דעם רבונו של עולם. אָט צו דיזע רשעים זאָגט דער רבונו של עולם: „איך דאַרף ניט האָבען אייער צדקה. לי הכסף ולי הזהב, איך בין רייכער פון אייך. ביי מיר איז דער עיקר די כוונה, די גוטע האַרץ.“

## 181
## דער אָרימער בעל חוב

א גרויסער סוחר וואָס פלעגט פערקויפען זיין סחורה אויף באָרג צו פערשיעדענע סוחרים, אין פערשיעדענע שטעדט, איז איינמאָל אַרויסגעפאָהרען איבער דער מדינה אויפצומאָהנען געלד וואָס איהם האָט געקומט פאַר סחורה. זיין שטייגער איז געווען, אַז ער פלעגט קומען אין א שטאָדט פלעגט ער זיך אָבשטעלען אין דעם בעסטען האָטעל, לויט זיין כבוד, און ער פלעגט אַרויסשיקען זיין משרת צו רופען זיינע סוחרים אַז זיי זאָלען קומען צו איהם אין האָטעל און דאָרט איהם אויסצאָהלען וואָס זיי זיינען איהם שולדיג.

איינמאָל אַז ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין א שטאָדט, און די סוחרים זיינען געקומען צו איהם אין האָטעל, האָט ער בעמערקט אַז איינער פון זיינע סוחרים פעהלט. פרעגט ער זיין משרת, אויב ער האָט יענעם גערופען. „יאָ, איך האָב איהם גערופען,“ האָט דער משרת געענטפערט. „אָבער ער האָט זיך איינגעשפאַרט אַז איהר זאָלט קומען צו איהם נאָך דעם חוב.“

„געה,“ האָט דער סוחר געזאָגט צום משרת, „געה און זאָג איהם נאָך אַמאָל אַז ער זאָל קומען צו מיר, אַזוי ווי אַלע טוהען.“

דער משרת איז אוועק, און ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער געזאגט: „ער האט זיך איינגעשפארט אז איהר זאלט קומען צו איהם.“

דער סוחר האט שוין קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי צו געהן צו יענעם. ווען ער איז געקומען אין יענעמס קרע־מעל האט איהם יענער דערלאנגט בלויז א העלפט פון דעם חוב.

„וואס איז דאס?“ האט דער סוחר געפרעגט ברוגז'לעך. „אי דו האסט מיך מטריח געווען צו קומען צו דיר, אי דו גיבסט מיר אזוי ווייניג געלד.“

„איך האב אייך מטריח געווען צו קומען צו מיר,“ האט דער קרעמער געענטפערט, „כדי איהר זאלט אנקוקען מיין ארימען קרעמעל און דעם דלות וואס זעהט זיך דא אין יע־דען ווינקעלע, וועט איהר פערשטעהן אז דאס וואס איך גיב אייך איז אויך מעהר ווי איך קען אייך געבען.“

## נמשל

אז ארימאן איז א יחסן.

## 182

## פערשידענע מענשען — פערשידענע צייטען

עטליכע סוחרים זיינען געפאהרען צו א יריד. אויפ'ן וועג האט זיך צוגעטשעפעט צו זיי א גנב און איז אויך גע־פאהרען מיט זיי. איידער זיי זיינען אנגעקומען אין שטאדט האבען זיי גענומען פרעגען איינער ביים אנדערען אין וועל־כער אכסניא זיי זאלען זיך אבשטעלען. איינער האט גערא־טהען מען זאל זיך אבשטעלען אין איין אכסניא וואו איהם איז שטארק געפעלען געווארען די צימערען ווען ער איז

דאָרט געווען. אַז אַנדערער האָט געזאָגט, אַז ער ווייס פון אַן אכסניא וואו מען גיט גוט עסען. און אַזוי האָט מען גע־רעדט ביז מען האָט אָבגעמאַכט אויף איין אכסניא וואו אַלעס איז גוט, אי די צימערען, אי דער עסען. זיינען זיי אַלע אַריינגעפאָהרען אין דער אכסניא, און דער גנב אויך מיט זיי.

איינמאָל, נאָך דעם ווי דער מאַרק־טאָג האָט זיך גע־ענדיגט און די סוחרים זיינען געקומען אויף דער אכסניא, פרעהליך, זעהר גוט אויפגעלייגט, און האָבען געטרונקען טעה, האָט דער גנב צו זיי געזאָגט: „איך פערשטעה ניט ווארום איהר האָט אַזוי געליבט די אכסניא? ווען איך קום און בעט עפּעס קען איך גאָרנישט קריגען.“ האָבען די סוחרים גע־ענטפערט: „וועלכע צייט עסטו?“ האָט דער גנב געענט־פערט: „ווען איך ווער פריי פון מיין אַרבייט, דאַן עס איך.“ האָבען די סוחרים געענטפערט: „מיר עסען אויך ווען מיר ווערען פריי פון געשעפט, אָבער מיר אַלע האָבען אַ בע־שטימטע צייט, ווי מיטאָג צייט און אָווענד, דאַן מאַכען צו אַלע סוחרים זייערע געוועלבען און געהען עסען. און אין דער אכסניא ריכט מען זיך שוין אויף זיי. אָבער ביי דיר, וואָס דיין אַרבייט איז ווען אַלע סוחרים געהען אַוועק עסען און לאָזען איבער זייערע געוועלבען מיט זייערע וואָגענס, קומט אויס דיין צייט פון עסען אַזאַ וואָס אין אכסניא איז שוין גאָר־נישט דאָ וואָס דיר צו געבען.“

## נ מ ש ל

דער עהרליכער מאַן האָט אַלעס אין דער צייט. דער גנב נאָר ווען איהם גליקט אָב.

## 183
# ווען קינדער מוזען העלפען

אמאל איז געווען א גרויסער עושר, איז ער געווען א שלעכטער, א רשע, וואס האט געריסען די הויט פון מענשען, זיי בערויבט און געלאזט הויל נאקעט. אין א צייט ארום האט ער פערלארען זיין פערמעגען און איז געבליבען אן ארימאן. און איינמאל איז איהם געווארען אזוי שלעכט, דאס עס איז ביי איהם קיין ברויט ניט געווען אין הויז. האט זיין פרוי איהם גענומען יארען: „ביז וואנען וועסטו זיצען און ווארטען אויף גליקען און לאזען די קינדער הונגערען? געה און טוה וואס אלע ארימע לייט טוהען. נעהם א טארבע און געה ארום איבער די הייזער, וועלען מיר האבען כאטש א שטיקעל ברויט!“

דער געוועזענער גביר האט זיך געמאכט א טארבע און איז ארויס איבער'ן שטאדט. אבער אין וועלכער הויז ער איז אריין האט מען איהם ארויסגעטריבען. מען האט נאך ניט געוואלט פערגעסען זיינע רשעות וואס ער האט געטאהן צו מענשען ווען ער איז געווען רייך. אין א סך הייזער האט ער נאך געכאפט א גוטע פארציע קללות.

איז ער געקומען אהיים מיט א ליידיגער טארבע, זעהר הונגעריג, מיעד און דערשלאגען.

„הערט צו קינדערלעך,“ האט דער אמאליגער גביר געזאגט צו זיינע קינדער. „עס איז אמת, אז א פאטער דארף שפייזען זיינע קינדער, ווייל יונגע קינדער זיינען נאך צו שוואך אליין צו פערדיענען. אבער אין אונזער פאל איז די זאך גאנץ אנדערש. דא קען איך גארניט אריינברענגען אין הויז, ווייל אלע האבען מיך פיינט און ווילען אויף מיר קיין

רחמנות ניט האבען. אבער אויף אייך וועלען דאך מענשען זיך רחמנות האבען און אז איהר וועט ארויסגעהן בעטען וועט איהר זיכער קריגען ברויט פאר אייך און פאר מיר אויך."

## נמשל

אז מיר האבען געהאט דעם בית המקדש און מיר זיי־נען געווען אויף אונזער אייגענעם לאנד, האבען מיר בעזארגט אונזערע קינדער מיט אלעם וואס זיי דארפען, אבער יעצט, אז מיר זיינען אין גלות און זעהר ארים אין מצוות, און מיר קענען ניט ערוועקען אויף אונז קיין רחמנות צוליעב אונזערע אמאליגע זינד, איז בעסער אז איהר, קליינע אידישע קינדער, זאלט בעטען פאר אונז, ווייל אויף אייך אונשולדיגע קינדער־לעך וועט דער אייבערשטער רחמנות האבען.

# 184
# דער שליסעל

א סוחר איז איינמאל אויסגעקומען צו האלטען שבת אין אן אכסניא. ער האט געהאט א קאסטען אין וועלכען ער האט געהאלטען זיין געלד און קליידער, אבער אזוי ווי ער האט קיינעם ניט געוואלט טרויען דעם שליסעל, און טראגען דעם שליסעל אום שבת טאהר מען דאך ניט, האט ער ניט געוואוסט וואס צו טאהן. נאך א קורצען טראכטען איז איהם איינגעפאלען אז ער זאל דעם קאסטען פערשליסען און דעם שליסעל ארייגווארפען אינעווענינ, דורך א שפאלט, און נאך שבת וועט ער רופען א שלאסער וואס וועט צופאסען אן אנ־דער שליסעל און ער וועט דעם קאסטען עפענען.

דער סוחר האט אריינגעווארפען דעם שליסעל אין דעם פערשלאסענעם קאסטען, און איז דערנאך מיט א רוהיגען

הארצען אוועק אין שוהל מקבל שבת זיין. דער בעל אכסניא וועלכער האט געווארפען אן אויג אויף דעם סוחר׳ס געלד, האט דערווייל אויסגעזוכט ביי זיך א שליסעל וואס האט זיך צוגעפאסט צום קאסטען. ער האט דעם קאסטען געעפענט, ארויסגענומען פון דארט דעם סוחר׳ס געלד און האט דער־נאך דעם קאסטען צוריק פערשלאסען. נאכדעם, אז דער שבת איז אוועק און מען האט שוין געמאכט הבדלה, האט דער סוחר גערופען א שלאסער און געלאזט עפענען זיין קאס־טען און ווי איבערראשט איז דער סוחר געווען אז ער האט דארט געפונען זיין שליסעל, אבער דאס געלד איז דארט ניט געווען. איז ער געשטאנען און זיך געוואונדערט: „אויב דער שליסעל איז געלעגען אינוויינינג, טא ווי האט דער גנב גע־קענט עפענען דעם קאסטען?“

## נ מ ש ל

אלע תאוות וואס דער מענש האט קומען פון דעם וואס ער האט געגעסען פון דעם עץ הדעת. יעצט קומט די פרא־גע: וואו האט ער גענומען די תאוה צו עסען פון דעם עץ הדעת? און דארום האט איהם דער אייבערשטער געפרעגט: „המן העץ הזה?“ ווי קומט עס צו דיר אז דו זאלסט וועלען זינדיגען איידער דו האסט געגעסען פון עץ הדעת? האט אדם געענטפערט: „האשה אשר נתת עמדי“ — אט די פרוי וואס דו האסט מיר געגעבען, האט מיך צוגערעדט. עס הייסט: דו אליין, רבונו של עולם, האסט דאך מיר געגעבען א שלי־סעל!

## 185
# אַ געזינדעל, קיין עין הרע

צוויי סוחרים, איינער אַן עלטערער מענש, דער אַנדערער נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, זיינען געפאָהרען איין וועג וועגען זייערע געשעפטען. איינמאָל, ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין א גרויסע שטאָדט, האָבען זיי אין אַ גרויסען מאַגאַזין געזעהן זעהר שעהנע קליידער פאר קינדער. ביידען זיינען די קליידער שטארק געפעלען געוואָרען. די שטאָפען זיינען געווען זעהר גוטע און די מקחים — ביליג. האָט דער עלטערער סוחר געזאָגט: „איך וואָלט זעהר געוואָלט קויפען אַן אנצוג פאר מיין מיזשיניקעל, אָבער איך וויים ניט אויב עס איז נאָך זיין מאָס." און דער אַנדערער סוחר, דער אינגערער, האָט געזאָגט: „איך וועל נעהמען צוויי אָדער דריי אנצוגען."

„און וואָס ועסטו טאָהן אַז די קליידער וועלען ניט זיין צו דער מאָס?" האָט דער עלטערער סוחר געפרעגט.

„איך וועל אייך ערקלעהרען," האָט דער אינגערער געענטפערט. „איהר, וואָס האָט ניט מעהר ווי דעם מיזשיניק, דאַרפט איהר טאַקע ניט קויפען, ווייל אויב עס וועט איהם ניט פּאַסען, איז אייער געלד ארויסגעוואָרפען. אָבער איך, אַ טאַטע פון אַ גאַנצע געזינדעל קליינע קינדער, אָהן עין הרע, קלענערע און גרעסערע, האָב קיין דאגה ניט. אויב עס וועט ניט פּאַסען פאר איינעם, וועט גוט זיין פאר דעם אַנדערען, און אויב ניט פאר די קינדער וואָס איך האָב יעצט, ביז איך דאַרף נאָך אַ יונגער מאַן און קען האָפען אויף מעהר. בכן, ריזיקיר איך גאָרנישט."

## נ מ ש ל

אברהם אבינו האָט גאָרנישט ריזיקירט מיט דעם וואָס ער האָט תפלה געטאָהן אז סדום זאָל ניט חרוב ווערען. סדום איז טאַקע חרוב געוואָרען, אָבער צוליעב זיין תפלה פאַר דער זינדיגער שטאָדט, האָט איהם דער אייבערשטער געבענשט, „ואברהם היו יהיה לגוי גדול" — און פון אברהם וועט אַרויסקומען אַ גרויס פאָלק — אַ גרויס געזינדעל, קיין עין הרע, איז זיין תפלה דאָך צוניץ געקומען.

# 186

# וואָס טויג דעם דאָקטאָר אַ געזונטער מענש?

אַ רייכער מאַן איז געווען זעהר קראַנק פון זיין יוגענד אָן. ער האָט ניט געהאַט קיין איין געזונטען גליעד, און עס איז ניט אַריבער אַ טאָג אַז ער זאָל ניט האָבען עפּעס אַ וועהטאָג. האָט ער געהערט אַז ערגעץ ווייט געפינט זיך אַ דאָקטאָר וואָס איז אַ ספּעציאַליסט אויף אַלע קראַנקהייטען. דער רייכער מאַן האָט געשיקט נאָך דעם דאָקטאָר און האָט איהם אָנגעבאָטען אַ גרויסען יעהרליכען געהאַלט, אַז ער זאָל ביי איהם פערבלייבען און זיין ביי איהם אין הויז. דער דאָקטאָר איז פערבליבען און האָט דעם רייכען חולה געהיילט און אויפגעפּאַסט אויף זיין געזונד.

דיזער רייכער מאַן האָט געהאַט אַ שונא, וואָס פלעגט אַלץ זוכען איהם צו טאָהן להכעיס. דער שונא איז אויך געווען זעהר רייך, און ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון דעם דאָקטאָר האָט ער געשיקט צו איהם אַ שליח און האָט איהם אָנגעבאָטען אַ פיעל גרעסערען געהאַלט, ער זאָל קומען צו

איהם. אבער דער דאקטאר האט ניט געוואלט פערלאזען זיין פאציענט.

„בעטראכט נאר גוט די זאך, הערר דאקטאר," האט דער שליח געזאגט, „אי איהר קריגט א סך געלד, אי איהר וועט גאר קיין ארבייט ניט האבען, ווייל מיין בעל־הבית איז א געזונטער מענש און ער דארף גארניט האבען אייער מעדיצי־נישע הילף. א יהר וועט קריגען געלד אהן ארבייט."

„אט דערפאר וויל איך טאקע ניט," האט דער דאקטאר געענטפערט. „ביי דעם קראנקען, אז איך נעהם געלד, ווייס איך אז איך פערדיען עס. איך פיהל אז ער איז מיר דאנק־באר פאר דעם וואס איך פערלייכטער זיינע שמערצען און איך הייל איהם. אבער וואס טויג מיר צו זיין א דאקטאר ביי א געזונטען מענשען? ער וועט אויף מיר קוקען אזוי ווי אויף אן איבעריגען מענשען, אז אומזיסטער עסער, וואס נעהמט נאר געלד דערצו, אנמזיסט און אומנישט."

## נ מ ש ל

דער נמשל זיינען מיר, אידען. מיר זיינען אימער גע־פלאגטע און צוואוועהטאגטע, און דערפאר טאקע האט אונז דער אייבערשטער ליעבער פון אנדערע פעלקער. ער היילט אונז און איז אימער מיט אונז, ווייל ער פיהלט אז מיר זיינען איהם דאנקבאר און בענשען זיין נאמען. אבער וואס קען ער טאהן ביי יענע פעלקער, וואס האבען קיינמאל אפילו קיין קאפוועהטאג ניט געהאט?

# 187
# אַ דאָפּעלטער לוין

צוויי סוחרים זיינען געפאהרען פון איין שטאדט אין אן אנדער. איינער איז געפאהרען ווייל ער האט באנקראַטירט און דער אנדערער איז געפאהרען ווייל ער האט גע־דארפט איינקויפען סחורה.

געפאהרען זיינען זיי ביידע אין א „בויד", און ביידע האבען זיך געאיילט. נאר דער סוחר וואס איז געפאהרען איינקויפען סחורה האט אליץ העכער געשריען צום בעל־עגלה, אז ער זאל טרייבען די פערד וואס שנעלער. רופט זיך אב דער אנדער סוחר, דער וואס האט באנקראטירט: „מילא, איך איל מיך אוועקצופאהרען, ווייל איך וויל וואס שנעלער זיין אוועק פון אונזער שטאדט, פון די מענשען וועמען איך בין שולדיג געלד: אבער איהר, וואס איילט איהר זיך?"

„פערשטעהט איהר מיך אזוי," האט יענער איהם גע־ענטפערט: „אייער פערדיענסט בעשטעהט אין וואס שנעלער אוועקצופאהרען פון אלטען פלאץ, און מיין פערדיענסט בע־שטעהט אין וואס שנעלער אנצוקומען אויפ'ן נייעם פלאץ."

נ מ ש ל

ווען דער אייבערשטער האט געזאגט צו אברהם אבינו „לך לך מארצך," פערלאז דיין לאנד, נאך דער לאנד וואס איך וועל דיר צייגען, האט ער איהם ניט געזאגט באלד אויפ'ן ארט נאך וועלכער לאנד ער וועט איהם שפעטער הייסען געהן. דאס איז ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט אז אברהם אבינו זאל פערדיענען א דאפעלטען לוין, צוויי מאל שכר.

איינמאל פאר אוועקגעהן פון זיין לאנד פון די געצעגדיענער, און א צווייטע מאל פאר קומען אין ארץ ישראל, די צו־קונפטיגע לאנד פון אידישען פאלק.

## 188
## ניט רייס און ניט פערריכט

א שניידער איז איינמאל געקומען צו א גרויסען נגיד און געבעטען ער זאל איהם געבען קליידער צו פערריכטען. דער נגיד האט געזאגט אז ער האט ניט וואס צו פערריכטען. ער און זיין גאנצע געזינד טראגען גאנצע קליידער. האט דער שניידער געווארט ביז אלע זיינען אוועק פון הויז, נאכדעם האט ער זיך אריינגע'גנב'עט אין קליידער־אלמער און האט דארט אבגעטרענט די געגעה פון די קליידער. און ווען דער נגיד האט זיך פון דעם דערוואוסט, איז ער געווארען שטארק בייז און האט דעם ארימען שניידער געוואלט ברייגגען אין געריכט, אום ער זאל קריגען א שטראף. אבער דער שניידער האט זיך גענומען בעטען: „אמת, איך בין שולדיג. גיט מיר די קליידער וואס איך האב צוטרענט, איך וועל זיי דערפאר פערריכטען אומזיסט."

דער נגיד האט איהם געגעבען די קליידער און דער שניידער האט זיי גאנץ געמאכט, ווי געוועזן. נאכדעם האט דער רייכער מאן אויף איהם בעקומען רחמנות און האט איהם דאך בעצאהלט פאר זיין ארבייט.

### נ מ ש ל

דאס איז א משל געגען א בעל־תשובה. אבוואהל ער טוהט ווי דער שניידער, ער מאכט קאליע גאנצע זאכען, און

מען קען צו איהם זאגען „ניט רייס און ניט פעררוכט,"
אדער זינדיג ניט און טוה ניט קיין תשובה." דאך, ווען ער
טוהט תשובה, בעקומט ער שכר אויך פאר זיין תשובה.

## 189
## דער נאַרישער ישוב'ניק

א ישוב'ניק, פאהרענדיג אין וועג, איז איינמאל אויס־
געקומען זיך אבצושטעלען אויף נאכטלעגער אין א דאָר־
פישען איינפאהר־הויז. ביינאכט זיינען די פערד זיינע גע־
גאנגען און שאדען געטאן אויף א פריצישען פעלד. האט דער
פריץ געלאזט די פערד פערנעהמען און זיי אריינגעפיהרט
צו זיך אין שטאל.

ווען דער ישוב'ניק האט זיך דערוואוסט אז דער פריץ
האט פערנומען די פערד, האט ער גענומען ארומפרעגען די
דארפסלייט וואס ער זאל טאהן. האבען זיי איהם דערצעהלט
אז אזוינס האט שוין איינמאל געטראפען, איז דער אייגענ־
טהימער פון די פערד געגאנגען און האט איבערגעבעטען דעם
פריץ מיט א הוט צוקער, און ער האט צוריק געקראגען זיינע
פערד.

דער ישוב'ניק איז געגאנגען און געקויפט א הוט צוקער
און איז מיט דעם געקומען צום פריץ. אבער ער האט דעם
פריץ ניט געפונען צוהויז. וואס זשע האט דער ישוב'ניק גע־
טאהן? ער איז אריין אין שטאל, האט ארויסגענומען זיינע
פערד, און דעם הוט צוקער האט ער אוועקגעלייגט ביים
פריץ אויפ'ן טיש.

### נ מ ש ל

דאס איז א משל געגען יענע אידען, וואס קומען אריין

איז שוהל אויף א מינוט, ווארפען צו א „שנדר“, און מיינען אז מיט דעם האבען זיי זיך שוין אויסגעקויפט ביי דעם האר פון אלע וועלטען פאר אלע זייערע זינד.

## 190
## ווען די פערד לויפען

א סוחר איז געפאהרען אין א ווייטען וועג און אין זיין וואגען האט ער געפיהרט א סך געלד. דער וואגען איז געגאנגען זעהר שווער און לאנגזאם, צוליעב די שווערע גע־וויכט פון די געלד. איינמאל, בעת דער סוחר האט זיך אב־געשטעלט אבצורוהען אין אן אכסניא, האט מען ארויסגע־גנב'עט פון וואגען דאס גאנצע געלד און מען האט אויף דעם ארט אוועקגעלייגט ערד. נאכדעם ווי דער סוחר האט זיך אבגערוהט, איז ער געפאהרען ווייטער. אבער נאך איידער ער איז אבגעפאהרען א האלבע מייל פון דער אכסניא האט ער בעקומען א חשד, אז מען האט איהם בע'גנב'עט. ער האט געעפענט די זעק און האט געזעהן אז אנשטאט געלד געפינט זיך דארט ערד. איז ער שנעל צוריקגעקומען צו דער אכסניא און האט געצוואונגען דעם בעל־הבית אבצושטעקען די גנבה.

„זאג מיר, ווי אזוי האסטו זיך דערוואוסט אז דיר פעהלט דאס געלד?“ האט דער בעל־אכסניא געפרעגט.

„גאנץ פשוט,“ האט דער סוחר געענטפערט. „איך האב בעמערקט אז די פערד לויפען, האב איך פערשטאנען אז איםיצער האט מיר לייכטער געמאכט דעם וואגען.“

נ מ ש ל

ווען איהר זעהט איינעם לויפען צו א קערטעל, אדער

צו אַ הוליאַנקע, מיט שלעכטע חברים, איז אַ סימן אַז זיין מוח איז פוסט, אַז ער האָט פון זיך שוין אַראָבגעוואָרפן דעם יאָך פון אידישקייט און אַנשטענדיגקייט, און דערפאַר איז דעם פערד לייכט צו לויפן . . .

## 191
## זיין אייגענע שמוץ

איינער האָט גענומען אַ משרת וואָס זאָל אויפפּאַסן אויף זיין הויז. ער האָט דעם משרת אָנגעזאָגט אַז ער זאָל האַלטן די הויז ריין און קעהרען און ריינינגען יעדען טאָג. דער משרת איז אָבער געווען פויל און נאָכלעסיג און האָט ניט געוואָלט אַרבייטען. עס פערשטעהט זיך אַז די הויז איז געווען ניט געקעהרט און ניט גערוימט און פול מיט שמוץ.

דער בעל־הבית האָט איינמאָל בעטראַכט די הויז, ווי עס איז געווען אָנגעוואָרפן און שמוציג אין יעדען ווינקעל, און ערטערווייז האָבען זיך געפונען בערגלעך מיט שמוץ. האָט ער זיך געטראַכט אַז ער מוז דעם משרת אָנלערנען. ביינאַכט, בעת דער משרת איז געשלאָפען, האָט דער בעל־הבית גע־נומען דעם משרת'ס קליידער און האָט זיי אַוועקגעלייגט אין די שמוץ. אויף מאָרגען, אַז דער משרת איז אויפגע־שטאַנען און האָט געזעהן ווי פערשמוצט עס זיינען די קליי־דער זיינע, האָט ער געוואוסט אַז די שמוץ איז געווען זיין אייגענע . . .

### נ מ ש ל

דער אייבערשטער האָט אונז געגעבען קינדער, אַז מיר זאָלען אויף זיי אויפפּאַסען, זיי האַלטען ריין, זיי לערנען צו פיהרען אַ ריינעם לעבען. אָבער אויב מיר פערנאַכלעסיגען

אונזערע קינדער און מיר גיבען זיי נים קיין ריכטיגע ערצי־הונג, וואקסען זיי אוים שלעכטע און פערדארבענע מענשען. און אלס שטראף גיט אונז איבער דער אייבערשטער אין די הענד פון אונזערע אייגענע קינדער...

## 192

# א גאנצע זאך

איינער האט געבוים א הויז. געוועהנליך, א הויז ווערט נים פערטיג אין איין טאג, נאר ביסלעכווייז. אז מען פרעגט איהם איינמאל: „וואס האט איהר שוין?" ענטפערט ער: „איך האב שוין א פונדאמענט."

א צווייטען מאל, אז מען פרעגט איהם וואס ער האט, זאגט ער: „איך האב שוין א פונדאמענט מיט פיער ווענט."

א דריטען מאל, אז מען פרעגט איהם, רעכענט ער שוין אוים, אז ער האט שוין א פונדאמענט, פיער ווענט, טיהרען און פענסטער.

נאך שפעטער, אז ער האט שוין ארויפגעשטעלט א דאך און מען פרעגט איהם וואס ער האט, רעכענט ער שוין נים אוים א סך זאכען, ער זאגט נאר איין זאך: „איך האב א הויז."

„א הויז" מיינט שוין אלעם וואס עס געהערט צו א הויז.

## נמשל

אז מען זאגט אויף איינעם, „ער איז א יחסן", קען זיין אז ער אליין איז א גארנישט. אז מען זאגט, „ער איז רייך," קען זיין אז ער האט א פערדארבענעם כאראקטער. מעלות זיינען בלויז בעזונדערע טיילען פון מענשען, אבער נים קיין

גאנצער בנין, ניט קיין פאלקאמענער מענש. א מענש דארף זיין מיט אלע מעלות, א גאנצע הויז.

## 193

# בעקומען אפעטיט

ביי א רייכען מאן זיינען געווען קינדער וועלכע מען פלעגט געבען צו עסען די פיינסטע און די טייערסטע מאכלים. אבער זיי פלעגען ווייניג עסען פון די אלע גוטע זאכען. דער פאטער האט זיך שטארק גענומען צום הארצען וואס זיינע קינדער עסען ניט. וויפעל ער האט זיך ביי זיי געבעטען, אז זיי זאלען עסען וואס מעהר, האט עס אלץ ניט געהאלפען. רייכע קינדער האבען קיין אפעטיט ניט: דאס איז שוין אזא אלטער כלל. און די וואס האבען אפעטיט פעהלט זיי צום אפעטיט.

איינמאל האט דער פאטער מיטגענומען זיינע קינדער אויף א לאנגער רייזע, נאך א וועיטער לאנד. אין וועג האבען זיי פערבלאנדזשעט און זיינען פערקראכען אין א מדבר, פון וואנען זיי האבען ניט געוואוסט ווי ארויסצוקריכען. זייער פראוויאנט איז אויסגעגאנגען און עס איז זיי אויסגעקומען צו עסען די ווילדע גראזען און פלאנצען, וואס איז אזוי ווי שלינגען נארלען. ווען די קינדער זיינען געווארען גוט הונ־געריג, זיינען זיי געקומען צו לויפען צו זייער פאטער און האבען מיט שמחה אויסגערופען: „זעה, טאטע! מיר האבען שוין אפעטיט!" דער פאטער האט טרויעריג געשאקעלט מיט'ן קאפ, דען ער האט געוואוסט וואס זיינע קינדער וועלען מוזען עסען אין דער וויסטעניש. און באלד האבען די קינדער טאקע זיך גענומען צו עסען מיט גרויס אפעטיט די שלעכטע,

אונגעזונדע גראזען און פלאנצען, וואס האבען קיין טעם און קיין ריח נים.

נ מ ש ל

אמאל, ווען מיר זיינען געווען אין אונזער אייגענעם לאנד, פלעגען מיר פון אונזערע לעהרער און נביאים נים וועלען הערען אפילו א פאר פסוקים פון דער תורה, אבער נאכדעם, אז מיר זיינען פערטריבען געווארען אין גלות, האבען מיר בעקומען חשק צו הערען אלערליי פאלשע נביאים, און מיר קארמענען אונזער גייסט מיט אלערליי פאלשע פשט'לעך און בויך־ספרות, וואס זיינען אזוי ווי דערגער פאר א לייד־דינען מאגען.

# 194
# האט אויגען אבער זעהט נים

אמאל איז א בלינדער געקומען צו א דאקטאר, ער זאל איהם אויסהיילען פון זיין בלינדקייט. דער דאקטאר האט איהם געמאכט אן אפעראציע אויף די אויגען, און ווי דער שטייגער איז, האט ער איהם נאכדעם געהאלטען אין א פינ־סטערען צימער, וואו עס קומט נים אריין קיין שיין ליכ־טיגקייט. יעדען טאג פלעגט דער דאקטאר קומען, זיך אנ־טאהן אזא גלעזעל אויף די אויגען און בעטראכטען דעם חולה'ס אויגען. און איינמאל האט דער דאקטאר צו איהם געזאגט: „מיין פריינד, איך קען דיר אנזאגען א פרעהליכע נייעס: דו ביזט שוין געהיילט!" האט דער בלינדער זיך געוואונדערט און געפרעגט: „ווי קען זיין אז איך בין גע־היילט, אז איך זעה נאך קיין זאך נים?" האט דער דאקטאר געענטפערט: „דו זעהסט נים יעצט, ווייל דו געפינסט זיך אין א פינסטערען צימער, אבער אין א פאר טעג ארום וועל

איך דיך ארויסלאזען פון דאנען און דו וועסט זעהן די ליכטיגע וועלט.“

נמשל

מיר האבען יעצט אויך צווישען אונז גרויסע מענשען, אזוי ווי אין די אמאליגע דורות, אבער צוליעב די פינסטער־קייט פון דעם גלות קענען מיר זיי ניט זעהן.

## 195

# אַן אָרימאַן טאָר מען אויך ניט טרויען

א רייכער מאן האט געהאט אן איין־איינציגע טאכ־טער, האט ער פאר איהר געפונען א חתן, א וואוילען בחור, א זוהן פון ארימע עלטערן. אבער דער בחור איז איהם אזוי געפעלען געווארען, דאס ער האט געוואלט אז מען זאל וואס פריהער שרייבען די תנאים. ווען מען האט גענומען שרייבען, האט דער ארימער מחותן געזאגט אז דער רייכער מחותן זאל איינלייגען געלד אלס משכון, אז ער וועט ניט חרטה האבען אויפ׳ן שידוך. דער רייכער מחותן האט גלייך אויסגעצעהלט הונדערט רענדלעך און זיי געלאזט איינלייגען ביים רב. איינער פון די איינגעלאדענע געסט וואס האט דאס געזעהן האט געפרעגט: „פארוואס נעהמט מען א משכון נאר ביים רייכען מחותן? פארוואס זאל דער ארימער מחותן אויך ניט געבען א משכון?“ די אנדערע געסט האבען גע־לאכט פון דער פראגע און פון דעם פרעגער. „ווי פאלט עס אייך איין דאס דער ארימאן, דער קבצן, וועט זיך ענטזאגען פון אזא גליק? מיט איהם איז מען שוין זיכער אהן א משכון!“

אבער עס האט דאך פאסירט אז דער ארימאן האט

שפּעטער יאָ חרטה געהאַט אויפ'ן שידוך, און אַזוי ווי ער האָט קיין משכּון ניט געגעבען האָט מען איהם גאָרנישט גע־קענט טאָהן. דאָס צייגט אַז אַן אָרימאַן איז אויך ניט קיין בטוח.

נ מ ש ל

ווען די אידען האָבען זיך פערבונדען מיט'ן רבונו של עולם, האָט ער ביי זיי איינגעליינט אַ משכּון — דאָס איז די תורה. אידען האָבען קיין משכּון ניט איינגעליינט און דאַרום איז זיי לייכט געווען חרטה צו האָבען אויפ'ן שידוך און דינען עבודה זרה.

## 196
## גנב'ענען ביי אַ טאַטען

אַ קליינער אינגעל האָט אַמאָל גע'גנב'עט ביי זיין טאַטען אַ היבשע סומע געלד. דער פאָטער האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער ביים זוהן אַבגענומען דאָס געלד און האָט איהם אָנגעזאָגט אַז ער זאָל דאָס מעהר ניט טאָהן, אָבער ער האָט איהם קיין שטראָף ניט געגעבען.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט דער זעלבער אינגעל גע'־גנב'עט עטליכע גראָשען ביי אַ פרעמדען, און ווען זיין פאָ־טער האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער איהם צו'הרג'עט, צובלוטיגט און איהם געמאַכט פול מיט וואונדען. האָט דער אינגעל גענומען טענה'ן: „טאַטע! פאַרוואָס אַז איך האָב ביי דיר גע'גנב'עט אַ סך געלד האָסטו מיך גאָרניט געשלאָגען, און פאַר אַ פּאָר גראָשען וואָס איך האָב גע'גנב'עט ביי אַ פרעמדען האָסטו מיך צוקיילט און צובייליט?" האָט דער פאָטער אַזוי געענטפערט:

„אז דו האסט גע׳גנב׳עט ביי מיר, ביז איך דאך א טאטע. איך דארף דיך שפייזען און קליידען, און דיר געבען אלעס וואס דו דארפסט. נאר אז דו האסט גענומען צופיעל און מיר האט דאס געלד געפעהלט, האב איך דאס געלד ביי דיר אבגענומען, און דאס איז שוין געווען פאר דיר גענוג א שטראף. אבער אז דו האסט גע׳גנב׳עט ביי א פרעמדען, איז ניט גענוג וואס איך זאל איהם אומקעהרען די פאר גראשען. מיט דעם וועל איך דעם פלעק ניט אבווישען. דו בלייבסט א גנב, א פערברעכער, און דאס איז א חרפה פאר דיר און פאר מיר און פאר דער גאנצער משפחה. אט דער־פאר קומט דיר א גרויסע שטראף.“

נמשל

אזוי זאגט אויך דער רבונו של עולם צו די מענשען. די זינד וואס איהר בעגעהט געגען מיר זיינען ניט אזוי שלעכט, ווייל איך ביז דאך אייער פאטער און מוז פון אייך ליידען. אבער די זינד וואס איהר בעגעהט געגען אייערע מיטמענשען, די קען איך אייך ניט מוחל זיין.

## 197

# א קראם מיט כל טוב

איינער א בעל־הבית פלעגט אימער קויפען אלעס וואס ער האט געדארפט ביי איינעם און דעם זעלבען קרעמער. איינמאל האט דער קרעמער געזעהן ווי יענער בעל־הבית געהט ארויס מיט א פעקעל פון אן אנדער קרעמער. האט עס איהם שטארק פערדראסען. „ס׳טייטש!“ האט ער גע־זאגט צום בעל־הבית. „ווען דו װאלסט צו יענעם געגאנגען קויפען א סחורה וואס איך האב ניט, וואלט עס מיך ניט

געארט: אבער אזוי ווי ביי מיר קריגסטו אימער אלעס וואס דו ווילסט, פריש און גוט, און יענער האט גאנץ ווייניג סחורה, און די ביסעל וואס ער האט איז פארלעגערטע און האלב צופוילטע, טא ווי זאל עס מיר ניט פערדריסען?"

נמשל

א קראם מיט כל טוב איז די תורה. עס האט וויסענשאפט, מאראל און פילאזאפיע, אלעס אין דער וועלט. הייגט ווי נאריש איז דאס פון מענשען צו זוכען חכמות אין פרעמדע תורות, וואס האבען קיין טעם און קיין ריח.

## 198
## א דאקטאר מיט א ווייטער אויג

ביי איינעם, א גרויסען גביר, איז קראנק געווארען זיין זוהן, א בן־יחיד. די קראנקהייט איז ניט געוועזען א געפעהרליכע, אבער וויל דער אינגעל איז געוועזען א שוואכער, א געצערטעלטער, און דער פאטער האט געהאט א סך געלד, האט ער אראבגעבראכט א גרויסען דאקטאר, א פראפעסאר, ער זאל היילען דעם קינד.

דער גביר האט געזעהן אז דער פראפעסאר נעהמט זיך צייט מיט דעם בן־יחיד: ער גיט איהם א סך רפואות, אבער דער אינגעל ווערט גארניט בעסער. האט דער גביר גארניט געקענט פערשטעהן וואָרום עס נעהמט דעם פראפעסאר אזא לאנגע צייט צו היילען אזא לייכטע קראנקהייט. האט ער איהם געבעטען אז ער זאל איהם דאס ערקלערען. האט דער פראפעסאר אזוי ערקלערט:

„זאלסט וויסען, אז זיין קראנקהייט, צוליעב וועלכער דו האסט מיך גערופען, איז שוין אריבער. אבער אז איך

האב דיין זוהן אונטערזוכט, האב איך אויסגעפונען אז אין זיין קערפער זיצט בעהאלטען א קראנקהייט, וואס איז יעצט בלויז אין אנפאנג וואקסען, און ער פיהלט דאס ניט, אבער שפעטער, אז ער וועט עלטער ווערען, קען די קראנקהייט זיך ענטוויקלען און ווערען זעהר געפעהרליך. און עס קען זיין אז ווען די קראנקהייט זאל שוין ווערען געפעהרליך וועט ער זיין צו אלט און זיין מאגען וועט זיין צו שוואך אז ער זאל קענען איינעהמען די רפואות וואס ער וועט דאן דארפען האבען. און עס קען אויך זיין אז דאן וועסטו ניט זיין אזוי רייך און וועסט ניט קענען צאהלען פאר די בעהאנדלונג פון א גרויסען דאקטאר. האב איך בערעכענט, אז גראדע יעצט, ווען ער איז יונג און דו ביזט רייך, וועל איך איהם געבען אזעלכע מעדיצינען וואס וועלען ארויסטרייבען זיין פערבארגענע קראנקהייט, און איך וועל די קראנקהייט יעצט אויסקורירען און פערטרייבען פון זיין קערפער.

## נ מ ש ל

דער אייבערשטער, וועלכער איז אונזער גרויסער דאקטאר, האט איינגעזעהן אז אידען, אין די שפעטערע דורות, וועלען האבען א סך צרות, אונגליקען און פערפאלגונגען, און זיי וועלען זיך ניט קענען געפינען א מיטעל ווי זיך בעסער צו מאכען. האט דער אייבערשטער אנגעפאנגען די צרות מיט א צייט פריהער, אין די צייטען פון די הייליגע אבות, וועלכע זיינען געווען גייסטיג יונג און שטארק, און האט די היילונג אנגעפאנגען מיט זיי. און דאס האט אונז געהאלפען אז מיר זאלען האבען יעצט כחות אויסצוהאלטען דעם ביטערען גלות מיט די רדיפות

## 199
# דער פוילער אַרבייטער

איינער וואָס האָט געהאַט אַ יוֹאוועליר־געשעפט האָט צוגענומען צו זיך אַן אַרבייטער צו מאַכען און צו פאַרריכטען פאַרשיידענע ציערונג. ער האָט דעם אַרבייטער אָבגעגעבען אַ בעזונדער צימער צו אַרבייטען און ער האָט איהם אויך געגעבען אַלערליי ווערקציינ וואָס מען דאַרף האָבען צו אַזאַ אַרבייט.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַז דער אַרבייטער האָט פאַרלאָרען אַ צווייגעל. האָט דער בעל־הבית גענומען שרייען אויף איהם ווארום ער האָט עס פאַרלאָרען. „וואָס שרייט איהר אַזוי?" האָט דער אַרבייטער צוריק געשריען. „וואָס איז דאָס פאַר אַ גוואַלד? פאַר אַ גילדען קויף איך אייך אַן אַנדער צווייגעל."

„ניין," האָט דער בעל־הבית געענטפערט, „ניט דער פאַר־לוסט פון דעם צווייגעל אַרט מיך. דאָס איז טאַקע אַ קליי־ניגקייט. אָבער אַז דו קענסט פאַרלירען אַ צווייגעל, צייגט עס אַז דו פוילסט זיך אונטער אין דיין אַרבייט. דען ווען דו וואָלסט געאַרבייט ווי געהעריג איז, וואָלטען די ווערקצייג געלעגען ביי דיר אין אָרדנונג, יעדע זאַך אויף אַ ריכטיגען אָרט, און דו וואָלסט קיין זאַך ניט פאַרלאָרען."

### נ מ ש ל

אַזוי איז מיט אַ אידען וואָס פוילט זיך צו לערנען תורה. ער פאַרגעסט זיך וואָס ער האָט געלערנט און פאַרלירט אָפט אַ מצוה.

## 200
# אַ שטאָדט פון לויטער רייכע און געזונטע

איינער איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָדט און איהם איז דאָרט שטאַרק געפעלען געוואָרען צו פערבלייבען. איבעראַל, וואו ער איז געגאַנגען, האָט ער געזעהן לויטער געזונטע און שטאַרקע מענשען און יעדער איינער איז געוועזען רייך. „אָט דאָ איז גוט צו וואוינען און דאָ בלייב איך!" האָט ער געזאָגט צו זיך.

נאָכדעם ווי ער איז דאָרט אָבגעוועזען אַ קורצע צייט, האָט ער אויסגעפונען אַז דער קלימאַט איז זעהר אַ שעדליכער, און אַז נאָר געזונטע מענשען קענען איהם אויסהאַלטען. שוואַכע מענשען לעבען דאָרט ניט לאַנג. אויך האָט ער אויסגעפונען אַז דער יקרות אויף לעבענסמיטעל איז דאָרט אַזוי גרויס, דאָס נאָר רייכע מענשען קענען דאָרט לעבען, און דערפאַר געפינען זיך אין דער שטאָדט לויטער רייכע און געזונטע.

## נ מ ש ל

דיזער משל ערקלערט די רייד פון די מרגלים, וועלכע האָבען דערצעהלט אַז זיי האָבען געזעהן אין ארץ ישראל גרויסע ריעזען, און צו דער זעלבער צייט איז דאָס אַ לאַנד וואָס פערניכטעט איהרע איינוואוינער (ארץ אוכלת יושביה). עס הייסט אַז נאָר שטאַרקע ריעזען קענען דאָרט לעבען.

## 201
## ער ווייס ניט וואָס צו בעטען

צו אַ גרויסען דאָקטאָר, וועלכער איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה און פלעגט היילען אָרימע מענשען אומזיסט, איז אריינגעקומען אַ חולה און האָט געבעטען אַז דער דאָקטאָר זאָל איהם געבען צו עסען אַ פעטען קוגעל. אַנדערע פּאַציענטען וואָס זיינען געווען דערביי און האָבען געזעהן ווי יענער חולה איז זעהר קראַנק, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס, האָבען איהם אָנגענומען פאַר אַ משוגענעם און זיי האָבען געזאָגט: „ניט גענוג וואָס ער בעט ניט אַ רפואה איהם צו היילען, בעט ער נאָך אַ זאַך וואָס וועט איהם מאַכען נאָך מעהר קראַנק!“ אָבער דער דאָקטאָר האָט צו די פּאַציענטען אַזוי ערקלערט:

„אַט טאַקע דערפאַר וואָס ער ווייס ניט וואָס צו בעטען און ווייס ניט וואָס עס איז גוט פאַר איהם, האָב איך אויף איהם מעהר רחמנות ווי אויף אַנדערע. איך ווייס שוין וואָס איהם פעהלט און וואָס ער דאַרף האָבען, דארום הער איך זיך גאָרניט צו וואָס ער בעט. איך גיב איהם וואָס עס איז גוט פאַר איהם.“

### נ מ ש ל

מיר, אידען, בעטען ביי דעם אייבערשטען אַ סך זאַכען וואָס מיר דאַרפען זיי ניט און וואָס זיינען ניט גוט פאַר אונז. אָבער ער, כביכול, הערט זיך ניט איין צו דעם וואָס מיר בעטען, נאָר ער גיט אונז דאָס וואָס מיר דאַרפען האָבען, וואָס עס איז גוט פאַר אונז.

## 202
# דער שטומער בעל-עגלה

איינער, א סוחר, האט געדונגען א וואגען איהם אבצופיהרען אין אן אנדער שטאדט. האט דער בעל־עגלה איינגעשפאנט פאר איהם א וואגען מיט א פאר פערד און האט איהם געגעבען איינעם פון זיינע אנטרייבער צו פאהרען מיט איהם. דער אנטרייבער איז געווען א שטומער וואס האט ניט געקענט אויסריידען א ווארט. האט דער סוחר גע׳טענה׳ט צום בעל־עגלה: „וואס האט איהר געטאהן? איהר האט מיר געגעבען א שטומען אנטרייבער מיט ועמען איך קען זיך נישט צוזאמענריידען!"

„איך פערשטעה נישט," האט דער בעל־עגלה צוריקגע׳טענה׳ט, „וואס דאס איז פאר אן אונגליק. וואס האט איהר אייגענטליך מיט איהם צו ריידען!"

„וואס הייסט?" האט דער סוחר געזאגט. „איך דארף דאך איהם אמאל א פרעג טאהן, אויב מיר זיינען שוין אנגעקומען אין דעם ארט, וואו איך פאהר. איך דארף דאך וויסען ווען ארונטערצוגעהן פון וואגען, ווייל איך בין מיט יענער שטאדט ניט בעקאנט."

„איהר האט מיט דעם אנטרייבער גארנישט וואס צו ריידען," האט דער בעל־עגלה געענטפערט. „אזוי לאנג ווי ער פאהרט זאלט איהר זיצען אין וואגען. אבער אז איהר וועט זעהן אז ער שטעלט זיך אב און פאהרט שוין נישט וויטער, איז א סימן אז איהר זייט שוין אנגעקומען אויפ׳ן פלאץ."

נ מ ש ל

אידען זוכען צו דערגעהן דעם „קץ", די ריכטיגע צייט ווען משיח וועט קומען, און זיי פרעגען זיך ווארום זיי קענען דאס ניט אויסגעפינען. דער תירוץ איז אז ווען דער גלות וועט זיך ענדיגען וועלען זיי שוין אליין זעהן אז די גאולה איז געקומען.

## 203
## דער דאָקטאָר און זיינע פּאַציענטען

אין א שטאָדט איז געווען אן איין־איינציגער דאָקטאָר און אלע פלעגען מוזען צו איהם אנקומען, ווייל קיין אנדערער איז ניט געווען. איז דאָרט געווען איין רייכער מאן וואס פלעגט דעם דאָקטאָר צאָהלען פון יאָהר, פאַר זיך און זיין פאמיליע. די אנדערע מענשען פון דער שטאָדט פלעגען דעם דאָקטאָר צאָהלען נאָר ווען זיי פלעגען איהם רופען. דער דאָקטאָר איז אבער געווען א חכם און דערצו האָט ער ליעב געהאָט א רענדעל. און אז מען פלעגט איהם רופען צו א חולה פלעגט ניט געבען אזא רפואה פון וועלכער דער חולה זאָל גלייך געזונט ווערען, נאָר ער פלעגט איהם בלויז א ביסעל לייכטער מאכען, כדי מען זאָל איהם רופען א צווייטען און א דריטען מאָל, און ערשט דאן פלעגט ער איהם געבען א ריכטיגע רפואה.

אבער מיט דעם רייכען מאן, וואס פלעגט איהם צאָהלען פון יאָהר, האָט דער דאָקטאָר ניט געדאַרפט אזוי האנדלען. איהם פלעגט ער געזונד מאכען ביים ערשטען בעזוך, דען צו וואס האָט זיך איהם געלוינט צו פערציהען די קראַנקהייט, ווען דער גביר צאָהלט דאך איהם פון יאָהר?

### נמשל

דער צדיק וואָס בעט דעם אייבערשטען יעדען טאָג, ווערט געהאָלפען גלייך. אָבער דער וואָס בעט נאָר ווען ער איז אין א נויטה אָדער א צרה, דעם פערלייגנערט דער אייבערשטער זיין הילף, כדי ער זאָל זאָגען נאָך א תפלה, נאָך א קאַפּיטעל תהלים.

## 204
## אייגענע שונאים ערגער פון פרעמדע

א מלך האָט געפיהרט מלחמה געגען זיינע פיינד. די פיינד זיינען געווען שטאַרקער און זיי האָבען דעם מלך פערטריבען פון איין פּאָזיציע צו אַן אַנדערער. לסוף האָבען זיי איהם געכאַפּט און גענומען אין פּלען. דער מלך האָט זיך געטרייסט אַז זיינע טרייע סאָלדאַטען און גענעראַלען וועלען יעצט נאָך שטאַרקער קעמפּפען געגען דעם שונא און זיי וועלען איהם בעפרייען. אָבער ווען דער מלך האָט געזעהן אַז זיינע אייגענע גענעראַלען זיינען איבערגעגאַנגען צום שונא און זיי העלפען דעם שונא צו בעקעמפּפען די סאָלדאַטען וואָס זיינען געבליבען אָהן א מלך און אָהן א פיהרער, האָט דער מלך פערגאָסען טרעהרען און האָט געזאָגט:

„אַלעס וואָס דער שונא האָט מיר געטאָהן טוהט מיר ניט אַזוי וועה ווי דאָס וואָס מיינע אייגענע גענעראַלען האָבען מיר געטאָהן.“

### נמשל

די רשעות פון אַלע צוררי היהודים טוהט אונז ניט אַזוי וועה ווי ווען איינער פון אונזער אומה געהט אַריבער צו אונזערע שונאים און ווערט איינער פון זייערע.

## 205
# עס איז דאָ אויף וואָס צו קלאָגען

אַ פֿאָטער האָט געהאַט אַ סך קינדער. זיינען אַלע געווען שוואַכע און קראַנקע און האָבען קיין זאַך ניט געקענט טאָהן. איין זוהן האָט ער יאָ געהאַט אַ געזונטען, אַ שטאַרקען, און דער איין זוהן האָט געאַרבייט פֿאַר אַלע קינדער און האָט זיי אַלעמען מפרנס געווען.

נאָכדעם איז געקומען אַ צייט אַז דער שטאַרקער זוהן איז פּלוצלונג געשטאָרבען. דער פֿאָטער האָט נאָך איהם שטאַרק געטרויערט אַ לאַנגע צייט און האָט זיך גאַרניט גע־לאָזט טרייסטען. האָבען איהם פֿריינד געפֿרעגט: „וואָס קלאַגסטו אַזוי? וויפֿיעל איז דער שיעור? געשטאָרבען איז געשטאָרבען. צוריק לעבעדיג מאַכען קען מען ניט." האָט דער פֿאָטער געענטפֿערט זיינע טרייסטער: „ניט אויף דעם זוהן וואָס איז מיר געשטאָרבען וויין איך, איך וויין אויף די לעבעדיגע וועלכע זיינען געבליבען אָהן אַ שפּייזער און אָהן אַ שטיצער."

### נמשל

מיר וויינען ניט אַזוי אויף דעם בית־המקדש, וועלכער איז געווען דער צענטער פֿון אונזער לעבען און האָט אונז פֿערגעבען אַלע זינד, און איז נאָכדעם חרוב געוואָרען, נאָר מיר וויינען אויף אונזער פֿאָלק וואָס לעבט נאָך, אָבער איז אין גלות.

## 206
# די טייערע מתנה

א פאָטער האָט איינמאָל פון וועג געבראַכט זיין קליינעם אינגעל א זייגערל פאַר א מתנה. דער פאָטער האָט געמיינט, דער אינגעל זאָל פון דעם זייגערל האָבען פערגניגען. אָבער וואָס האָט דער אינגעל געטאָהן? ער האָט זיך געשפּיעלט און געשפּיעלט מיט'ן זייגערל, און נאָכדעם האָט ער איהם געעפענט, פונאַנדער גענומען די רעדעלעך, אראָבגענומען די ספּראַנזשינע, און נאָכדעם ווי ער האָט דעם זייגערל איבערגעפיהרט, איז ער געזעסען און געוויינט און געזאָגט צו זיין פאָטער: „זעה וואָס דו האָסט מיר געטאָהן!" האָט דער פאָטער געענטפערט: „איך האָב דיר געוואָלט פערשאַפען פערגניגען, און דאָס וואָס דו האָסט זיך בענאַרישט און מיין מתנה קאַליע געמאַכט, בין איך ניט שולדיג. האָסט בעדאַרפט מיין מתנה היטען."

### נמשל

אזוי זאָגט דער איבערשטער צו די אידען: איך האָב אייך געגעבען א טייערע מתנה — שבת, א טאָג אין וועלכען יעדער איד קען זיך אויסרוהען פון זיין ארבייט און זיינע זאָרגען. אָבער אז איהר פערברייננגט דעם הייליגען טאָג אין נאַרישקייטען בין איך ניט שולדיג אז איהר האָט די טייערע מתנה פערדאָרבען.

## 207
## דער זייטיגער פערדיענסטעל

א סוחר האט געשיקט זיינעם א משולח קיין לייפציג קויפען פאר איהם סחורה, און ער האט איהם מיטגעגעבען געלד צו בעצאהלען פאר די סחורה וואס ער האט איינגעקויפט. אויפ'ן וועג האט זיך געמאכט דעם משולח עפעס צו קויפען און אליין צו מאכען עפעס א פערדיענסטעל, האט ער זיך בענוצט מיט די געלד פון זיין בעל־הבית, געקויפט און פערקויפט. און נאכדעם איז ער געפאהרען אין לייפציג און האט איינגעקויפט פאר זיין בעל־הבית אלעס וואס ער האט געהייסען.

און כאטש דער משולח האט פון זיין בעל־הבית'ס געלד גארנישט פערנומען, האט ער דאך בעגאנגען אן עולה, ווייל דער סוחר בעצאהלט דאך איהם מיט גוט געלד פאר זיין שליחות, היינט צו וואס זוכט ער נאך מעהר צו פערדיענען מיט די געלד פון זיין בעל־הבית?

### נמשל

אזוי איז אויך מיט די מענשען וואס היטען די מצוות פון דער תורה און זאגען אז די מצוות זיינען געגעבען געווארען צוליעב מענשליכע פליכטען אדער צוליעב געזונד. למשל, זיי זאגען אז חזיר עסען איז פערבאטען ווייל דאס איז אומגעזונד, און אז זיי פאלגען דיזע מצוה פערהיטען זיי דערמיט זייער געזונד, אדער אז גנב'ענען און גזלנ'ען טאר מען ניט ווייל עס איז א זינד געגען דער מענשליכער געזעלשאפט. עס איז זיי ניט גענוג וואס זיי קריגען א גרויסען שכר אויף יענער וועלט פאר זייער היטען די מצוות, זוכען

זיי נאָך פון די מצוות צו ציהען אַ זייטיגען פערדיענסטעל אויף דער וועלט.

## 208
# די מסירה

פּאַר גרויס נויטה איז אַמאָל אַן אָרימאַן געוואָרען אַ מסור. איידער אָרומצוגעהן הונגעריג, באָרפוס און נאַקעט, ער מיט זיין ווייב און קינדער, האָט ער אָנגעהויבען אַ ביסעל אונטערצו'מסר'ן אידען, און דערפון האָט ער אָפּט געהאַט אַ פערדיענסטעל.

איינמאָל, אַז דער אָרימאַן, דער מסור, איז געגאַנגען אין וועג, האָט ער געזעהן ווי עם פאָהרען סוחרים מיט פוהרען, און ער האָט באַלד פערשטאַנען אַז דאָ פיהרט מען ניט קיין כשרה סחורה — פשוט קאָנטראַבאַנד. איז ער צוגעגאַנגען צו די סוחרים און געבעטען אַ נדבה. אַ פּאָר פון די סוחרים, וועלכע זיינען געווען חכמים, האָבען בעמערקט אַז דער אָרי־מאַן קוקט עפּעס צופיעל אויף זייערע וואָגענס, און זיי האָבען פערשטאַנען וואָס ער מיינט. האָבען זיי איהם געגעבען אַ שעהנע נדבה, און דער אָרימאַן איז נאָכדעם געגאַנגען צו די אַנדערע סוחרים. די אַנדערע האָבען איהם צוגעוואָרפען אַ פּאָר גראָשען. „ניין, אַזוי ווייניג נעהם איך ניט," האָט דער אָרימאַן געענטפערט. „איך בין ניט קיין פּראָסטער אָרימאַן. פאַר מיר איז דאָס אַן אומ'כבוד צו נעהמען אַזאַ קליינינקייט."

האָבען די סוחרים איהם אויסגעזידעלט און דערצו גוט אָנגעבראָכען די ביינער און פערטריבען. וואָס טוהט דער אָרימאַן? געהט ער אוועק צום פּריץ און גיט אַריין אויף די סוחרים אַ מסירה. דער פּריץ האָט זיי געכאַפּט, זיי אַרע־טירט און אריינגעזעצט אין תפיסה. האָבען די סוחרים גע־

שיקט צום אָרימאַן און זיך געבעטען: „גוואלד, האָב רחמנות, רייד צום פּריץ אַז ער זאָל אונז פריילאָזען און מיר וועלען דיר געבען פיעל דו ווילסט.“ אָבער דער אָרימאַן האָט זיי געענטפערט: „פערפאלען, יעצט אז מען האָט שוין אייך געכאַפּט ביי דער עבירה קען איך אייך מעהר ניט העלפען.“

## נ מ ש ל

אַ רייכער מאַן אַ חכם העלפט אימער אַן אָרימאַן וואָס קומט צו איהם נאָך אַ נדבה. אָבער אַ רייכער מאַן וואָס האָט ניט קיין שכל פערטרייבט דעם אָרימאַן. דער אָרימאַן בעקלאָגט זיך פאַר דעם אייבערשטען און עס קומט אויף דעם גביר אַ צרה. דער גביר ווערט קראַנק, און ליגענדיג אין בעט הייסט ער מען זאָל געבען אָרימע לייט געלד אַז זיי זאָלען זאָגען תהלים און בעטען פאַר איהם אַז ער זאָל געזונד ווערען. אָבער אַמאָל קען שוין דער אָרימאַן גאָרניט העלפען מיט זיין תהלים זאָגען.

## 209

# פאַר אַ טאַטען שעהמט מען זיך ניט

איינער, אַ יונגער בחור'ל, דער זוהן פון אַ רייכען טאַטען, האָט זיך איינמאָל פערזינדיגט און דער פאָטער האָט איהם אַרויסגעטריבען. איז דער זוהן אוועק און אויפ'ן וועג האָט ער זיך אַנגעשלאָסען צו אַ כאַליאַסטרע אָרימע לייט, וועלכע האָבען זיך געלאָזט איבער דער וועלט זוכען פּרנסה.

זיי זיינען אַלע געגאַנגען זעהר ווייט. יעדער איינער האָט זיך צו עפּעס צוגעשלאָגען, נאָר דער יונגער בחור'ל האָט גאָרנישט געקענט פערדיענען. דערווייל איז זיין פאָטער'ס

כעם אבנעגאנגענע און ער האט געשיקט א שליח אויפצוזו־כען דעם זוהן און איהם ברייגען צוריק אהיים.

ווען דער שליח איז געקומען, און האט דעם זוהן אנגע־זאגט די גוטע בשורה, אז דער פאטער האט איהם מוחל גע־ווען און ער וויל אז ער זאל קומען אהיים, האט דער בחור זיך צוואויינט אויפ'ן קול. „וואס וויינסטו?" האט דער שליח געפרעגט. און דער בחור האט געענטפערט: „איך שעהם זיך צו קומען צו מיין פאטער אזוי ארים, אין צוריסענע קליידער, און מיט ליידיגע הענד, דען די גאנצע צייט וואס איך בין דא געווען האב איך גארנישט געמאכט." האט דער שליח גע־ענטפערט: „וואס האסטו זיך צו שעהמען פאר אן אייגענעם טאטען? דיין פאטער דארף דען דיינע פערדיענסטען? ער איז דאך רייך גענוג!"

### נמשל

ווען די אידען זיינען ארוים פון מצרים האבען זיי גע־זאגט צו משה רבינו „מיר שעהמען זיך צו קומען אין אונ־זער לאנד אזוי ארים און מעשים טובים." האט משה זיי געענטפערט: „צו וועמען קעהרט איהר זיך אום? איהר געהט דאך צו אייער פאטער וואס איז אין הימעל! נו, דארף א זוהן זיך שעהמען פאר אן אייגענעם טאטען?"

## 210
## ברוגז געמאכט דעם גנב

עס איז געווען אמאל איינער, א זעהר פיינער מאן, א מענש אהן א גאל, וואס האט זיך מיט קיינעם אין זיין לע־בען ניט געקריעגט, און קיינמאל האט מען פון זיין מויל ניט געהערט א הויך ווארט געגען אימיצען. אפילו אויף א

שונא האט ער קיינמאל ניט אויסגערעדט קיין שלעכט ווארט. איינמאל איז צו איהם אין הויז געקומען א מאן, וועמען אלע האבען געקענט פאר א גנב. דער פיינער מאן האט באלד גענומען שרייען אויפ'ן גנב און מיט איהם זיך קריעגען. דער גנב איז ברוגז געווארען און איז אוועק. נאכדעם האבען די פריינד פון דעם פיינעם מאן איהם געפרעגט: „ווי קומט עס צו דיר אז דו זאלסט זיך קריעגען מיט א מענשען און איהם בעליידיגען?" האט דער פיינער מאן געענטפערט: „עס איז מיר געווען זעהר ניט צום הארצען זיך צו קריעגען מיט איהם, אבער אזוי ווי ער איז א גנב, האב איך געוואלט זיין זיכער, אז ער זאל ניט צונעהמען פון מיין טיש א ביסעל זילבער, האב איך איהם ברוגז געמאכט, און איך בין זיכער, אז ער וועט שוין מעהר צו מיר ניט קומען."

נ מ ש ל

דער יצר הרע איז א גנב וואס גנב'עט זיך אריין אין דעם מענשענ'ס הארצען און פיהרט איהם אראב פון דרך הישר. עס איז בעסער איהם גלייך צו פערטרייבען און איהם איינצוברוגז'ן, אז ער זאל מעהר ניט קומען צוריק.

## 211
## א שלעכטער צאהלער

ראובן האט געמאנט ביי שמעון א גרויסע סומע געלד. האט ראובן איהם געקלאגט אין געריכט און דער ריכטער האט ארויסגעגעבען א פסק דין דאס שמעון מוז בעצאהלען, אבער אזוי ווי שמעון האט גע'טענה'ט אז ער קען ניט בעצאהלען די גאנצע סומע אויף אמאל, האט דער ריכטער אב־געמאכט אז ער זאל צאהלען ביסלעכווייז, יעדע וואך א רובל.

„און ווי וועט זיין אז איך וועל צאָהלען און צאָהלען, נאָר עס וועט זיך אמאָל מאכען א וואָך אז איך וועל פערפעהלען?“ האָט שמעון געפרעגט ראובנ׳ען.

„אז דו וועסט נאָר צאָהלען בסדר, וועל איך דיר אָב-ווארטען אמאָל א וואָך וואָס דו וועסט ניט קענען צאָהלען,“ האָט ראובן געענטפערט.

ראובן איז אוועק אהיים און האָט געוואַרט שמעון זאָל איהם ברענגען די ערשטע צאָהלונג. עס איז אוועק א וואָך, צוויי, שמעון האָט נאָר אפילו ניט אָנגעהויבען צו צאָהלען. האָט ראובן דאָן פערשטאַנען אז ער וועט נאָך האָבען א היבשע ביסעל ארבייט ביז ער וועט קענען אויפמאָהנען זיין געלד.

## נ מ ש ל

עס קען אמאָל טרעפען, אז אַ איד פערפעהלט א מנחה אדער א מעריב, צוליעב קאָפּדרעהעניש וועגען פרנסה, אָבער א איד וואָס הויבט גאָר קיינמאָל ניט אָן דאַווענען איז אַן אָנזעצער.

## 212
## צוויי אָרימע-לייט

צוויי אָרימע לייט זיינען אָנגעקומען אין א הויז וואו עס איז געווען א שמחה. האָט זיי דער בעל הבית געהייסען זיך זעצען צום טיש און אויך עסען. איינער פון די אָרימע לייט האָט זיך אָנגעגעסען און אָנגעפּאַקט ווי פיעל נאָר עס האָט געקענט אין איהם אריין און ער האָט אויך ניט פערגעסען מיטצונעהמען אין קעשענע אַ ביסעל פון די גוטע זאכען אהיים. דער אנדערער האָט גאָר נישט פערזוכט, ווייל ער

האט געהאט יאהרצייט און ער האט אין אזא טאג אימער געפאסט. דאך איז ער געזעסן ביים טיש און האט זיך אונטערהאלטן גלייך מיט אלעמען, און קיינער האט גאר ניט בעמערקט אז ער עסט ניט.

ווען די צוויי ארימע־לייט זיינען אוועק, האט דער בעל־הבית געגעבען א שעהנע נדבה צו דעם וואס האט ניט געגעסען, און צו דעם וואס האט יא געגעסען האט ער גאר ניט געגעבען.

„פארוואס קומט איהם אזא שעהנע נדבה און מיר גאר־ניט ?" האט דער פרעסער געפרעגט.

„וועניג איז דיר וואס דו האסט זיך אזוי זאט אנגעגעסען און האסט נאך מיטגענומען אין דיינע קעשענעס, דאס דו ווילסט איך זאל דיר נאך צוצאהלען ?" האט דער בעל הבית געזאגט. „יענער האט גארניט פערזוכט און פון דעסטוועגען האט ער זיך אזוי שעהן אויפגעפיהרט, דערפאר האב איך איהם געגעבען א שעהנע נדבה."

נ מ ש ל

א כלל־טוער וואס ציהט ניט קיין פערזענליכען נוצען פון זיין ארבייט און ארבייט לשם שמים, דעם קומט דער גרעסטער לוין.

## 213

## וואס טויג איהם עטיקעטע ?

א רייכער מאן האט ביי זיך אין הויז געהאלטען א לעהרער צו לערנען מיט זיינע קינדער עטיקעטע, ווי זיך אויפצופיהרען צווישען מענשען, וועגען וואס צו ריידען, ווי צו געהן, ווי צו זיצען, ווי צו עסען ביים טיש, און אזוי ווייטער.

איינמאָל, בעת דער לעהרער איז געזעסען און האָט געלערנט די קינדער טיש עטיקעטע, ווי זיך אויפצופיהרען ביים עסען, איז אריינגעקומען א ווילדער אינגעל, איינער פון די ווייסע חברה'ניקעס, און האָט זיך אוועקגעשטעלט ביים טהיר זיך צוהערען. האָבען די תלמידים איהם געוואָלט ארויסטרייבען: „וואָס אַרט עס אייך אז איך וועל זיך צוהערען וואָס אייער לעהרער לערנט אייך? לאָמיך אויך וויסען ווי צו זיין א ליי־טישער מענש!" האָבען איהם די תלמידים געלאָזט שטעהן.

דער לעהרער האָט גענומען ערקלערען ווי מען נעהמט אַן אַן איינלאַדונג צו א מאָהלצייט, ווי מען דאַרף זיך ניט רוקען אויבען אַן, ווי מען דאַרף האַלטען גאָפּעל און מעסער, און אַזוי ווייטער. דער ווילדער אינגעל איז געשטאַנען מיט אַן אָפּענעם מויל און זיך צוגעהערט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„וואָס טויג דיר דאָס אַלץ צו וויסען?" האָבען די תלמידים איהם געפרעגט. „דיך לאַדט מען דען ווען איין צו א מאָהלצייט? דו וועסט דען ווען עסען מיט א לעפעל? דו זופּסט דאָך אימער פון שיסעל! און וואָס טויג דיר צו ווי־סען ווי מען דאַרף האַלטען א גאָפּעל און מעסער, אַז דו כאַפּסט אימער מיט די הענד?"

נ מ ש ל

זוער עס לערנט און פּראַקטיצירט ניט דאָס וואָס ער לערנט, איז זיין לערנען ארויסגעוואָרפען.

## 214
## אייגענע און פרעמדע

א רייכער קרעמער האט געהאט אן ארימען קרוב. ווען דער ארימער קרוב פלעגט עפעס דארפען פלעגט ער קומען און דער קרעמער פלעגט איהם געבען אומזיסט. נאר אמאל, אז עס פלעגט זיך מאכען, דאס דער ארימער קרוב האט גע־דארפט האבען עפעס א זאך וואס דער קרעמער האט ניט געהאט אין זיין קראם, פלעגט זיך דער קרעמער בעמיהען, פלעגט געהן און קויפען די זאך אין אן אנדער קראם און דאס שענקען זיין ארימען קרוב.

אוןביים ארימען קרוב איז געווען מעהר אנגעלייגט דאס וואס דער קרעמער פלעגט קויפען אין אנדערע קראמען און איהם געבען, אלס די זאכען וואס ער פלעגט איהם געבען פון זיין אייגענעם קראם, ווייל אן אייגענע סחורה איז ניט אזוי שווער אוועקצוגעבען, אבער געהן און קויפען, דאס איז שוין גאנץ אנדערש.

### נ מ ש ל

אז דער אייבערשטער טוהט מיט דעם מענשען גוטעס גיט ער איהם פון זיין אייגענער סחורה, ווייל דער אייבערש־טער איז דאך א טוב ומטיב, און קיין אנדער סחורה ווי גוטסקייט האט ער ניט. אבער אז דער אייבערשטער דארף דעם מענשען שטראפען, כדי איהם צו מאכען גוט און פרום, מוז דער כביכול אנקומען צו מקטרגים וואס זאלען ריידען רשעות אויפ'ן מענשען און פאדערען א שטראף פאר איהם. דארום דארפען מיר מעהר דאנקבאר זיין פאר די פרעמדע סחורה וואס דער אייבערשטער גיט אונז, אלס פאר זיינע אייגענע.

## 215
## דער גוטער דאָקטאָר

א מלך האָט געהאַט קראַנקע קינדער, וואָס פלעגן כסדר האַלטען אין קרענקען און מען פלעגט זיי דאַרפען קורירען. דאָקטוירים האָבען זיי פשוט פאַרמוטשעט מיט די ביטערע און שאַרפע רפואות וואָס זיי פלעגען פאַר די קינדער פער־שרייבען. דער מלך האָט ניט געקענט צוזעהן דעם צער פון זיינע קינדער וואָס מוזען שלינגען אַלערליי ביטערע פּילען, האָט ער געשיקט בריעף און זיך נאָכגעפרעגט איבעראַל, אויב עס איז דאָ פּילייכט א דאָקטאָר וואָס קען געבען רפואות וועלכע זיינען ניט ביטער. דער מלך האָט אָנגעבאָטען א סך געלד אויב אַזאַ דאָקטאָר וועט זיך געפינען, און עס האָט זיך אָבגערופען א דאָקטאָר וואָס האָט זיך אונטערנומען צו מאַכען אַזעלכע רפואות וואָס דעם מלך'ס קינדער וועלען זיין צופריעדען צו נעהמען.

דער דאָקטאָר איז געקומען, און אַז דעם מלך'ס קינדער האָבען פערזוכט זיינע רפואות האָבען זיי געבעטען אַז מען זאָל זיי געבען נאָך מעהר. זיי פלעגען זיך קוים דערוואַרטען ביז עס פלעגט קומען די צייט וואָס זיי דאַרפען נעהמען א פּיל, אָדער א לעפעלע מעדיצין. דאָס איז ווייל דער דאָקטאָר האָט פערשטאַנען ווי צו פערצוקערען זיינע רפואות אַז עס זאָל זיך ניט פיהלען קיין שאַרפקייט, אָדער ביטערקייט.

א צייט שפּעטער איז דער דאָקטאָר אַליין קראַנק גע־וואָרען און האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען. דער מלך האָט שטאַרק געקלאָגט און געוויינט וואָס ער פערלירט אַזאַ גוטען דאָקטאָר. האָבען איהם זיינע פריינד געפרעגט: „וואָס קלאָגסטו אַזוי? די וועלט געהט נאָך ניט אונטער. עס זיינען

דאַ נאָך געגוג גרויסע דאָקטוירים פערבליבען!" האָט דער מלך געענטפערט: „אזא דאָקטאָר וואָס קען היילען אַהן ווייטאָגען איז ניטאַ און וועט ניט זיין. אַט דארום וויין איך!"

## נ מ ש ל

דער אייבערשטער האָט געוואוסט אז מיר זיינען שוואַכע מענשען און מיר קענען ניט ביישטעהן דעם נסיון און זינדיגען אמאָל, האָט ער, ווי א גוטער פאָטער, פאר אונז געבויט א האָספיטאָל מיט די בעסטע דאָקטוירים, דאָס זיינען געוועזן דער בית המקדש מיט די כהנים און לוים, וואָס פלעגען מיט געזאַנג און קרבנות אויסווירקען פערצייהונג אויף אונזערע זינד. אָבער נאָכדעם ווי דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען און מיר האָבען מעהר ניט יענע גוטע דאָקטוירים, מוזען מיר איינגעהמען די שאַרפסטע און ביטערסטע פילען פאר אונזערע זינד.

# אלע אגדות
# פון תלמוד

## אַן עין יעקב אויף אידיש

אַ זאמלונג פון אלע מעשיות, משלים, אַלעגאָריען,
אנעקדאָטען, סאַטירעס, היסטאָרישע און
ביאָגראַפישע ערצעהלונגען, פּאָעטישע
און פילאָזאָפישע מאמרים און אַלע
ליטעראַרישע פערל

— פון —

**גאַנץ תלמוד בבלי און ירושלמי**

איבערזעצט אין א שעהנעם, לייכטען אידיש
פון **תשר״ק.**

דריי טייל, דריי בעזונדערע היבשע ביכער ביי
900 זייטען, געבונדען אין דריי פראַכטפולע
בענדער.

**פרייז 5 דאָלער**
(צוזאמען מיט פּאָסטיידזש)

**TASHRAK PUBLISHING CO.**

**187 East Broadway, New York**